STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05940

DI YIDISHE PROBLEM IN SOVET RUSLAND (SAKHAKL UN OYSFIRN)

Gregor Aronson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גריגאָרי אַראָנסאָן

די יידישע פּראָבלעם אין סאָוועט - רוסלאַנד

(סך־הכל און אויספירן)

פ א ר ל א ג „ו ו ע ק ע ר"
יידישער סאָציאַליסטישער פארבאַנד אין אמעריקע

ניו־יאָרק
1944

Copyright 1944
by G. Aronson
175 East Broadway
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

Tel. CHelsea 2-9878

166

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון נ. כאַנין

אַנשטאָט אַ הקדמה

I. דאָס אַלגעמיינע בילד

1. אונטערן צייכן פון דער מלחמה 17
2. די פּראָדוקטיוויזאַציע (סאָציאַל-עקאָנאָמישע טראַנספאָרמאַציע) 20
3. דאָס לעבנס-ניוואָ (דער אַרבעטסלוין און די פּרייזן) 24
4. פון שטעטל אין שטאָט (דעמאָגראַפישע ענדערונגען) 30

II. די רעקאָנסטרוקציע־פּראָגראַמען

1. די ערשטע טריט 39
2. אין דער תקופה פון קריג-קאָמוניזם און אויך ווייטער 42
3. דער איבערברוך 44
4. דער הויפּט-פּונקט אין דער אויפבוי-אַרבעט 47
5. פּלאַן-ווירטשאַפט (דער יידישער פינפיאָר-פּלאַן) 51

III. די דעקלאַסירטע

1. „אָקטאָבער" און די יידישע גאַס 56
2. די פאָלגן פון בירגער־קריג און פּאָגראָמען און דער „נעפּ" 58
3. פּרוּוון צו לייזן די פּראָבלעם 62
4. דאָס געזונטמאַכן פון שטעטל 68
5. די קוסטאַרן-פּראָבלעם 71
6. וואָס איז געווען ווייטער 74

IV. דער גורל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע

1. פון „אונטן" און פון „אויבן" 78
2. דער גרויסער אָנהייב 80
3. דער „אָפּפלוס" 83
4. קאָלעקטיוויזאַציע 86
5. אַלגעמיינע סך-הכלן 90
6. וועגן אַגראָ-דזשאָינט 95
7. אַ פּאָר אויספירן 98

זייט

V. די אינדוסטריאַליזאַציע

1. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע — 101
2. נייע אַרבעטער-קאַדרען — 103
3. דער וווּקס פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט — 107
4. אויספירן — 111

VI. די יידישע אינטעליגענץ און דער קולטור־פראָנט

1. די באַאַמטן-אַרמיי — 114
2. דער קריזיס פון דער יידישער קולטור — 119

VII. באַלאַנס פון בירא־בידזשאַן

1. דער ניט-געלונגענער יובל — 126
2. קיין בירא־בידזשאַן און צוריק — 128
3. די קלאָגעדיקע קאַלווירטן — 132
4. דאָס יידישע קליינשטעטל ביים אַמור — 136
5. היימישע און אויסלענדישע מאַסמיטלען — 139
6. די אומגליקלעכע איבערוואַנדערער — 141
7. אויספירן — 143

VIII. שונאים פון פאָלק

1. דער אונטערלעקער און דער מסור — 146
2. די ניט-אַנטוואָפנטע בונדיסטן — 150
3. די קאַריערע פון אַ יידישן קאָמיסאַר — 158

IX. דער אַלט־נייער לעבנס־שטייגער

1. דער יידישער גאָט אין סאָוועט-רוסלאַנד — 165
2. מענטשן און מידות — 171

פאָרוואָרט

דאָס בוך „די יידישע פּראָבּלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד" פון גריגאָרי אַראָנסאָן האָב איך מיט גרויס אינטערעס געלייענט אין מאַנוסקריפּט, און איך גלויב, אַז יעדער איינער, וואָס האָט אַן אינעווייניקסטע באַציאונג צו יידישע פּראָבּלעמען, וועט דאָס בוך לייענען מיט דעם זעלביקן אינטערעס, ווי איך.

איידער די איצטיקע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן אין סאָוועט־רוסלאַנד געלעבט אַרום 3 מיליאָן יידן. אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז נאָך ביז צום היינטיקן טאָג איינגעהילט אין אַ נעבל, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד איז אָנערקענט שוין פון אַלע מלוכות.

יעדערער, וואָס קומט אין רוסלאַנד, זעט נאָר דאָס, וואָס ער וויל זען, און אויך נאָר דאָס, וואָס מען דערלויבט אים צו זען, און דערפאַר פּאַסירט זייער אָפט, אַז צוויי מענטשן, וואָס זיינען געוועזן אין רוסלאַנד אין איין און דער זעלביקער צייט, קומען פון דאָרטן מיט קעגנזעצלעכע איינדרוקן און ווייט־פאַנאַנדערגעטיילטע מיינונגען. אויב דאָס איז דער פאַל מיט רוסלאַנד בכלל, איז דאָס נאָך מער ריכטיק בנוגע יידישע ענינים אין רוסלאַנד.

די יידן פון גאָר דער וועלט זיינען נאָך ביז היינט אָפּגעריסן פון דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד. די יידן פון אַמעריקע האָבן אַלע מאָל אַרויס־געוויזן אַ טיפן אינטערעס פאַרן גורל פון די רוסישע יידן. גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן ביז 1938 געהאָלפן דעם יידישן קיבוץ זיך איבערצובויען און זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, וואָס זיינען גע־שאַפן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע.

דאָס בוך פון גריגאָרי אַראָנסאָן האָט צו טאָן מיט דעם יידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד אין אַלע זיינע פאַזן פאַר די לעצטע 25 יאָר. גריגאָרי אַראָנסאָן האָט שטענדיק מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון סאָוועטישן יידנטום. דאָס גאַנצע בוך „די יידישע פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד" איז אויפגעבויט דער עיקר אויף אינפאָרמאַציע פון אָפיציעלע סאָוועטישע קוואַלן, אויף מאַטעריאַלן פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אָן אונטערשייד, ווי די באַציאונגען פון דעם לייענער זאָלן ניט זיין צום סאָוועטישן עקספּערימענט, וועט ער דאָס בוך פון גריגאָרי אַראָנסאָן לייענען מיט גרויס אינטערעס און מיט גרויס נוצן, אַפילו דאַן, ווען ער וועט מיט די אויספירונגען פון דעם מחבר ניט זיין אינגאַנצן איינשטימיק.

דאָס דאָזיקע בוך גיט אַ קלאָרע פאַרשטעלונג פון די פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלען זיך די יידישע מאַסן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, און באַקענט דעם יידישן לייענער מיט דער יידישער ווירקלעכקייט אין היינטיקן רוסלאַנד.

דאָס בוך איז ווערט פון אַלעמען געלייענט צו ווערן.

נ. כ א נ י ן

אָנשטאָט אַ הקדמה

.1

די רוסישע, די סאָוועטישע יידן... צי איז די צייט איצט צו טראַכטן וועגן זיי, — די „געראַטעוועטע", די „גליקלעכע"? איצט דאַרף אונזער געדאַנק זיין קאָנצענטרירט אינגאַנצן אויף די אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק, וואָס גייען דורך די „נעכט פון די לאַנגע מעסערס". דער מאָטאָריזירטער המן פון דעם 20-טן יאָרהונדערט האָט פאַרווירקלעכט דעם אַלטן און זינלאָזן טרוים, וואָס עס האָבן ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן די סאַמע פאַרביסענע אַנטיסעמיטן: הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען יידן זיינען אויסגעקוילעט, האָבן אָנגעפילט די ברידער־קברים אויף אַלע שטעגן און וועגן פון מזרח־אייראָפּע. אַרום 2 מיליאָן יידן זיינען געפאַלן אין פוילן, — טיילט מיט די פוילישע גלות־רעגירונג. גאַנצע 4 מיליאָן יידן זיינען שוין אויסגעהרגעט אין די שחיטות, — שטעלט מען פעסט פון סאָוועט־רוסלאַנד... ביי אַזעלכע אומשטענדן, צי איז עס די צייט, צי איז איצט באַרעכטיקט אויפצוהויבן די פראַגע וועגן דעם גורל פון די סאָוועטישע יידן?

אָט טאַקע דערפאַר, ווייל די שחיטות אויף יידן האָבן אָנגענומען אַזאַ ברייטן פאַרנעם, ווייל מיליאָנען מענטשן־לעבנס זיינען געפאַלן אונטערן האַמער פון דער געשיכטע, ווייל יידישע קיבוצים, איינער נאָך דעם אַנדערן, זיינען פאַרניכטעט און פאַרוויסט געוואָרן כמעט אין 15 אייראָפּעאישע לענדער, — טאַקע דערפאַר, ווייל דער שוואַרצער טויט האָט אָפּגעהאַקט די שענסטע און די לעבעדיקסטע צווייגן פון דעם יידישן פאָלקס-בוים, און דער קיום פון דעם פאָלק ישראל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגע־צייכן, — דאַרפן מיר זיך דערמאָנען, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען נאָך פאַראַן מיליאָנען יידן, זיינען פאַראַן גרויסע

יידישע קיבוצים, קלאפּט נאָך דער יידישער דופק און ברויזט נאָך דער יידישער גייסט.

די רוסישע יידן, וואָס זיינען אין משך פון צענדליקער יאָרן געווען דער אידעאישער, גייסטיקער קוואַל פון אַלע מאָדערנע גרויסע באַוועגונגען ביי יידן, — די רוסישע יידן, וואָס זיינען פאַר די לעצטע 25 יאָר אַזוי קינסטלעך אָפּגעריסן געוואָרן פון אַלץ, מיט וואָס עס האָט געלעבט און געקרענקט דאָס האַרץ און דער מוח פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דער גאַנצער וועלט, — טאַקע איצט, אין די יאָרן פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע, פון דעם יידישן וועלט־חורבן, — דאַרפן זיי ווידער אַרויסקומען אויף דער היסטאָרישער בינע, מוזן זיי ווידער באַקומען זייער אַמאָליקן וואָג און אויטאָריטעט, מוזן זיי, — די רוסישע יידן, — ווידער אַרויסרופן צו זיך דעם לעבהאַפטסטן אינטערעס אין אַלע ווינקעלעך פון דער יידישער וועלט.

און דער טרויעריקער פאַקט, וואָס שוין אין משך פון 25 יאָר זיינען די רוסישע יידן פאַראורטיילט צו שמאַכטן אונטער דעם דרוק פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, וואָס נאָך ביז היינט, אין דער צייט פון דער מלחמה מיט היטלערן, — בארויבט פון זייערע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, — זיינען זיי געצוואונגען טויט־שווייגן אפילו דאַן, ווען זיי וואָלט זיך געוואָלט שרייען בקול רם, — דאָס אַלץ מאַכט פאַר אונז נאָך אַקטועלער די יידישע פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד און אַפּעלירט נאָך שטאַרקער צו אונזער געפיל פון סאָלידאַריטעט.

דער זיג פון די עלאַים דערנעענטערט זיך. פריער אָדער שפּעטער וועט קומען די שעה פון דער שלום-קאָנפערענץ, וואָס וועט שטיין פאַר די אַנטשיידענע באַשלוסן און אָנמערקן די נייע יסודות פון אַ נייער און בעסערער וועלט־אָרדענונג. צי ס'איז מעגלעך, צי ס'איז יושרדיק, — אַז צו דעם דאָזיקן מאָמענט וועט מען פון פּאָלקאָם פאַרגעסן, וועט מען פון פּאָלקאָם אַרויסלאָזן פון אויג דעם גורל פון די יידישע מאַסן אין סאָוועט-רוסלאַנד? צי איז יושרדיק, צי איז מעגלעך, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וואָס מאָביליזירט אירע אינעווייניקסטע כּוחות אַרום די נאָך־מלחמהדיקע פּראָבלעמען, — וועט אויך ווייטער איגנאָרירן דעם גורל פון דעם גרעסטן (נאָך אַמעריקע) יידישן קיבוץ אין דער וועלט, — אונטער דעם אילוזאָרישן אויסרייד, — אַז וואָס־וואָס, אָבער די יידישע פראַגע האָט שוין באַקומען די פולסטע און די שענסטע לייזונג אין דעם לאַנד פון דער

סאָוועטישער דיקטאַטור? ניין, אונזער מאָראַלישער חוב איז — אויפצו-הויבן אַלע אָן אויסנאַם פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די רוסישע יידן, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער „שווייגן־פאַרשווערונג", וואָס הערשט אַרום דער דאָזיקער פראַגע. אונזער מאָראַלישער חוב ווערט דערפאַר נאָך גרעסער, ווייל מיר ווייסן, אַז דער פאַראינטערעסירטער צד אַליין איז ניט בכוח צו קומען צום וואָרט.

.2

לויט דער לעצטער פאָלקס־ציילונג (1939), האָבן מיר געהאַט אין רוסלאַנד מער פון 3 מיליאָן יידן. ביז דעם אָנגריף פון היטלערן אין יוני 1941 האָט רוסלאַנד אריינגעצויגן אונטער איר מאַכט אַן ערך נאָך 2 מיליאָן יידן פון פוילן, באַלטישע לענדער, רומעניע. אַזוי אַרום האָט די סאָוועטישע סטאַטיסטיק אָנגענומען, אַז דער יידישער קיבוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד קוואַנטיטאַטיוו איז גלייך מיט די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז דער צווייטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט לויט דער צאָל יידן. ווי אַזוי קאָן מען דאָס פאַרגעסן?

געוויס, מיר ווייסן גאָרניט וועגן דעם, וויפיל יידן זיינען געבליבן אונטער סטאַלינס ממשלה נאָך דעם אָנגריף פון היטלערן. צום באַדויערן, גיט ניט די סאָוועטישע סטאַטיסטיק קיין צאָלן וועגן דעם, וויפיל יידישע פליטים פון פוילן א"א נייע געגנטן עס געפינען זיך אויף דער פרייער רוסישער טעריטאָריע. צום באַדויערן, דערציילט אויך ניט די סאָוועטישע אינפאָר־מאַציע, וויפיל יידן עס האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען זיך, עוואַקואירן פון די הונדערטער שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען מער פון צוויי יאָר אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. קיינער אויף דער וועלט קאָן ניט זאָגן, וויפיל יידן עס זיינען איצט פאַראַן אויף דער סאָוועטישער טערי־טאָריע. דאָס אַליין איז גענוג אַרויסצורופן אומרו און צו מאַכן נאָך שווע־רער אויפן האַרצן...

לויט די דאַטן פון דער פוילישער גלות־רעגירונג, איז זומער 1940 געוועזן דורכגעפירט פון דער ראַטן־מאַכט אַ צוואַנג־עוואַקואַציע פון אָנדער־האַלבן מיליאָן פוילישע בירגער, צווישן זיי זיינען 40% געוועזן יידן. מען האָט פיל הונדערטער טויזנטער יידן אַריינגעוואָרפן אין פראַכט־צוגן און

אוועקגעשיקט אין סיביר אויף די שווערסטע ארבעטן. מיט א קורצער צייט צוריק האָט אַן אַמעריקאַנער ייד באַשריבן די דאָזיקע עוואַקואַציע אין די פּאַלגנדיקע ווערטער: „עס איז געקומען די צייט, ווען זיי (די פּוילישע פּליטים) האָבן באַדאַרפט אָפּן דערקלערן, צי זיי ווילן ווערן סאָוועטישע בירגער אָדער בלייבן ביים אַלטן סטאַטוס, און דער גרעסטער טייל האָט אויסגעקליבן דאָס לעצטע, ווייל זיי האָבן איבערגעלאָזט פאַמיליעס אין דער אַלטער היים און צוליב אַ ריי אַנדערע סיבות. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער ענין איז איבערגעגאַנגען צו דער נקווד (געפּעאו), וועלכע האָט סוף יוני 1940 אַראָפּגעשיקט עטלעכע צענדליק טויזנט פון אירע מענטשן אין די אָקופּירטע געביטן, און אין משך פון 2 טעג און 2 נעכט זיינען אַ קנאַפּער מיליאָן יידן אַריינגעפּאַקט געוואָרן אונטער די שרעקלעכסטע באַדינגונגען אין בהמות-וואַגאָנען און זיינען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין אוראַל און סיביר. צווישן 4 און 6 וואָכן זיינען זיי געפאָרן אונטער די דאָזיקע שווערע באַדינגונגען. און אַז די פּליכטלינגע זיינען געקומען אויף די ערטער און זיי האָבן געמוזט אויסקומען מיט ברויט און וואַסער נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט אין די אורוועלדער" (אַ. פּעטשעניק „ציוניזם און יידישקייט אין סאָוועט-רוסלאַנד", נ. י. 1943, ז' 60-59).

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן דער גליקלעכער צופאַל, אַז די צוואַנג-עוואַקואירטע אין יוני 1940 פּוילישע יידן זיינען מיט אַמאָל אין 1942 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידן-געראַטעוועטע פון היטלערס-האַנט. אָבער צי זיינען זיי אַלע טאַקע געראַטעוועט אין סיביר און אויפן אוראַל? וועגן דעם דערציילן אונז קיין וואָרט ניט די אָפיציעלע סאָוועטישע אינפאָרמאַציעס. וווּ זיינען זיי, וויפיל אין צאָל און ווי אַזוי לעבן זיי? — וועגן דעם ווייסט מען ניט. אויף דעם לעצטן פּלענום פון דעם „יידישן אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט" (פעברואַר 1943) האָט מען גערעדט וועגן דעם אין פאַרזיכטיקע ווערטער, אַז מען האָט עוואַקואירט „ניט אַהין" און אויסגענוצט „ניט צוועקמעסיק". אָבער ווייטער ניטאָ קיין קאָנקרעטע פאַקטן, קיין צאָלן און קיין אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון די עוואַקואירטע. מיר האָבן זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר שרעקלעכע שורות אין דעם „דזשאָינט"-בולעטין (יוני 1943), ווו ס'ווערט דערציילט, אַז „אַ פינפטל ביז אַ דריטל פון די צאָל פּליטים זיינען אויסגעשטאָרבן"... „ווער עס האָט

ניט געזעען די טויזנטער קברים, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען קינדערישע, קאָן ניט פאַרשטיין"... „די פּליטים קריגן פון דער רעגירונג אַ האַלבן ביז אַ גאַנצן פונט ברויט אַ טאָג... שפּייז קאָן מען קויפן בלויז פאַר זאַכן. געלט האָט פאַרלוירן יעדן ווערט"... דאָס זיינען די קאַרגע ידיעות וועגן די „געראַטעוועטע" יידן פון די פּוילישע פּראָווינצן.

אָבער עס איז נאָך קאַרגער אונזער אינפאָרמאַציע וועגן די סאָוועטישע יידן, וואָס מען האָט עוואַקואירט פון די סאָוועטישע שטעט. ס'איז געווען אַן אָפּטימיסטישער קלאַנג, אַז ביז 80 פּראָצענט סאָוועטישע יידן האָט מען עוואַקואירט ערב דער דייטשער אָקופּאַציע. אָבער ס'איז פאַראַן אַ גרונד צו דענקען, אַז דער קלאַנג איז פיל איבערגעטריבן און דינט נאָר דעם צוועק פון פּראָפּאַגאַנדע. אין דער אמתן איז די לאַגע מיט די יידן אין סאָוועט-רוסלאַנד פיל ערגער. ס'זיינען געווען באַשריבן שחיטות פון איינצעלנע שטעט, ווי מינסק, קיעוו א"אַ, וואָס באַווייזן אַז די ראַטן-מאַכט האָט באַצייטנס זייער ווייניק יידן עוואַקואירט. לויט דער פאָלקס-ציילונג פון 1939 האָבן געוווינט אין אוקראַינע — 1,533,000 יידן און אין ווייסרוסלאַנד — 375 טויזנט. און ס'איז טאַקע זייער וויכטיק צו וויסן, — און דאָס וואָלט געדאַרפט זיין די דרינגלעכע אויפגאַבע פון דעם „יידישן אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט", — וויפיל יידן זיינען עוואַקואירט געוואָרן און וויפיל זיינען געבליבן אין די הענט פון די דייטשע חיילות. אָבער אַזאַ גורל האָט שוין די סאָוועטישע סטאַטיסטיק: פון דאָס, וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ, — מאַכט זי אַ מלוכה-געהיימניש.

3.

אויף די ברייטסטע פראָנטן גייט אָן אין רוסלאַנד די שרעקלעכע מלחמה מיט היטלערן. מיט דער גרעסטער פרייד האָבן באַגעגנט די יידן פון דער גאַנצער וועלט דעם ווידערשטאַנד, וואָס רוסלאַנד, אירע פּילצאָליקע פעלקער, אירע אַרמייען האָבן אַנטקעגנגעשטעלט דעם אָנגריף פון די היטלעריסטישע חיילות. דער רוף צו העלפן רוסלאַנד, צו פאַרשטאַרקן אירע פּאָזיציעס אין דער מלחמה האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם מיטגעפיל. די סימפּאַטיע ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דער האָפענונג, אַז אין גאַנג פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה וועט רוסלאַנד, וואָס

שטייט אין דער ריי צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטישע ענגלאַנד און אַמעריקע, — וועט סוף־כּל־סוף באַפרייען זיך פון דעם דרוק פון דיקטאַטור און פאַרזיכערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אירע פעלקער אויף די וועגן פון דעמאָקראַטיע און פּאָליטישער פרייהייט. די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד נויטיקן זיך אין דעמאָקראַטיע און פרייהייט, ווי בירגער און ווי יידן, — ניט ווייניקער, אויב ניט מער פון אַנדערע פעלקער פון לאַנד. די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד ריידן הויך מיט זייער שווייגן פאַר די דאָזיקע לאָזונגען.

אָבער ס'וואָלט געווען ניט ערנסט צו לייגן זיך פויגעלעך אין בוזים־קעשענע און שאַפן זיך אילוזיעס וועגן דעם, אַז די דיקטאַטור איז גרייט און פעאיק דורכצופירן די נויטיקע רעפאָרמעס. צום באַדויערן, די מאַשין פון טעראָר בלייבט אַפילו אין דער צייט פון קריג מיט היטלערן אין פולן גאַנג. מיליאָנען מענטשן בלייבן נאָך ביז היינט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, טויזנטער — אין די געפענגענישן. און וויפיל פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ זיינען אין די לעצטע יאָרן, — אַפילו אין די יאָרן פון מלחמה, — פּשוט דערשאָסן געוואָרן פון דער „געפּעאו״, — אונטער דעם ליגנערישן אויסרייד, אַז דאָס זיינען אַלץ — „פאַשיסטן״? און צווישן זיי געפינט זיך אַ גאַנצע גאַלעריע יידישע וויסנשאַפטלער, שרייבער, פּאָליטיקער. דער טראַגישער פאַל ערליך־אַלטער האָט אַזוי בולט באַוויזן, אַז די פּאָליטישע סיסטעם אין רוסלאַנד האָט גאָרנישט ניט געלערנט און גאָרנישט ניט פאַרגעסן.

און אַזוי ווי די אינעווייניקסטע פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאַנד, אַזוי איז אויך איר אויסן־פּאָליטיק פול מיט געפערלעכע סיורפּריזן. אָט טאַקע איצט, ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, האָבן זיך נאָך אַמאָל פאַרשאַרפט די חלוקי־דעות צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און די דעמאָקראַטישע לענדער, — און די צייטונגס-קאָרעספּאָנדענטן דערמאָנען זיך נאָך אַמאָל וועגן דער צייט, ווען די רוסישע איזאָלאַציאָניסטישע אויסן־פּאָליטיק האָט אַריינגעבראַכט זי אין די אָרעמס פון היטלערן. אָ, די 22 חדשים פון דעם דייטש־רוסישן „פּאַקט״, וואָס האָט פאַנאַנדערגעבונדן די וועלט־מלחמה! מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די רוסישע יידן, וואָס האָבן געמוזט שווייגן, — ווען דער דייטשער פּאַרטנער פון „פּאַקט״ האָט שוין אָנגעהויבן זיך גרייטן צום דורכפירן די אויסראָטונגס־פּראָגראַם.

אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד איז קאָנטער־רעוואָלוציע. מיטן אַנטיסעמיטיזם דאַרף מען קעמפן. אַנטיסעמיטן דאַרף מען באַשטראָפן. אַזוי איז די שטעלונג פון דער רעגירונג פאַר די גאַנצע 25 יאָר. און טראָץ דעם, וואָס אָפיציעל איז דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם קיינמאָל ניט געווען אויפגעגעבן, ווי שטייט טאַקע אין היינטיקן רוסלאַנד מיט דער פאַרשאָלטענער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם? מיר וועלן דאָ ניט פאַרטיפן זיך אין דעם דאָזיקן שווערן ענין. מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט אַ ציטאַט פון אַ רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אויפן פלענום פון דעם „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" (זע „איינפקייט", 15־טן מערץ 1943):

„ביי מיר איז געווען אַ באַיאָרטער ייד, — האָט געזאָגט דער רעדנער, — אַ פאָטער פון אַ באַרימטן פליער. ער האָט מיר דערציילט: „איך האָב גערעדט מיט איינעם אַ ציווילן נאַטשאַלניק, זאָגט ער צו מיר — גיט מיר צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זיינען אויפן פראָנט ניטאָ קיין יידן, פאַרוואָס זעט מען זיי ניט אויף דער מלחמה? איך האָב אַפילו ניט געענטפערט. דאָס איז געווען 4 טעג נאָך דעם, ווי איך האָב באַקומען די באַשרייבונג פון מיין זונס טויט"... „איר אַלע, — זאָגט ווייטער דער רעדנער, — האָט מסתמא געהערט וועגן די יידן, וואָס „מע זעט ניט אויפן פראָנט". און ביז אַ צייט האָבן אַ סך פון די, וואָס זיינען אויפן פראָנט, אַליין ניט געפילט, אַז זיי זיינען יידן. זיי האָבן עס דערפילט דאַמאָלסט, ווען זיי האָבן פון אוזבעקיסטאַן צי פון קאַזאַכסטאַן באַקומען פון די קרובים אַ בריוו מיט אַן אָנפראַגע: ביי אונז רעדט מען אָפט, אַז די יידן זעט מען ניט אויפן פראָנט, זיי שלאָגן זיך ניט, און אָט איבערלייענענדיק אַזאַ גרוס אין בלינדאַזש צי אין וועג, הייבט אָן דער יידישער שלאַכטמאַן ווערן אומרואיק. ער באַאומרואיקט זיך וועגן זיינע קרובים, וואָס מע פאַרשעמט זיי אומזיסט-אומנישט".

די דאָזיקע רעדע האָט געהאַלטן דער באַקאַנטער שרייבער איליאַ ערענבורג און האָט פאָרגעשלאָגן אַרויסגעבן אַ זאַמלונג אין... רוסיש, כּדי צו באַווייזן די „גוים", אַז יידן זיינען פאַראַן אויפן פראָנט אין די שלאַכטן מיט היטלערן. אָבער ווי פילט זיך אין דעם גאַנצן ענין דער אָטעם פון די אַמאָליקע צייטן, — נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. די רכילות אויף יידן, וואָס ווילן ניט גיין אויפן פראָנט, — זיי חזרן זיך איבער אין 25 יאָר אַרום אין דער קאָמוניסטישער רוסלאַנד, — טראָץ

דעם, וואָס פאַקטיש זיינען מער פון 10 טויזנט יידן דעקאָרירט געוואָרן מיט אָרדענס און מער פון 100 יידישע גענעראַלן זיינען פאַראַן אין דער רויטער אַרמיי. ס'חזרט זיך איבער אויך דער פאָרשלאַג פון די אַמאָליקע אַסימילירטע אינטעליגענטן: אַנטקעגנשטעלן דעם אַנטיסעמיטיזם — די פאַרשפּרייטונג פון „ריכטיקע ידיעות" וועגן יידן. און מען זאָגט נאָך, אַז די געשיכטע חזרט זיך ניט איבער!

.4

ס'זיינען ברייט באַקאַנט די שוועריקייטן, וועלכע שטייען פאַר יעדן, וואָס וויל ערנסט און געוויסנהאַפט פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דער יידישער לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד. די ציילונג פון 17־טן יאַנואַר 1939, די לעצטע ציילונג אין רוסלאַנד, איז פאַרעפנטלעכט נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן און איז גאָרניט פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן בנוגע דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד. דעם בלויז האָט געפּרוווט קאָרעגירן בנוגע יידן ל. זינגער אין זיין ביכל פון 1941, אָבער דער פּרווו איז אַ טענדענציעזער און אַ ניט־געלונגענער. דערפאַר מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט די דאַטן און ציפערן, וואָס זיינען פּובליקירט געוואָרן אין די פריערדיקע יאָרן, הויפּטזעכלעך אין 1938—1935, וואָס שטיצן זיך אויף די רעזולטאַטן פון טיילווייזע אונטערזוכונגען און ציילונגען. אויב די סאָוועטישע סטאַטיסטיק אין אַלגעמיין האָט ניט קיין צו בכבודיקן נאָמען אין דער וועלט, — האָט דאָס אַ באַזונדערע שייכות צו דער יידישער סטאַטיסטיק. און אַזוי ווי פון סוף 1938 עקזיסטירט כמעט מער ניט אין רוסלאַנד די יידישע קאָמוניסטישע פּרעסע, — וואָס האָט פריער געגעבן, כאָטש דורך אַ קרומען שפּיגל, געוויסע וויכטיקע אינפאָרמאַציעס, — איז איצט געוואָרן נאָך שווערער צו שטודירן די לאַגע פון די רוסישע יידן, נאָך שווערער צו ענטפערן אויף דער פראַגע: ווי אַזוי האָבן די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד אויסגעזען ערב דער היינטיקער וועלט-מלחמה?

אין ווייטערן לויף פון אונזער אַרבעט וועלן מיר זיך באַגרענעצן הויפּטזעכלעך מיט די דערשיינונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע מאָמענטן פונם לעבן פון די רוסישע יידן, און מיר וועלן נאָר פּובליציסטיש באַרירן די אַנדערע געביטן, — פּאָליטישע, נאַציאָ־

נאַלע, מאָראַלישע, — וואָס זיינען געווים, אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג און מיט דעם היינטיקן מצב פון אונזער פאָלק. דערפאַר האַלטן מיר פאַר אונזער חוב, — און רעכענען, אַז דאָ איז פאַר דעם דער פּאַסיקער פּלאַץ, — אָנצומערקן אייניקע פּונקטן, וואָס באַלויכטן אונזער צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד און וואָס קומען אַרויס פון אונזער לאַנגיאָריקער אַרבעט אויף די מאַטעריאַלן.

די דאָזיקע פּונקטן וועלן מיר פאָרמולירן אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

1) די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד — אין היפוך צו דער גאַנצער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, — איז ניט געלייזט, ניט אָפּגעשאַפט, ניט אַראָפּגענומען פון סדר־היום און עקזיסטירט ווייטער — כאָטש אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם, אין איינקלאַנג מיט דער איינגעפירטער אין לאַנד פּאָליטישער דיקטאַטור און סאָציאַלער סיסטעם.

2) די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע און די פאָרמעלע גלייכבאַרעכטיקונג האָבן ניט נאָר ניט באַוואָרנט אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיין גינסטיק פאר דער עקזיסטענץ און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו אין רוסלאַנד; פאַרקערט, זיי האָבן אויפגעבויט אַ גאַנצע ריי קינסטלעכע מניעות אויפן וועג פון דער געזעלשאַפטלעכער, גייסטיקער, נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלק.

3) אויב אַפילו אויף דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט קאָנען מיר פאַררעגיסטרירן נייע דערשיינונגען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט טיפע און וויכטיקע ענדערונגען אין לעבן פון די רוסישע יידן, מוזן מיר אין דערזעלבער צייט פעסטשטעלן אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן, נאַציאָנאַלן לעבן טרויעריקע פּראָצעסן פון דעגראַדאַציע, פון גייסטיקער פאַרארעמונג, אַפילו פון דעגענעראַציע, — וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל די טעראָריסטישע דיקטאַטור, וואָס האָט באַרויבט ביי אַלעמען אין לאַנד, — און אויך ביי די יידן, — די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, — האָט קינסטלעך איבערגעריסן די גייסטיק-נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, וואָס האָבן שטענדיק פאַראייניקט און צעמענטירט די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק, — האָט געשעדיקט די קולטור־נויטן פון די יידישע מאַסן און אַריינגעטריבן ברייטע קרייזן פון אינטעליגענץ און האַלב־אינטעליגענץ אין דעם זאַק־געסל פון אַסימילאַציע.

4) די פאָרמעלע גלייכבאַרעכטיקונג פון די רוסישע יידן, וואָס איז גע־

ווען פּראָקלאַמירט און פּאַקטיש דורכגעפירט אין לעבן נאָך פאַר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין דער צייט פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָ־לוציע 1917, — ווי אויך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט זיך אַם מייסטן פאַרווירקלעכט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דורכפירן פון דער קאָמוניסטישער סיסטעם אין לאַנד, — וואָס האָט געמאַכט הונ־דערטער טויזנטער יידן אַלס מלוכה־באַאמטע, געעפנט פאַר דער יידישער יוגנט די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין די העכערע שולן און פאַר דער אַרבעטער־מאַסע — די גרויסע אינדוסטריעס, — די אַלע וויכטיקע ענדע־רונגען האָבן אָבער ניט באַוואָרנט דער ברייטער פאָלקס־מאַסע דעם עקזיס־טענץ־מינימום און ניט אַרויסגעפירט זי פון דער עלעמענטאַרער נויט.

I. דאָס אַלגעמיינע בילד

.1

אונטערן צייכן פון דער מלחמה

הערבסט 1939 — דער אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם נאַטירלעכן גרענעץ פון יענער ריכטונג פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין רעזולטאַט פון דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע און וואָס האָט זיך פאַרצויגן כמעט אויף אַ פערטל יאָרהונדערט, — אַ פּראָצעס, אויף וועלכן ס'האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויך די סוביעקטיווע פאַרלאַנגען, אידעען און צילן פון דער דיקטאַטור, און וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשפּיגלט אין זיך אויך די „זוכענישן" פון די יידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד.

זומער 1941 — די קאַלענדאַר־דאַטע פון דעם היטלעריסטישן אָנגריף אויף רוסלאַנד, ווען די דייטשע אַרמייען האָט זיך איינגעגעבן אין משך פון עטלעכע חדשים צו אָקופּירן גאַנץ ווייס־רוסלאַנד, כמעט די גאַנצע אוקראַינע און אַ טייל פון צענטראַל־רוסלאַנד, — האָט געשאַפן פאַר אַ גרויסן טייל פון די רוסישע יידן גאָר אַ נייע סיטואַציע, וואו דער פייער און שווערד פון דעם מלחמה־שטורעם, דער אומברחמנותדיקער יידן־האַס און די בלוטיקע שחיטות פון די דייטשע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געשטעלט אונטער אַ דירעקטער סכנה דעם היינט און דעם מאָרגן פון די ברייטסטע יידישע מאַסן. ס'איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן דעם פאַקט, וואָס די דייטשע באַרבאַרן האָבן צוזאַמען מיט די רוסישע יידן פאַרכאַפּט אין זייער גיהנום אויך די פּוילישע יידן פון די פּראָווינצן פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, די געגנטן אַרום לעמבערג און

ביאַליסטאָק — וואָס מיט היטלערס גנאָדן האָט באַקומען דער ראַטן־פֿאַר־באַנד אין דער צייט פֿון דער „פּערטער צעטיילונג" פֿון פּוילן, — און אויך די יידן פֿון ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד און בעסאַראַביע, וואָס זיינען אַריינ-געצויגן אין משך פֿון דער היינטיקער מלחמה אין קרייז פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע : מען קאָן רעכענען, אַז הונדערטער טויזנטער נייע יידן, וואָס האָבן נאָך ניט פֿאַרזוכט אויף דער פּראַקטיק דעם טעם פֿון דעם קאָמוניסטישן עקספּערימענט אין רוסלאַנד, — אָדער וואָס האָבן געזען דעם עקספּערי־מענט נאָר פֿון זיינע נעגאַטיווע, צעשטערערישע זייטן, — זיינען איצט, צוזאַמען מיט מיליאָנען רוסישע יידן, אַריינגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון היטלערן. און ווער ווייסט, ווען ווען וועט זיך איינגעבן צו ראַטעווען זיין עקזיסטענץ, זיין נאַקעטן לעבן נאָך די אַלע יסורים פֿון דער מלחמה און פֿון די שחיטות ? און ווער קען זיך פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט אויסזען דער טייל פֿון די יידן, וועלכע וועלן אויסשטיין און איבערלעבן די נייע גזירה, — די שרעקלעכסטע, אפֿשר, אין אונזער שרעקלעכער מאַרטיראָלאָגיע ? . . .

אפֿילו ווען די גליקלעכע שעה פֿון היטלערס מפּלה וועט קומען און די גאַנצע טעריטאָריע פֿון מזרח אייראָפּע און פֿון רוסלאַנד וועט זיך באַ־פֿרייען, און די מלחמה וועט זיך פֿאַרענדיקן און עס וועט ווידער אויפֿשטיין די אַלטע פֿראַגע פֿון אויפֿבוי, — וועט דער רעקאָנסטרוקציע־פּראָצעס אָנשטויסן זיך אויף זייער גרויסע מניעות און שוועריקייטן. ריין-אָביעקטיוו גענומען, — עס וועלן פֿעלן פֿינאַנציעלע רעסורסן, טעכנישע מעג־לעכקייטן, און אפֿשר אויך מענטשלעכע קאַדרען; כּדי צו דעקן די „פֿאַר־לוסטן" פֿון לאַנגיאָריקער מלחמה און אָקופּאַציע, אויף רוסלאַנד, אויף איר מלוכה־אַפּאַראַט וועלן פֿאַלן די שווערסטע אויפֿגאַבן. ביי וועלכע ס'איז מעגלעך, אַז די אומשטענדן פֿאַר צוריקאַריינציען די יידן פֿון אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און פֿון די „פֿאַרבלאָנדזשעטע" און פֿאַרשלעפּטע יידן, וואָס האָבן ניט וווּהין זיך אומצוקערן, — אין דעם שוים פֿון דער פֿאָלקסווירט־שאַפֿט, וועלן זיין גאָרניט קיין גינסטיקע. דאָס אַלץ דאַרף אויסזען זייער וואַרשיינלעך פֿאַר יעדן, וועלכער טראַכט זיך אַריין אין די מעגלעכע נאָך־מלחמהדיקע פּערספּעקטיוון און אויסזיכטן. און אויב אַזוי, קאָן מען קומען צו אַ גאַנץ באַגרעניצטן אויספֿיר, אַז דער רוסישער עקספּערימענט בנוגע יידן, וואָס האָט געבראַכט אַ וויכטיקע טראַנספֿאָרמאַציע פֿון זייער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור, וואָס האָט פֿריער אויסגעדריקט זיך אין

די פּרוּוון פון ערד־איינאָרדענונג אין אַ ברייטן פאַרנעם, און נאָכדעם אין דער אַריינציאונג פון די יידישע מאַסן אין די אינדוסטריעס און אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט, דאָס אַלץ געהערט שוין אין אַ געוויסן זין דער געשיכטע.

ביי אַזאַ אָפּשאַצונג, ביי אַזאַ צוגאַנג צו דער זאַך, איז גאַנץ נאַטיר־לעך אַרויסצוּווייזן בנוגע דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד די גרעסטע מאָס פון אָביעקטיוויטעט, פּאַנאַנדערטיילן ריכטיק די ליכט און די שאָטן, פעסטצושטעלן סיי די נעגאַטיווע און סיי די פּאָזיטיווע מאָמענטן אין דער סאָוועטישער פּלאַנירונג בנוגע יידן, און אין דער זעלבער צייט גע־פינען אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן ניט איין מאָל געמאַטערט דעם באַוואוסטזיין פון אונזער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין אַלע עקן פון דעם ערד־קויל: וואָס לערנט אונז דער רוסישער עקספּערימענט, וואָס לערנט ער אונז ספּעציעל בנוגע די יידן?

מיר וועלן ניט זינדיקן קעגן אמת און יושר, ווען מיר וועלן „נעמען דעם אָקס פאַר די הערנער" און זאָגן פון אָנפאַנג אָן, אַז די ענדערונגען, וואָס די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע האָט אַריינגעטראָגן אין דער יידישער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור, זיינען געווען באַדייטנד און טיף. זיי זיינען טיף און באַדייטנד, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען דורכ־געפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך מיט דעם כּוח פון נאַקעטן געוואַלט, הויפּט־זעכלעך פון אויבן, — וואָס די באַפעלקערונג, איבער וועלכער מ'האָט עקס־פּערימענטירט, איז שטענדיק געבליבן אין דער ראָלע פון אַן אָביעקט, מיט וועלכן מען האָט געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט געוואָלט טאָן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די ריכטונג, אין וועלכער די דיקטאַטור האָט געטריבן די אַנטוויקלונג, האָט ניט געטראָגן קיין אָרגאַנישן און עוואָלוציאָנערן כאַ־ראַקטער, — נאָר פאַרקערט, דער גאַנצער פּראָצעס איז געגאַנגען מיט זיג־זאַגן און אויפטרייסלונגען, און געהאַלטן דעם אָרגאַניזם פון פאָלק אין אַ פּערמאַנענטן פיבער־צושטאַנד, און רעוואָלוציאָנעריש אויפגעריסן די טראַ־דיציעס, און דעם נאַטירלעכן, געזעצלעכן קאָנסערוואַטיזם פון דעם עקאָנאָ־מישן לעבנס-שטייגער און פון די סאָציאַלע באַציאונגען, — ניט געקוקט אויף דאָס אַלץ, זיינען די ענדערונגען געווען זייער באַדייטנד און טיף. און די וואונדן, וואָס די יידן האָבן באַקומען אין משך פון דער עקאָנאָמי־שער און סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָבן די גאַנצע צייט געבלוטיקט, און די

„פארלוסטן" פון דער רעוואָלוציע זיינען געווען גראַנדיעז, און דער „פּרייז", וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז געווען געצוואונגען צו באַצאָלן פאַר דעם „פּראָגרעס", האָט איבערגעשטיגן אירע כּוחות, — טראָץ דעם, זיינען די טראַנספאָרמאַציעס געווען באַדייטנד און טיף. זיי זיינען אויפגעוואַקסן אויף די ביינער פון לעבעדיקע מענטשן, זיי זיינען באַשפּריצט מיט טרערן און מיט בלוט, — און דערצו, — זיינען זיי נאָך ניט פאַרענדיקט, ניט אויס־געפורעמט, ניט סטאַביליזירט, — אַזוי ווי די גאַנצע רוסישע רעוואָ־לוציע האָט זיך נאָך ניט סטאַביליזירט פאַר דעם פערטל יאָרהונדערט, וואָס די געשיכטע האָט איר געגעבן. און טראָץ דעם קענען מיר אין פאָרויס פון אונזער שטודיום מאַכן דעם אויספיר, אַז דער רוסישער עקספּערימענט בנוגע יידן האָט געבראַכט צו וויכטיקע און גרויסע רעזולטאַטן.

2.

די פּראָדוקטיוויזאַציע (סאָציאַל־עקאָנאָמישע טראַנספאָרמאַציעס)

זיי זיינען ברייט באַקאַנט, די וויכטיקע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די רוסישע יידן. מיר וועלן פון אָנפאַנג אָן קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז צווישן די 3 מיליאָן רוסישע יידן האָבן מיר אין די יאָרן 1935—1937 גערעכנט אַרום אַ האַלבן מיליאָן אַרבעטער און אַרום אַ האַלבן מיליאָן מלוכה־אָנגעשטעלטע.

עס איז פאַראַן אַ גרונד צו רעכענען, אַז די דאָזיקע צאָל איז אַביסל אַן איבערגעטריבענע. אָבער, עס קענען גאָר קיין ספקות ניט זיין אין דעם, אַז די דאָזיקע ציפערן פון אַ מיליאָן יידישע פּראָלעטאַריער און אָנגעשטעלטע אין ראַטן־פאַרבאַנד אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכער טענדענץ און באַשטע־טיקן דעם פאַקט, אַז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דעם פאָלק ישראל אין רוסלאַנד האָט זיך גרינדלעך, מען קאָן זאָגן: געאָלאָגיש, פאַר־ענדערט. ווען מיר וועלן נאָך צוגעבן צו די אויבן־אָנגעוויזענע ציפערן די צאָלן פון די ערד־אַרבעטער, קאָלווירטן, און פון די בעלי־מלאָכות ביי יידן, וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן דעם אויספיר, אַז די יידישע באַ־פעלקערונג, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס באַשטאַנען פון סוחרים און קליינהענדלער, פון מנחם מענדלס פון אַלע סאָרטן מיט זייערע לופט־

פרנסות און פארהעלטנישמעסיק פון א קליינער צאל פאבריק־ארבעטער, בעלי־מלאכות און פרייע פראפעסיעס, — איז אין רעזולטאט פון דעם קאמוניסטישן עקספערימענט פארוואנדלט געווארן אין א פאלק מיט אן איבערוויגנדיקער „פראלעטארישער" מערהייט: 80 פראצענט פון די יידן געהערן איצט צו דער הארעפאשנער מאסע, וועלכע פילט אוים מער-ווייניקער א געוויסע פראדוקטיווע פונקציע אין גרויסן ארגאניזם פון דער ראטן־פארבאנדישער פאלקסווירטשאפט.

דער וועג פון דער דאזיקער סאציאל־עקאנאמישער טראנספארמאציע פון די יידן אין ראטן־פארבאנד איז געווען, ווי באוווּסט, ניט קיין דרך המלך, נאר א גאנץ טרויעריקער און דארנדיקער. דאס אפשטארבן פון דעם יידישן קליינשטעטל און די פארניכטונג פון די מנחם מענדלס, איז געווען פארבונדן מיט א סך שרעקלעכע יסורים. דער „פרייז פון פראגרעס" אויפן סאציאלן געביט קען מען זען פונם פאקט, אז גאנצע 50 פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע די רעוואלוציע האט געפונען אלס הענדלער, „אומבאשטימטע" בארופן, ארבעטלאזע אא"וו, זיינען פיזיש פארניכטעט געווארן, מען קען זאגן „אויסגעמעקט" געווארן פון לעבן. דער פראצעס פון ליקווידאציע פון אלע יידישע בורזשואזע שיכטן, די „עקספראפריאציע פון די עקספראפריאטארן" איז אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, באזונדערס אין ווייסרוסלאנד און אוקראינע, ניט דורכגעגאנגען אזוי לייכט און פשוט. און דערפאר, אייגנטלעך, וואס די צאל פון די „גרויסע" אינדוסטריעלע און הענדלער איז געווען קליין, האט מען אין דער צייט פון „מיליטערישן קאמוניזם" (און נאך אביסל שפעטער) דורכגעפירט די נאציאנאליזאציע און סאציאליזאציע אויך פון די מיטעלע און אפילו קליינע באזיצער. אזוי ארום קען מען ניט פארגלייכן דעם פראצעס פון דער נאציאנאליזאציע פון די „הערשנדע קלאסן" ביי יידן מיט די דערשיינונגען אין די גרויסע אינדוסטריע־צענטערן אין לאנד, ווי לענינגראד, מאסקווע, איוואנאווא־וואזנעסענסק, כארקאוו אא"וו. די אנאלאגיע ווילט זיך ריכטיקער דורכפירן מיט דעם, וואס שפעטער האט סטאלין געמאכט אין רוסישן דארף, ביי דער ליקווידאציע פון די „קולאקעס".

אין פראגראם פון דער אקטאבער־רעוואלוציע איז געשטאנען: די עקספראפריאציע פון דעם גרויס־קאפיטאל, פון די פאבריקן, פון די באנקן, — דאס האט דירעקט אנגערירט א פאר הונדערט יידישע משפחות, ווי די

באַראָנען גינזבורג, בראָדסקי א״אַ, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די אָנפירנדע קרייזן פון דער רוסישער ווירטשאַפט ביז דער רעוואָלוציע, — אָבער פּאַקטיש האָט מען אין די יידישע שטעט און שטעטלעך אויפן סמך פון דעם דאָזיקן פּראָגראַם דורכגעפירט אַ „דורכויסיקע" נאַציאָנאַליזאַציע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון „נעפּ", ווען די יידסעקציע האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט ווי ניט איז אויפצושטעלן די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער יידישער באַפעלקערונג און כאָטש אַביסל פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן, — האָבן די יידישע קאָמוניסטן ניט איינמאָל געקלאַפּט זיך על-חטא און מודה געווען זייער אייגענע שולד אין דער צעשטערונג און פאַרניכטונג־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס.

און טראָץ דעם אומגעהויער־גרויסן פּרייז, וואָס ס'האָט באַצאָלט די יידישע באַפעלקערונג, דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז 1 מיליאָן אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אָן ערך 60 פּראָצענט פון דער זעלבשטענדיקער יידישער באַ־פעלקערונג איז אַ גרויסע דערגרייכונג אין פאַרגלייך מיט דער אַלטער, פאַר־קריפּלטער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער צייט.

כדי צו מאַכן קלאָרער די ענדערונגען פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור אין רוסלאַנד, וועלן מיר ברענגען דריי סטאַטיסטישע טאַבעלן וועגן דער באַרופלעכער גלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט די פאָלקס-ציילונגען פון 1897, 1926 און 1939. מיר וועלן זיי ברענגען כמעט אָן קאָ־מענטאַריעס, ווייל אין איינצעלנע קאַפּיטלעך פון דער ווייטערדיקער אַרבעט וועלן מיר פּרוּוון צו באַלויכטן איניקע פון די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די סאָציאַלע ענדערונגען. מיר וועלן זיך באַנוגענען דאָ מיט דער באַמערקונג, אַז די דאַטן וועגן 1939 נעמען מיר אַרויס פון ל. זינגערס אַרבעט פון 1941. דער דאָזיאַקער סטאַטיסטיקער איז זיך אַליין מודה, אַז דאָס זיינען ביי אים נאָר שאַצונגען, נאָר „לפי־ערכדיקע אויסרעכענונגען". ס'איז אינטערעסאַנט אויך צו באַמערקן, אַז ל. זינגער פּאַסט זיך צו צו דער אָפיציעלער טעאָריע פון דער „קלאַסנלאָזער" געזעלשאַפט און דערפאַר, אָנ־שטאָט סאָציאַלער גלידערונג, גיט ער אונז דאָס בילד פון די „געזעלשאַפט־לעכע גרופּעס" ביי יידן אין 1939.

1. די זעלבסטטעטיקע ייִדן, לויט דער ציילונג פון 1897

די צווייגן פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט	אין פּראָצ'
לאַנדווירטשאַפט	2,4
קליין- און גרויס-אינדוסטריע	36,3
האַנדל	31,0
פאַרקער	3,0
הויז-דינסטן און איבעריקע פּריוואַטע דינסט	11,5
פרייע פּראָפעסיעס און געזעלשאַפטלעכע דינסט	4,7
ניט-פּראָדוקטיווע און ניט באַשטימטע פּראָפעסיעס	7,6
אַנדערע	3,5
סך-הכל	100,0

2. סאָציאַלע גרופּן צווישן ייִדן, לויט דער ציילונג פון 1926

	אין פּראָצ'
אַרבעטער אין גרויס-אינדוסטריע און אויף בויאונגען	11,4
אַרבעטער אין דער קוסטאַר-האַנדווערקער אינדוסטריע	3,7
אָנגעשטעלטע	24,7
פּויערים	8,3
קוסטאַרן און האַנדווערקער	22,6
מלוכה-פּענסיאָנערן (איינשליסלעך סטיפּ-סטודענטן)	5,7
הענדלער	8,8
פרייע פּראָפעסיעס	1,6
אַרבעטסלאָזע	10,0
אַנדערע	3,2
סך-הכל	100,0

3. די „געזעלשאַפטלעכע גרופּעס" ביי די ייִדן, לויט דער ציילונג פון 1939

	אין פּראָצ'
אַרבעטער און אָנגעשטעלטע	71,2
קאָלווירטניקעס	5,8
קאָאָפּעראַטיווע קוסטאַרן	16,1
ניט-קאָאָפּעראַטיווע קוסטאַרן	4,0
פאַרשיידענע	2,9
סך-הכל	100,0

.3

דאָס לעבנס־ניוואָ (דער ארבעטסלוין און די פרייזן)

אָבער פריִער פאַר אַלץ, פריִער ווי מיר ווילן צוטרעטן צו דער באַשרייבונג און צו דער אָפּשאַצונג פון די דערגרייכונגען אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט, איז וויכטיק צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אַנדער פראַגע, וואָס האָט אויך אַ גרויסע באַדייטונג פאַר יעדן, וואָס אינטערעסירט זיך ניט נאָר מיט דער פאָרמעלער, נאָר אויך מיט דער פּראַקטישער זייט פון דער לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען פאַר דער מלחמה די יידישע מאַסן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

גוט, מיר ווייסן שוין, אַז די מערהייט יידן זיינען ארבעטער און אָנגעשטעלטע און ניט פאַרשווינען פון שלום־עליכמס ווערק. אָבער צי האָט די סטאַביליזירונג פון זייער סאָציאַלער לאַגע פאַר די עטלעכע און צוואַנציק יאָר פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע געבראַכט צו אַ זיכערער מאַטעריעלער לאַגע, צו אַ פאַרבעסערונג פון לעבנס־ניוואָ? ווי אַזוי, — מיט אַנדערע ווערטער — האָבן געלעבט יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה? „צווישן לעבן און טויט", — ווי ס'האָט אַמאָל געשריבן וועגן זייער לאַגע אַ באַקאַנטער יידישער פּובליציסט, — אָדער זיי זיינען אָן אַ סוף „גליקלעך" מיט די נייע באַדינגונגען, וואָס ס'האָט באַשאַפן אין לאַנד די דיקטאַטור, — ווי מיר האָבן וועגן דעם ניט איינמאָל געלייענט אין דער אָפיציעלער פרעסע?

ליידער, מוזן מיר זאָגן, אַז פאַר די לעצטע יאָרן, ד"ה פאַר די יאָרן 1937—1939, איז אין דער יידישער קאָם־פרעסע ניט געווען פאַרעפנטלעכט אַפילו איין אַרטיקל איבער דער מאַטעריעלער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע פּראַזאַישע זאַכן, ווי פאַרדינסטן, פּרנסה, געהאַלט, רעאַלער אַרבעטסלוין, וווינונגען פאַר אַרבעטער, פרייזן אויף די וויכטיקסטע לעבנס־אַרטיקלען אָדער סחורות, — דאָס אַלץ, וואָס פאַר אַ מאַרקסיסט האָט באַזונדערס געהאַט אַ צוציִונגס־קראַפט — עקזיסטירט איצט גאָרניט פאַר דער יידישער קאָמוניסטישער עפנטלעכקייט, אינטערעסירן איר גאָרניט די דאָזיקע טעמעס. ווען מען באַרירט זיי שוין, איז נאָר אין דעם

זין פון דעם באַקאַנטן רעפרען : „מיר דאַנקען דעם „בעל־הבית" פאַר דעם פאַרמעגלעכן און גליקלעכן לעבן". — מיט דעם ניגון שעפּט זיך אויס די גאַנצע פּראַגע.

כּדי צו ענטפערן אויף דער פּראַגע וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אַזוי איז זי געווען אין די לעצטע יאָרן פאַר דער איצטיקער וועלט־מלחמה, מוזן מיר זיך ווענדן ניט צו יידישע וויסנ־שאַפטלעכע, נאָר צו אַלגעמיינע און צופעליקע, און בעסער פון אַלץ, צו אויס־לענדישע מקורים.

פאַר די לעצטע יאָרן ערב דער מלחמה זיינען אין פאַרשיידענע שפּראַכן דערשינען טאַקע ניט ווייניק מאַטעריאַלן איבער דער דאָזיקער פּראַגע, וואָס זיינען פאַררעפנטלעכט פון מענטשן, וואָס האָבן באַזוכט דעם ראַטן־פאַר־באַנד, שטודירט דאָרטן די לאַגע אויפן אָרט און אויף וויפיל דאָס איז געווען מעגלעך אויך דורכקאָנטראָלירט די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן. אין דער ערשטער ריי וועלן מיר אָנרופן די נעמען פון די אַרבעטער־טוער, ווי דער ענגלענדער וואָלטער סיטרין, די פראַנצויזן איוואָן און לעגיי, דער פאַר־שטאָרבענער ב. וולאַדעק, וויקטאָר סערזש א"א, וועלכע זיינען געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד צווישן 1935 און 1937 און אַרויסגעבראַכט פון דאָרטן וויכטיקע ידיעות. ס'לוינט אין פאַראויס צו באַמערקן, אַז די אַלע ערנסטע באַ־אָבאַכטער און מענטשן, וואָס האָבן אין גרויסן און גאַנצן סימפּאַטיזירט מיטן ראַטן־פאַרבאַנדישן עקספּערימענט, — האָבן געמוזט אַרויסזאָגן דעם אמת און האָבן טאַקע אויסגעמאָלט אַ שרעקלעך בילד וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד.

אויף צוויי פראַגן דאַרף מען ענטפערן, כּדי פעסטצושטעלן דעם לעבנס־ניוואָ פון דעם דורכשניט־אַרבעטער אין רוסלאַנד. די ערשטע פּראַגע איז : ווי גרויס איז דער אַרבעטס־לוין ? און די צווייטע פּראַגע : ווי גרויס איז די קויפס-קראַפט פון דעם דאָזיקן אַרבעטס־לוין ? די אָפיציעלע אָנגאַבן וועגן דער גרויס פון פאַרדינסטן פאַר די יאָרן 1937—1936 האָבן באַוויזן, אַז דער דורכשניט־פאַרדינסט פון אַן אַרבעטער איז געווען 250—240 רובל אַ חודש. אין דעם פּלאַן אויפן ערשטן קוואַרטאַל 1938, למשל, איז פאַר דער לייכטער אינדוסטריע (ווו עס זיינען, ווי באַקאַנט, באַשעפטיקט אויך יידישע אַרבעטער) אָנגעגעבן דער דורכשניט־פאַרדינסט 213—207 רובל. אין דער ווירקלעכקייט איז דער דורכשניט־פאַרדינסט געווען נאָך אַביסל

נידעריקער: וואָלאַדעק, סיטרין, ש. שוואַרץ א"א נעמען אים אָן פאַר דער דערמאָנטער צייט 200 רובל אַ חודש. דאָס, וואָס די „סטאַכאַנאָווצעס" פאַרדינען מער און אָפט פיל מער, — איז אין דעם פאַל ניט וויכטיק, — ערשטנס, דערפאַר ווייל די צאָל פון די דאָזיקע פּריווילעגירטע אַרבעטער איז ניט גרעסער פון 7—6 פּראָצענט און, צווייטנס, ווייל ביי דעם אויס-רעכענען פונם דורכשניטלעכן אַרבעטס-לוין זיינען דאָך שוין אַריינגע-רעכנט אויך די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס מיט זייער הויך פאַרגרעסערן זיי קינסטלעך די גרויס פון דעם דורכשניטלעכן פאַרדינסט.

ב. וואָלאַדעק, וואָס האָט באַזוכט רוסלאַנד סוף 1936, און וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט די פאַבריקן ווי עס אַרבעטן הויפּטזעכלעך יידי-שע אַרבעטער (אין מינסק און אַנדערע שטעט), איז געקומען דאַמאָלסט צו זייער פּעסימיסטישע אויספירן וועגן לעבנס-ניוואָ פון אַזאַ אַרבעטער מיט אַ דורכשניט-פאַרדינסט פון 200 רובל. ער קאָנסטרואירט דעם אויסגאַבן-בודזשעט פון דעם אַרבעטער אויפן פאָלגנדיקן אופן: 10% פון דעם לוין — 20 רובל — רעכנט מען אַראָפּ נאָך פאַר דעם אויסצאָלן פון די געלטער: אויף מיטגליד-אָפּצאָלונגען אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אויף די מלוכה-הלוואות, אויף נדבות אא"וו (וויקטאָר סערזש און איוואָן האָבן אויסגע-רעכנט, אַז אויף אַזעלכע צוועקן רעכנט מען אָפּ פון 15 ביז 21 פּראָצענט פון דעם פאַרדינסט). ווייטער גייט 10 פּראָצענט פאַר דירה-געלט און 5 פּראָ-צענט אויף פאָר-געלט, צייטונגען אא"וו. ווען מיר נעמען אַראָפּ די אויס-גערעכנטע 25 פּראָצענט (50 רובל) פון דעם אַרבעטס-לוין, בלייבט ביי דעם אַרבעטער 150 רובל אַ חודש אויף עסנוואַרג, קליידונג, שיך אא"וו. אויף ברויט גיט דער אַרבעטער אויס 30 רובל אַ חודש (30 קילאָ שוואַרץ-ווייס ברויט) און אויף פלייש, פיש, צוקער, פּוטער, מילך און אויך אויף קליידער, פּאַפּיראָסן, מאָאווי אא"וו בלייבט ביי דעם אַרבעטער 120 רובל אַ חודש, ד"ה 4 רובל אַ טאָג. וואָס קען מען אָבער איינקויפן פאַר די דאָזיקע 4 רובל?

ב. וואָלאַדעק ברענגט די פאָלגנדיקע רשימה פון די פּרייזן אויף פּראָ-דוקטן (האַרבסט 1936): 1 פונט פלייש — 5 רובל, 1 פונט פיש — 4—3 רובל, צוקער — 2 רובל, 1 ליטר מילך — 1,10 רובל, 1 פונט ביליקע עפּל — 1,50 רובל, און ווייטער גייען נאָך פּרייזן: אַ סוט — 700 רובל, אַ פּאָר שיך — 300 רובל, ביליקע דאַמען-זאָקן — 5—4 רובל. ווען איר וועט פאַרגלייכן די דאָזיקע פּרייזן מיט דער גרויס פון דעם דורכשניט-פאַר-

דינסט פון אַן אַרבעטער, וועט איר לייכט פאַרשטיין דעם פּעסימיסטישן אויספיר פון וואָלאַדקין וועגן דעם לעבנס־ניוואָ פון דעם דורכשניט־מענטש אין רוסלאַנד.

ער שרייבט טאַקע, אַז דער דורכשניט־אַרבעטער קען קוים קויפן פליייש אָדער פּוטער, — שוין אָפּגערעדט וועגן אַ נייעם בגד אָדער אַ פּאָר שיך. און דאָס איז געווען אין יאָר 1936, ווען אין לאַנד איז געווען מער סחורות, ווי אין די פריִערדיקע עטלעכע יאָר און דער מצב פון דער באַפעלקערונג האָט זיך רעלאַטיוו געהעכערט.

פאַר אונז ליגט אויך אַן אַנדער טאַבעלע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרווו צו פאַרגלייכן די פּרייזן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין פראַנקרייך אויף אייניקע סחורות אין פרילינג 1937. (די רובלען זיינען גערעכנט אין פראַנצויזישע פראַנקען לויטן קורס: 1 רובל — 4.50 פראַנק); אַ פּאָר שיך האָט דאַמאָלסט אין מאָסקווע געקאָסט 1.275 פראַנק (300 רובל), אין פּאַריז — 100—80 פראַנק; 1 מעטער סיץ — אין מאָסקווע — 25 פראַנק (6 רובל), אין פּאַריז — 4—3.50 פראַנק; 1 מעטער שטאָף — אין מאָסקווע — 212 פראַנק (50 רובל), אין פּאַריז — 16—12 פראַנק; 1 קילאָ טיי — אין מאָסקווע — 300 פראַנק (80 רובל), אין פּאַריז — 37 פראַנק.

אַן אינטערעסאַנטן פּרווו אין דער הינזיכט האָט אויך געמאַכט וואָלטער סיטרין, ווען ער האָט געוואָלט פאַרגלייכן די קויף־קראַפט פון די אַרבעטער אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין ענגלאַנד. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ טאַבעלע, וואָס באַווייזט, וויפיל אַרבעטסצייט עס דאַרף פאַרווענדן אַן אַרבעטער אין די ביידע לענדער, כּדי צו קויפן דעם אָדער אַנדערן פּראָדוקט, און ס׳באַקומט זיך אַזאַ בילד: כּדי צו קויפן אַ פונט ווייס־מעל דאַרף דער רוסישער אַרבעטער אַרבעטן ביז 1 שעה צייט, און דער ענגלישער אַרבעטער — אַ פערטל שעה; כּדי צו קויפן 1 פונט רייז — דאַרף דער רוס אַרבעטן ביז 2 שעה און דער ענגלענדער — 7 מינוט; כּדי צו קויפן 1 פונט פּוטער — דאַרף דער רוס אַרבעטן 6¼ שעה און דער ענגלענדער — 1 שעה; כּדי צו קויפן אַ פּאָר הויזן דאַרף דער רוס אַרבעטן ביז 62½ שעה און דער ענגלענדער — 13¾ שעה; כּדי צו קויפן אַ פּאָר שיך דאַרף דער רוס אַרבעטן 68¾ שעה און דער ענגלענדער — 16¼ שעה.

דער עקאָנאָמיסט י. יוריעוווסקי באַווייזט בנוגע דער וווינונגס־פראַגע, אַז אין דער צייט ווען אין „גרויס־פּאַריז" איז אויסגעפאַלן דורכשניטלעך

אויף א מענטשן 13 קוואדראט־מעטער וווינונגס־פלאץ, איז דער דאזיקער דורכשניט פארן ראטן־פארבאנד — 4,3 קוו. מעטער (1937). און טאקע ביי אלע אנדערע באשרייבער פון דער וווינונגס־נויט אין ראטן־פארבאנד שטויסט איר זיך אן אויף ענלעכע שרעקלעכע בילדער. לעגיי דערציילט, אז ניט זעלטן וווינען צוזאמען 8—9 מענטשן, צוויי משפחות אין איין ציי־מער. ביי וויקטאר סערזש טרעפט איר פיל אזעלכע אילוסטראציעס.

עס לוינט זיך צו מאכן א פארגלייך צווישן דעם, וואס מען האט גע־קענט קויפן פאר דעם דורכשניט־לוין אין 1913 און אין 1936. דער לוין איז אויסגערעכנט אין גאלד־רובל, פאר 1913 — 24,3 און פאר 1936 — 50,6. אין 1913 האט מען פארן דאזיקן געלט געקענט קויפן 333 קילא שווארץ ברויט אדער 21 קילא פוטער, אדער 53 קילא פלייש, אדער 83 קילא צוקער און אין 1936 האט מען געקענט קויפן — 241 קילא שווארץ ברויט, אדער 13 קילא פוטער, אדער 29 קילא פלייש, אדער 56 קילא צוקער...

צו די אויבנגעבראכטע מאטעריאלן ווילן מיר צוגעבן נאך פאלגנדעס.

ש. (סאלאמאן) שווארץ, איינער פון די בעסטע קענער פון דער ארבעטער־פראגע אין רוסלאנד, האט אונז פריינדלעך געגעבן די מעגלעכקייט צו באקענען זיך מיט זיין גרויסער אונטערזוכונג „די ארבעט אין פססר", וואס דערשיינט אין ענגליש אנהייב 1944. פאר די אנגאבן פאר די יארן 1935—1937, וועלכע מיר האבן אנגענומען, אלס די באווייזן פאר דעם לעבנס־ניווא פון די ארבעטנדיקע אין לאנד פאר דער איצטיקער מלחמה, — גיט אונז ש. שווארצס אונטערזוכונג פיל נייע באשטעטיקונגען. אויך אין זיינער אן ארבעט אין „סאציאליסטיטשעסקי וועסטניק" (נומער 6, 1939) האט ש. שווארץ מיט דער פולער איבערצייגטקייט באוויזן, אז 55 פראצענט פון דעם גאנצן פאנד פון דעם ארבעט־לוין איז פארטיילט געווארן אויף 85 פראצענט פון די ארבעטער, און 45 פראצענט עסן אויף די פריווילעגירטע 15 פראצענט. דער דורכשניט־ארבעט־לוין פאר דער גאנצער פאלקס־ווירטשאפט איז אין 1937 געווען 253 רובל 17 קאפ' (אין דער אינדוסטריע: 242 רובל 46 קאפ'). צום יאר 1938 האט זיך באמערקט א געוויסער בארג־ארויף, און דער דורכשניט־ארבעטסלוין האט זיך געהעכערט ביז 287 רובל 25 קאפ'. אבער דער דאזיקער לוין־אויפ־שטייג, — שרייבט ש. שווארץ, — „באדייט ניט קיין פארבעסערונג פון דעם לעבנס־ניווא פון דער גאנצער מאסע ארבעטער און אנגעשטעלטע", דער־

פאַר, ווייל „די דאָזיקע גאַנצע העכערונג פון לוין פאַלט אויפן חשבון פון דעם אויפשטייג פון דעם פּריווילעגירטן שיכט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער צייט, ווען דער אַרבעטס־לוין פון דער ברייטער מאַסע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע רוקט זיך ניט פון אָרט אָדער פאַלט אַפילו אַרונטער".

ס'איז אינטערעסאַנט צו שטיצן זיך אויך אויף דער אַרבעט פון דעם עקאָנאָמיסט א. יוגאָוו, וואָס האָט אין ענגליש פאַרעפנטלעכט זיין בוך „דער רוסישער עקאָנאָמישער פראָנט פון קריג און פרידן" (נ. י., 1942). א. יוגאָוו פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז טראָץ אַלע שוועריקייטן האָט „דער רעאַלער אַרבעטסלוין פאַר די יאָרן 1939—1935 אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צום אויפשטייג און האָט אַרויסגערופן די פאַרבעסערונג פון דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער". ער שרייבט ווייטער, אַז „דער סטאַנדאַרד אָוו לײַף פון דעם סאָוועטישן אַרבעטער איז אָן ספק העכער, ווי ער איז געווען אין די פאַר־סאָוועטישע יאָרן, און פאַר דער לעצטער צייט האָט ער זיך שטענדיק אַלץ פאַרגרעסערט". אָבער מיט די דאָזיקע אומבאַגרינדעטע פעסטשטעלונגען פאַרענדיקט זיך דער „אָפּטימיסטישער אָפּטימיזם" פון א. יוגאָוון. זיין „עקאָנאָמישער געוויסן" האָט אים פאַרראַטן, און מיר לייענען ביי אים, אַז „דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון דער צייט פון דעם דריטן פינפיאָרפּלאַן איז נאָך זייער ווייט פון דעם לעבנס־ניוואָ אין די אַנדערע אינדוסטריעלע לענדער. אין 1938 האָט דער סאָוועטישער אַרבעטער געגעסן ערגער ניט נאָר פון דעם פראַנצויזישן אָדער דייטשן אַרבעטער, נאָר אַפילו ערגער פון דעם בולגאַרישן". (זז' 212-210).
א. יוגאָוו באַרירט אויך די לאַגע נאָך דעם יאָר 1939. ער שרייבט, אַז אין מיטן 1940 האָט זיך באַמערקט דער פּרייזן־אויפשטייג און ס'זיינען פאַרשוונדן סחורות פון די מלוכה־געשעפטן און לעבנסמיטלען פון די מערק. דער פּרייזן־אויפשטייג אָן דער אַנטשפּרעכנדיקער העכערונג פון דעם אַרבעטס־לוין האָט געפירט אין 1940 און 1941 צו דער ערנסטער קירצונג פון דעם רעאַלן אַרבעטס־לוין. די לאַגע האָט זיך ווייטער פאַרערגערט מיט דעם אָנהויב פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד. אין יולי 1941 זיינען שוין איינגעפירט געוואָרן קאַרטלעך אויף ברויט, פּוטער, פלייש, טאַבאַק, שיך און קליידער אין מאָסקווע, לענינגראַד און אַנדערע גרויסע שטעט. פון די געשעפטן אין די דערפער איז גלייך פאַרשוונדן געוואָרן קליידער און שיך. „דער באַפעלקערונג, — באַמערקט דער מחבר, — האָט

זיך ניט איינגעגעבן אויסצונוצן די אַטעם־פּאַוזע: נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה איז געקומען די רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג, נאָכדעם — די קרבנות לשם דער אינדוסטריאַליזאַציע און דער לאַנד־פּאַרטיידיקונג, — און איצט — דער אָנגריף פון היטלערן און די ווייטערדיקע ליידן און יסורים" (ז' 219). ס'איז ניט קלאָר, צו וועלכע יאָרן רעכנט צו אונזער מחבר די צייט פון דער „אָטעם-פּאַוזע", וואָס די באַפעלקערונג האָט ניט געקאָנט זי אויסנוצן, — אָבער דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק, אויף וויפיל ער באַשטעטיקט אין גרויסן און גאַנצן די זעלבע פּעסימיסטישע אויספירן וועגן דעם לעבנס־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג, צו וועלכע עס זיינען גע־קומען אַלע אָן אויסנאַם ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע עקאָנאָמיסטן און באַאָבאַכטער.

מען דאַרף זיך גאָרניט פאַרטיפן אין די אַלע געבראַכטע מאַטעריאַלן, — מען דאַרף נאָר ארויסגיין פון דער הנחה, אַז דאָס אַלץ זיינען אין אַלגעמיין ריכטיקע און אָביעקטיווע מאַטעריאַלן, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון דער פאָלקס־מאַסע אין ראַטן־פאַרבאַנד, כּדי צו קומען צום פאָלגנדיקן אויספיר: דעם דורכשניט־אַרבעטער אין ראַטן־פאַרבאַנד לעבט זיך זייער ביטער. זיין רעאַלער פאַרדינסט איז זייער קליין און די קויפסקראַפט פון זיין פאַר־דינסט איז ביז גאָר נידעריק אין פאַרגלייך מיט דער הויך פון די פרייזן אויף לעבנס־מיטלען און אַנדערע סחורות.

4.

פון שטעטל אין שטאָט. (דעמאָגראַפישע ענדערונגען.)

די וויכטיקסטע ענדערונגען פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון די רוסישע יידן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט זייער ערנסטע טראַנספאָרמאַציעס אין דעמאָגראַפישער הינזיכט. מיט אַנ־דערע ווערטער, די יידן האָבן אין ראַטן-פאַרבאַנד פאַר די לעצטע 25 יאָר אויף אַזוי פיל גרינטלעך „משנה מקום" געווען, אַז דאָס בילד פון דער פאַרשפּרייטונג פון יידן אויף דער רוסישער געאָגראַפישער קאַרטע איז גע־וואָרן גאָר ניי, זייער ווייניק ענלעך צו דעם, וואָס איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע דערשיינונג קען מען קורץ פאָרמולירן אין פאָלגנדיקע שורות: די יידן פארלאָזן די שטעטלעך און די קליינע שטעט און באַזעצן זיך אין די גרעסערע שטעט און אין די אינדוסטריעלע צענטערן. דער יידישער תחום, וואָס האָט שוין געפּלאַצט אין דער צייט פון וועלט־קריג (1915), האָט פארלאָרן אַ גאַנץ גרויסן טייל פון זיינע אַלטע באַזעסענע יידישע איינוווינער. די יידישע באַפעלקערונג, אין רעזולטאַט פון די פּראָצעסן פון דער אינעווייניקסטער מיגראַציע, פארלירט אַלץ מער איר „פּראָווינציעלן", קליינשטעטלדיקן כאַראַקטער, ווערט אורבאַניזירט, גרויסשטאָטיש און אַזוי אַרום מאַכט זי דורך די זעלבע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד, וואָס איז שוין פאָרגעקומען מיט די יידן אין אַמעריקע. די דאָזיקע ערשיינונג וועלן מיר באַלויכטן מיט איניקע ציפערן. אָבער פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַלגעמיינער צאָל פון די יידן אין ראַטן־פארבאַנד.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 האָבן געוווינט אויף דער איצטיקער טעריטאָריע (ד"ה ביז אויגוסט 1939) פון ראַטן־פארבאַנד 2,504,000 יידן, לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1926 — 2,672,398, לויט די ציפערן, וועלכע זיינען אָנגענומען פארן יאָר 1935 — 2,900,000. וואָס ס'וואַרפט זיך אין די אויגן, איז דער אויסשליסלעך נידעריקער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד פאַר די לעצטע 40 יאָר. דאָס דערקלערט זיך מיט פארשיידענע סיבות, צווישן וועלכע ס'פארנעמען דעם אויבן־אָן די מאַסן־עמיגראַציע פון די יידן, דער „פארלוסט" פון די פּאָגראָמען, די פארגרעסערטע שטערבלעכקייט אין די יאָרן פון בירגער־קריג און הונגער־עפּידעמיעס. מען קען אויך אָננעמען, אַז דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פאַר די לעצטע 10 יאָר שטייט אויך זייער נידעריק.

פאַר די לעצטע 10 יאָר, פון 1929, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אויפגעהערט צו פארעפנטלעכן די סטאַטיסטיק וועגן געבורטן, שטערבלעכקייט און נאַטירלעכן צואוואוקס פון דער באַפעלקערונג. ס'איז געוואָרן אַ מין „מלוכה־געהיימעניש". אַפילו אין פעלקער־בונד האָט מען אויפגעהערט צו שיקן די דאָזיקע ידיעות.

מיט דעם קאָן מען דערקלערן טיילווייז*) אויך דעם אומבאַגרייפלעכן

*) מיר זאָגן טיילווייז דערפאַר, ווייל ס'זיינען פאַראַן אויך באַווייזן, אַז די רעזולטאַטן פון דער „אַנולירטער" פאָלקס-ציילונג זיינען געווען זייער ניט גינסטיק פאַר דער אַנטי-רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע: ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין לאַנד

פאַקט, וואָס די פאָלקסציילונג פון 1937 איז געווען . . . „אַנולירט": מסתמא האָט זי געבראַכט ניט באַפרידנדיקע צאָלן בנוגע דער קוואַנטיטעט פון דער באַפעלקערונג. די רעזולטאַטן פון דער לעצטער פאָלקסציילונג, וואָס איז געווען דורכגעפירט אין יאַנואַר 1939, זיינען פאַרעפנטלעכט נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן, וואָס קענען זייער ווייניק ערקלערן די דעמאָגראַפישע פּראָצעסן אין לאַנד. א. רופין שאַצט די יידישע באַפעלקערונג (פאַר דער מלחמה) אין יאָר 1937 — אין 3,100,000; פּראָפ' הערש רעכנט, אַז דער צוּוווּקס ביי די סאָוועטישע יידן אין אָנהויב פון די 30־סטע יאָרן איז געווען אין אַבסאָלוטע ציפערן 67,000, אין דער צייט, ווען אין פּוילן, וווּ די יידישע באַפעלקערונג איז געווען קוואַנטיטאַטיוו כמעט גלייך, איז די צאָל לעבעדיקע קינדער געווען 80 טויזנט.

מיר לאָזן אין אַ זייט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און קערן זיך צוריק צו דער גרונד־פראַגע: וועגן די דעמאָגראַפישע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציע. וואָס באַווייזט אין דער הינזיכט די סאָוועטישע סטאַטיסטיק? פאַר די 10 יאָר 1926—1935 זיינען פאָרגעקומען אַזוינע וויכטיקע ענדערונגען:

די אורבאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג

	1926 אין טויזנטער	1926 אין %	1935 אין טויזנטער	1935 אין %
אין די אינדוסטריעלע שטעט —	1,447	56,6	2,187	75,4
אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך	927	35,7	519	17,9
אין דאָרף — — — — — — —	226	8,7	194	6,7

די טאַבעלע באַווייזט אונז באַשיינפערלעך, אַז נאָר פאַר די 10 יאָר 1935—1926, הויפּטזעכלעך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינדוסטריאַלי-

---

זיינען פאַראַן, טראָץ אַלעמען, צו פיל גלויביקע... וואָס איז שייך די ניט־באַפרידנדיקע צאָלן פון דער פאָלקס־ציילונג פון 1937, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער פּלאַן פון דעם צווייטן פינפיאָרפּלאַן האָט אָנגעמערקט פאַר 1938 — 180 מיליאָן. — אין דער צייט, ווען אין 1939 האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָר 170 מיליאָן. „10 מיליאָן מענטשן זיינען פאַרפאַלן"! ס. פּראָקאָפּאָוויטש האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע אַליין האָט אָפּגעקאָסט 9,4 מיליאָן מענטשן.

זאציע פון ראטן־פארבאנד, האט זיך די יידישע באפעלקערונג מעכטיק א רוק געטאן פון די שטעטלעך און א ווארף געטאן זיך אין די גרעסערע שטעט.

נאך אין 1926 האבן די יידן פון די קליינע שטעט און שטעטלעך גע־בילדעט 35,7 פראצענט, און גאנצע 50 פראצענט פון די דאזיקע יידן האבן פארלאזן זייערע אלטע מקומות פאר א צענדליק יאר. און אויך דער פראצעס פון אורבאניזאציע זעט זיך זייער בולט ארויס פון דער דאזיקער סטאטיסטיק, וואס באווייזט, אז גאנצע 75,4 פראצענט פון די סאוועטישע יידן זיינען שוין געווען באזעצט אין 1935 אין די אינדוסטריעלע שטעט. אויב מיר וועלן געדענקען דעם באקאנטן פאקט, אז נאך דער רעוואלוציע האט זיך די צאל רוסישע יידן, וואס ווינען אויסער די גרענעצן פון דעם געוועזענעם תחום, פארגרעסערט פון 14 פראצ' ביז 40 פראצ', — וועלן מיר צוגעבן א גאנץ וויכטיקן שטריך צו דעם נייעם דעמאגראפישן בילד פון סאוועטישן יידנטום.

אבער אין א סך גרעסערע פונקטן פון דעם תחום גופא איז מיט אזא גיכן טעמפ געגאנגען דער פראצעס פון אורבאניזאציע און גרויס־שטעט־טישקייט, אז ס'איז גארניט געווען נויטיק פאר דער יידישער באפעלקערונג וויט צו פארן, כדי אריינצודרינגען אין די גרויסע אינדוסטריעס.

לויט די רעזולטאטן פון דער פאלקסציילונג פון 17־טן יאנואר 1939, דערוויסן מיר זיך, אז די צאל יידן אין ראטן־פארבאנד האט זיך פון 1926 געהעכערט אויף 348 טויזנט און שטעלט מיט זיך צוזאמען 3.020.000. די וויטער אנגעגעבענע טאבעלע באווייזט די פארטיילונג פון דער יידישער באפעלקערונג לויט די איינצעלנע רעפובליקן און לויט דער שטאט און דארף.

1. די דינאמיק פון די יידן אין פססר

	1926	1939	צוּוואוּקס פאר 12 יאר אין טויזנטער	אין %
די גאנצע באפעלקערונג (אין טויזנטער) —	147,028	170,467	23,439	15,9
יידן (אין טויזנטער) — — — — — —	2,672	3,020	348	13,0
פראצ' פון יידן צווישן דער אלגעמיינער באפעלקערונג — — — — — — —	1,82	1,78		

2. פאַרטיילונג פון די יידן לויט די איינצעלנע רעפובליקן (1939)

	אין טויזנטער	% צום סך הכל	% צו דער גאַנצער באַפעלקערונג
רספסר — — — — —	948	31,4	0,9
אוקראַינע — —	1,533	50,8	4,9
ווייסרוסלאַנד — — —	375	12,4	6,7
אזערביידזשאַן — — —	41	1,3	1,3
גרוזיע — — — — —	42,5	1,4	1,2
אַרמעניע — — — —	0,5	1,01	0,05
טורקמעניע — —	3	1,09	0,2
אוזבעקיסטאַן — — —	51	1,7	0,8
טאַדזשיקיסטאַן —	5	0,2	0,3
קאַזאַכסטאַן — —	19	0,6	0,3
קירגיזיע — — —	2	0,1	0,1
סך-הכל — —	3,020	100,0	1,8

זע: ל. זינגער „דאָס באַנייטע פאָלק", מאָסקווע, 1941. דאָס ביכל איז אַרויס נאָך דעם אָנפאַל פון היטלערן אויף רוסלאַנד און שטעלט מיט זיך פאָר דעם איינציקן פרוּוו צו פאַנאַנדעראַרבעטן די פאָלקס־ציילונג פון 1939 בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג פון ראַטן־פאַרבאַנד.

לויט זינגערס קאָמענטאַרן צו דער דאָזיקער טאַבעלע קומט אויס, אַז אין פאַרגלייך מיט 1926 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין ר.ס.פ.ס.ר., קאַזאַכסטאַן און קירגיזיע פאַרגרעסערט אין 1939 אויף 366 טויזנט נפשות (אויף 60,3 פראָצ') און פאַרקלענערט אין אוקראַינע אויף 41 טויזנט (2,6 פראָצ') און אין ווייסרוסלאַנד אויף 32 טויזנט (7,8 פראָצ'). אויפן קאַווקאַז האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל יידן אויף 33 טויזנט (64,7 פראָצ').

3. די פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן שטאָט און דאָרף (לויט דער פאָלקס־ציילונג 1939)

	שטאָטישע ייד. באַפעלקערונג		דאָרפישע ייד. באַפעלקערונג	
	אין טויזנטער	אין פראָצ'	אין טויזנטער	אין פראָצ'
רספסר, קאַזאַכסטאַן, קירגיזיע	861,9	88,9	107,1	11,1
אוקראַינע — — — — — —	1310,3	85,5	222,5	14,5
ווייסרוסלאַנד — — — —	329,4	87,8	45,7	12,2
קאַווקאַז — — — — — — —	73,5	87,3	10,6	12,7

טורקעסטאַן — — — — — —	2,7	87,1	0,4	12,9
אוזבעקיסטאַן און טאַדזשיקסטאַן — — —	49,8	88,9	6,2	11,1
פּססר — — — — —	2.627,6	87,0	392,5	13,0

די דאָזיקע טאַבעלע רופט נאַטירלעך אַרויס גרויסע ספקות דורך דעם, וואָס זי גיט אָן אַ זייער גרויסן פּראָצענט יידן אין דאָרף: 13 פּראָצ׳, כּמעט 400 טויזנט יידן, וואָס וווינען אין דאָרף. די ספקות זיינען באַזונדערס באַגרינדעט, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז די אָנגאַבן פאַר 1926 און 1935 האָבן אונדז באַוויזן קלאָר און דייטלעך, אַז די אויסגעשפּראָכענע טענדענץ האָט געפירט צו אַ פאַרקלענערונג פון דער דאָרפישער יידישער באַפעלקערונג: פון 1926 איז די צאָל יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט געגאַנגען באַרג-אַרויף, פון 8,7 פּראָצ׳ אין 1930 דערגאַנגען ביז 10 פּראָצ׳, אָבער אין 1935 און 1937 איז באַמערקבאַר געפאַלן די צאָל פון די יידישע ערדאַרבעטער — ביז 6,7 פּראָצ׳, ווייניקער פון 200 טויזנט. אפשר זיינען די ציפערן געווען דאַמאָלסט פאַלש, אָדער זיי זיינען אפשר פאַלש איצט? ל. זינגער פילט אייגנטלעך, אַז ס׳איז עפּעס ניט אין אָרדענונג: מיט אַמאָל — די צאָל ערדאַרבעטער האָט זיך פאַרדאָפּלט: אָנשטאָט 194 טויזנט (6,7 פּראָצ׳) אין 1935 — 392,5 טויזנט (13 פּראָצ׳) — אין 3 יאָר אַרום, אין 1939, און דער סטאַטיסטיקער געפינט אַ כּלומרשטן אויסוועג, ווען ער זאָגט, אַז „אַ באַדייטנדיקער טייל״ פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג באַשעפטיקט זיך ניט מיט לאַנדווירטשאַפט, — אַז דאָס זיינען אַרבעטער, בעלי־מלאָכות, אָנגעשטעלטע, אַדמיניסטראַטאָרס אאַ״וו (ז׳ 39). הייסט דאָס, אַז כּמעט 200 טויזנט יידישע ניט־ערדאַרבעטער אין דאָרף אויף 200 טויזנט יידישע ערדאַרבעטער? ס׳איז פּשוט אומגלויבלעך... מיר וועלן זיך אומקערן צו דער דאָזיקער פראַגע אין דעם קאַפּיטל וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

לײדער, גיט ניט די סטאַטיסטיק פון 1939 קיין ידיעות וועגן דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט איינצלנע שטעט, — נאָר ווען מיר נעמען אָן, אַז דער אָנטייל פון די יידן אין דער באַפעלקערונג דאָרף זיין פאַרהעלטנישמעסיק גאַנץ גרויס, וועט די פאָלגנדיקע טאַבעלע פון דער פאָלקסציילונג פונם יאָר 1939 אונדז באַוויזן, ווי מעכטיק עס האָט זיך

אנטוויקלט קוואנטיטאטיוו די באפעלקערונג אין די אלטע גרויסע יידישע קיבוצים אין רוסלאנד:

די צאל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין:

שטאט	צו דעצעמבער 1926	צו יאנואר 1939
מינסק — — — — — — —	131,803	238,772
וויטעבסק — — — — — —	98,857	167,424
האמעל — — — — — — —	86,409	144,169
מאהילעוו — — — — — —	50,222	99,440
באברויסק — — — — — —	51,296	84,107
אדעס — — — — — — —	420,862	604,223
דניעפראפּעטראָווסק — —	236,717	500,662
זשיטאמיר — — — — — —	76,678	95,090
וויניצע — — — — — — —	57,990	92,868
מעליטאפאל — — — — — —	25,289	75,735
בערדיטשעוו — — — — — —	55,613	66,306

געוויס, ס׳זיינען פאראן אלגעמיינע סיבות, וואס האבן געטריבן די באפעלקערונג פון דארף אין שטאט: מיר האבן שוין אנגערופן די אינדוסטריאליזאציע, וואס האט געפאדערט פאר זיך פרישע און נייע ארבעטסקרעפטן, און וואס האט, נאטירלעך, צוגעשטעלט די פויערישע באפעלקערונג. מען דארף אויך צוגעבן, אז די קאלעקטיוויזאציע פון לאנדווירטשאפט, וואס איז געווען פארבונדן מיט די פראצעסן פון מעכאניזאציע און מאשיניזאציע פון דער ערדארבעט, האט באשאפן אין דארף זייער פיל „לידיקע הענט", וואס זיינען דורך דעם געטריבן געווארן אין די שטעט. די יידישע באפעלקערונג, וואס די גרויסע שטאט האט שטענדיק ארויסגעוויזן פאר איר א באזונדער צוציאונגס-קראפט, האט געהאט אירע אייגענע צוגאב־מאטיוון צו לויפן פון די רואינירטע און אויסזיכטסלאזע שטעטלעך אין שטאט. דאס אליין, וואס אזויפיל יידן זיינען געווארן מלוכה־באאמטע און נאכדעם פאבריק-ארבעטער אין די גרויסע אינדוסטריעס — האט געדארפט ארויסרופן א באזונדערע „באוועגלעכקייט" פון דער יידישער באפעלקערונג אין לאנד. אבער דער שארפער אינעווייניקסטער קריזיס, פון וועלכן דאס יידישע שטעטל האט שוין לאנגע יארן ניט געקענט זיך באפרייען, האט אונטערגעיאגט דעם אפפלוס. מען איז געלאפן אין די אלטע צייטן קיין אמעריקע. אבער ווען די וועלט־מלחמה האט פארשפארט אלע

גרענעצן, און די פּאָגראָמשטשיקעס פון פאַרשיידענע מינים אין צייט פון דעם וועלט־קריג און בירגער־קריג האָבן ניט נאָר געשטעלט אין סכּנה דאָס לעבן פון דעם שטעטל, — נאָר אויך אָפּט געפירט צו דער פיזישער פאַרניכטונג פון אַ סך יידישע שטעטלעך, — איז דער דראַנג אין די גרויסע שטעט געוואָרן די איינציקע רעטונג. די פּלאַן־ווירטשאַפט, די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין אַ ברייטן פאַרנעם און אין אַ מלוכה־מאַסשטאַב האָט אויך ניט איין יונגן יידישן קאָפּ פאַרדרייט, צוגעצויגן צו זיך די מער אַקטיווסטע עלעמענטן.

אַזוי קענען מיר אויפן גרונד פון דער רוסישער דערפאַרונג, קומען צום אויספיר, אַז דאָס שטעטל אין ראַטן־פאַרבאַנד שטאַרבט אָפּ סיי ווירט־שאַפטלעך, סיי פּסיכאָלאָגיש און אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן בילדן זיך אויס נייע, גרויסע יידישע קיבוצים.

י. לעשטשינסקי אין זיין בוך „די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד" (ניו־יאָרק, 1941, זז' 83-84) גיט אָן דאָס יידישע באַפעלקערונג אין 1939 אין זעקס גרעסטע רוסישע שטעט אין 1,280,000, וואָס בילדן, לויט זיין אויסרע־כענונג, העכער פון 42% פון אַלע יידן אין רוסלאַנד פאַר דער מלחמה. די שטעט זיינען פאָלגנדיקע:

מאָסקווע — — — — — — — —	400	טויזנט	יידן
לעניגראַד — — — — — — — —	275	„	„
אָדעס — — — — — — — —	180	„	„
קיעוו — — — — — — — — —	175	„	„
כאַרקאָוו — — — — — — — —	150	„	„
דניעפּראָפּעטראָווסקי — — — — —	100	„	„
צוזאַמען — — — — — —	1,280,000		יידן

אַן ענלעכע דערשיינונג קומט פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג, — ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, — וועלכע וויל איבערקומען דעם „אידיאָטיזם" פון איר לעבנס־שטייגער, ווי עס דריקט זיך אויס מאַרקס, — און וויל אויך געבן אירע קינדער אַ שטאָ־טישע בילדונג, — ווי דאָס ווילן פון שטענדיק אָן די יידישע קליינשטעטל־דיקע טאַטעס און מאַמעס. איינער פון די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון דער

רוסישער רעוואָלוציע איז די „פּלעבעיִזאַציע” פון מלוכהשן, פון קולטורעלן לעבן אין לאַנד, — און די דאָזיקע טענדענצן האָבן פאַרשטאַרקט מיט זיך אויך די קינדער פונם יידישן שטעטל.

ווען מיר וואַרפן אַ בליק אין אַלגעמיין אויף דער מאָדערנער געשיכטע פון דעם וועלט־יידנטום, וועלן מיר אייגנטלעך קאָנסטאַטירן אַ פאַקט, אַז די יידן מאַכן דורך אומעטום איינעם און דעמזעלביקן וועג: פון קליינ־שטעטל צום גרויסן און אינדוסטריעלן צענטער. אַפילו דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט, דער ניו־יאָרקער, איז באַשאַפן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן אופן. אין ראַטן־פאַרבאַנד גייט דער פּראָצעס פון דער יידישער טראַנספאָרמאַציע פיל שנעלער, מיט די ספּעציפיש־רוסישע „טעמ־פּען”, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מאַטערנישן און יסורים פאַר דער באַ־פעלקערונג, נאָר דאָס איז אַפּנים אומפאַרמיידלעך אין אַ צייט פון שטורעם און רעוואָלוציע.

II. די רעקאָנסטרוקציע־פּראָגראַמען

1.

די ערשטע טריט

די ערשטע טריט פון די יידישע קאָמוניסטן בנוגע דער ווירטשאַפט־לעכער לאַגע פון די יידישע מאַסן, וואָס זיינען געווען רואינירט ניט נאָר דורך דער מלחמה, נאָר אויך דורך דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק, — האָבן באַוויזן, אַז צווישן די נייע מאַכט־האָבער אויף דער יידישער גאַס און דער יידישער באַפעלקערונג עקזיסטירט אַ טיפער אָפּגרונט. די קאָמוניסטן האָבן דאַמאָלסט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קליינעם ניט באַדייטנדיקן הייפל, וואָס איז געווען פולקאָם איזאָלירט פון פאָלק, פון די אַרבעטער, פון די בעלי־מלאָכות. זיי איז פרעמד געווען די יידישע סביבה. זיי האָבן זייער ווייניק געוווסט וועגן די אמתע נויטן פון דער באַפעלקערונג. אָבער די וויכטיקסטע סיבה, וואָס האָט געשאַפן אַ וואַנט צווישן די יידישע „קאָמי־סאַרן" און די יידישע מאַסן, איז באַשטאַנען אין דעם פּרינציפּיעלן צו־גאַנג פון דער קאָמוניסטישער מאַכט צו די יידן, ווי צו אַ פיינטלעכן סאָ־ציאַלן לאַגער, וואָס איז אייגנטלעך „היסטאָריש", „אָביעקטיוו", — אַ שטער פאַר דעם גאַנצן עקספּערימענט פון לענין און טראָצקי, און וואָס איז „פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג". און אַ געטרייער קאָמוניסט, — און די יידישע באָלשעוויקעס זיינען דאָך געווען אויפריכטיקע, איבערגע־געבענע, גלויביקע אָנהענגער פון „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", — האָט געדאַרפט „אונטעריאָגן" דעם גאַנג פון די געשעעניש און פון זיין זייט „פאָרסירן" די ליקווידאַציע פון דער מערהייט פון די יידן, וואָס פילן אויס די פונקציע פון „בורזשויען", „ספּעקולאַנטן" און פּרינציפּיעלע אַנטי־קאָמוניסטן . . . אַזוי אַרום, דאַרף מען זיך נאָרניט וווּנדערן, אַז אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָט צוזאַמענגערופן

דער יידישער קאָמיסאַריאַט, האָט מען אַרויסגעוויזן אַז אויסגעשפּראָכענע טענדענץ אַוועקצולויפן פון דער שאַרפער יידישער פראַגע, וואָס איז נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע געוואָרן נאָך שאַרפער.

אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטן (צוזאַמען מיט די יידישע לערער), וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אָקטאָבער 1918, האָט מען זיך באַנוגנט מיט אַ נעפּלדיקן פּלאַן פון צוציען יידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן און שאַפן „יידישע קאָמונעס". דאָס איז געווען אָנגענומען לויט אַ פאָרשלאָג פון דעם יידישן קאָמיסאַר — דימאַנטשטיין. דער אָנווייז אויף דער נויטווענדיקייט צו העלפן די לופט-מענטשן אַרויסצורייסן זיך פון דער נעץ פון ספּעקולאַציע און אַוועקשטעלן זיי אויף אַ ריכטיקן פּראָדוקטיוון וועג, — האָט ניט געפירט צו קיינע ממשותדיקע אויספירן. אויף דער צווייטער קאָנפערענץ אין יוני 1919 האָט דימאַנטשטיין ווידער גערעדט אין זיין פאָרטראָג וועגן דעם גורל פון דעם יידישן „לומפּן־פּראָלעטאַריאַט", אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פון דעם יידישן „לומפּן־בורזשוי". מען דאַרף פאַרקלענערן דעם קאָנטינגענט פון די „קליינע ספּעקולאַנטלעך", דעם פאַרנעם פון דעם „מנחם־מענדלעריי", — האָט געטענהט דער יידישער קאָמיסאַר. אָבער קיין פּלאַן איז ניט געווען, קיין פּראָגראַם פון רעקאָנסטרוקציע האָט גאָרניט עקזיסטירט. פאַרקערט, אין די דעבאַטן האָט מען אונטערגעשטראָכן, אַז בשעת אין לאַנד הערשט דער אַנטיסעמיטיזם, איז אויסגעשלאָסן צו שטעלן די פראַגע וועגן דער איבערוואַנדערונג פון די יידן אויף ערדאַרבעט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז שוין דעמאָלט איז פאַר איניקע קאָמוניסטן געווען קלאָר די שולד פון דער סיסטעם אין דעם יידישן חורבן. „דער מיטלקלאַס האָט אונז פיינט, — האָט געזאָגט אַ דעלעגאַט, — ווייל ער גייט־אונטער צוליב אונזערע נאַציאָנאַליזאַציעס". און נאָך אָפענער און פרעזיצער האָט גערעדט וועגן דעם אַ צווייטער דעלעגאַט: „נאָך דער מלחמה איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט גאַנץ און גאָר חרוב געמאַכט דעם יידישן ישוב, און די יידישע קליינבירגער זיינען טאַקע בפועל ממש געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט . . . דער הונגער טרייבט צו ספּעקולאַציע, און די טשרעזוויטשאַיקעס קענען דאָ ניט העלפן".

צום ערשטן מאָל איז די אידעע פון פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן געווען אַריינגעטראָגן אויף אַ באַראַטונג פון די קאָמוניסטן אין קיעוו

אין פעברואַר 1920, אָבער אויך דאָ האָט די אָנגענומענע רעזאָלוציע געפאָדערט, אַז מען זאָל פירן אַן „אַגיטאַציע" קעגן די „ספּעציפיש־יידישע פּרנסות" און האָט גערופן צו אָרגאַניזירן אַרטעלן און וואַרשטאַטן פאַר יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאָכות, וואָס זיינען אַרויסגעשטויסן פון דער פּראָדוקטיווער אַרבעט. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אויף דער קיעווער באַראַטונג איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אויך אַן אַנדערע, אַ פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענע רעזאָלוציע, וואָס האָט געפאָדערט מען זאָל זיך פון אָנהויב אָן אָפּזאָגן פון יעטווידן קאַמף מיט דער פּאַופּעריזאַציע. אָט די אַלע סאָציאַלע קלאַסן זיינען דאָך פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג, און קעגן די „אייזערנע געזעצן פון דער געשיכטע" קען מען דאָך גאָרניט מאַכן. דאָס איז געווען די מיינונג פון מ. לעוויטאַן, וואָס איז געקומען צום קאָמוניזם פון די ס"ס.

די דריטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטן פון יולי 1920 אין מאָסקווע, האָט שוין אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דער „עקאָנאָמישער אַרבעט". אין פּראַקטישן זין איז דאָ אויך ניט געמאַכט געוואָרן קיין איין שריט פאָראויס. ס'איז אָנגעמערקט צו בילדן פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ רוף צו פירן אַגיטאַציע, כּדי צו „פאַרפעסטיקן צווישן די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג די פאַראַכטונג צו דער ספּעקולאַציע".

דער שווערפּונקט אָבער פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ליגט אין דער פאָרמולירונג פון דער באַציאונג צו די מיטעלע קלאַסן אין דעם אַזוי־גערופענעם „איבערגאַנגס־פּעריאָד". „דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער איבערבויונג (פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם) דערלאַנגט די לעצטע קלעפּ דעם קליינהאַנדל און האַנדווערקעריי, — לייענען מיר דאָרטן, — די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע מאַסן . . . באַשאַפט אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע: אויב די דאָזיקע מאַסן, וואָס האָבן ניט קיין מעגלעכקייט . . . צו באַזעצן זיך אין דאָרף, וועלן ניט צוגעצויגן ווערן צו נייער פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף סאָציאַליסטישע יסודות . . . וועלן זיי אומפאַרמיידלעך ווערן אַ שטערונג אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער בויאונג, ווייל זוכנדיק מיטלען צום לעבן, זיינען זיי געצוואונגען צו פאַר־

נעמען זיך מיט ספעקולאַציע", און דאָ וועלן אויסוואַקסן „רעאַקציאָנערע נעזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען". (ז. אגורסקי „די יידישע קאָמיסאַריאַטן", ז' 216, 7-536 אא"וו.)

2.

אין דער תקופה פון דעם „קריג־קאָמוניזם" און אויך שפּעטער

עס איז אַ שווערע און וויכטיקע אויפגאַבע צו סיסטעמאַטיזירן, צו ברענגען אין אַ געוויסער אָרדענונג די סאָוועטישע געזעצגעבונג, וואָס באַציט זיך צו די פראַגן פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע פון דער יידישער באַלעקערונג. ס'איז ניט לייכט צונויפצוזאַמלען אַלע געזעצן, דעקרעטן און פאַראָרדענונגען, וואָס זיינען ארויסגעגעבן פון איינצעלנע רעפּובליקן, אָדער פון דער צענטראַלער מאַכט, — וואָס זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן און ניט סיסטעמאַטיזירט. ס'זיינען געווים אויך פאַראַן זייער פיל דעקרעטן, וואָס שטיצן זיך נאָר אויף די באַשטימונגען פון די אונטערגעאָרדנעטע אָרגאַנען, וואָס האָבן געהאַט זייער אַ שמאָלע קאָמפּעטענץ, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געזעצגעבערישע מאַכט, — און וואָס האָבן אַפילו שפּעטער ניט באַקומען קיין באַשטעטיקונג פון די נעהעריקע אינסטאַנצן.

אויספירן אַזאַ יורידישע אויפגאַבע וואָלט געוועזן פאַרטיפן זיך אין אַן ענין וואָס גייט אַרויס ווייט פון די ראַמען פון אונזער אַרבעט. דערפאַר האָבן מיר זיך געמוזט באַנוגענען מיט אויסגעפינען אייניקע וויכטיקע אַקטן פון דער צענטראַלער מאַכט אָדער פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, כּדי צו שאַפן די נויטיקע פאַרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי האָט מען פון אויבן אָן פאָרמולירט די הויפּט-אויפגאַבן און די ריכטליניעס פון דער יידישער רעקאָנסטרוקציע אין לאַנד.

ס'איז אפשר נויטיק דאָ צו באַמערקן, אַז אין דער ערשטער צייט, אין די יאָרן פון „מיליטערישן קאָמוניזם", פעלן כּמעט אינגאַנצן יעטווידע געזעצגעבערישע אַקטן בנוגע די דאָזיקע פראַגן. דאָס דערקלערט זיך הויפּטזעכלעך דערמיט, וואָס ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זיינען טיילווייז געווען ביזן סוף 1918־טן יאָר אָקופּירט פון די דייטשע אַרמייען, און אַ סיסטע־

מאטישע, פּלאַנמעסיקע אַרבעט איז דאַמאָלסט געווען דאָרטן אויסגעשלאָסן. שפּעטער, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער בירגער־קריג, וואָס איז געווען באַגלייט מיט שרעקלעכע פּאָגראָמען פון איין זייט, און פון ספּאָנטאַנישע פּויערים־אויפשטאַנדן — פון דער צווייטער זייט, — איז אויך געווען אַ צייט, — די יאָרן 1919—1920, — ניט קיין צוגעפּאַסטע פאַר וועלכע ס'איז פּרווון פון רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט.

אָבער טראָץ דעם וואַרפט זיך אין די אויגן, — און מען קען דאָס ניט פאַרשווייגן, — אַז בנוגע ווייסרוסלאַנד, למשל, זיינען אין די יאָרן 1920—1917 געווען פאַרעפנטלעכט אייניקע דעקרעטן: אַ מאַניפעסט פון דער ווייסרוסישער ראַטן־רעגירונג, אַ דעקלאַראַציע פון דעם 1־טן ראַטן־צוזאַמענפאָר, אַ באַשטימונג פון דער צענטראַלער מאַכט אין מאָסקווע וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון ווייסרוסלאַנד, — אָבער בחינם וועט איר זוכן אין די אַלע דעקרעטן אַן אָנדייטונג אויף דעם פאַקט, אַז יידן זיינען אויך פאַראַן אין ווייסרוסלאַנד, און זיי בילדן אין די שטעט און שטעטלעך ניט קיין קליינעם באַשטאַנד־טייל פון דער באַפעלקערונג. ניין, וועגן די יידן פאַרלירט מען אפילו ניט קיין וואָרט, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָרניט עקזיסטירט... און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע אוקראַינע.

איין־איינציקן געזעצגעבערישן אַקט פון ניט וויכטיקער און פאַרביינייענדיקער באַדייטונג האָבן מיר געפונען אין די אָפיציעלע זאַמלונגען פון די געזעצן, און דאָס איז אַ דעקרעט פון „נאַרקאָמנאַץ" (פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר די נאַציאָנאַלע ענינים), וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „זשיזן נאַציאָנאַלנאָסטיי" (נומ' 25 פון אויגוסט 1920) וועגן מיטהעלפן דער אַרבעט פון „סעטמאַס". דער דאָזיקער דעקרעט שפּיגלט אָפּ דעם קורצן עפּיזאָד, ווען אין קיעוו, לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון דעם „סאָוועטישן רב" זשיטניק האָט זיך געבילדעט אַ „קליינבירגערלעכע" אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „סעטמאַס" (סאָיוז יעווריעיסקיך טרודיאַטשיכסיאַ מאַס), און מיט דער דאָזיקער פאַראייניקונג האָט מען, אפנים, דאַמאָלסט פאַרבונדן אַ דערוואַרטונג פון עקאָנאָמישער אויפבוי־אַרבעט.

אין דעם דעקרעט שטייט בוכשטעבלעך: „סעטמאַס" שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו־צוציען די ברייטע יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן צו אַ פּראָדוקטיווער און קאָלעקטיווער אַרבעט מיט דער הילף פון פּראָדוציר־אַרטעלן, לאַנד־

ווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון אא״וו. די טעטיקייט פון „סעטמאַס״ אַנטוויקלט זיך אונטער דעם קאָנטראָל פון דער יידישער אָפּטיילונג פון נאַרקאָמנאַץ און פון דער יידישער סעקציע פון דער אַלרוסישער קאָמפּאַרטיי און פינאַנסירט זיך פון די מלוכה־קוואַלן״...

אָבער ווען ס׳איז פאַראַן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס מען האָט ניט געקענט שטעלן פאַר זיך ערנסטע אויפגאַבן בנוגע דער יידישער רעקאָנסטרוקציע אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, — איז כמעט אומבאַגרייפלעך דאָס פעלן פון וואָסערע ס׳איז ממשותדיקע טריט אין די ערשטע יאָרן נ אָ ך דעם בירגער־קריג, אין דער ערשטער צייט פון „נעפּ״. דער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט די דאַמאָלסדיקע קאַמפן צווישן די יידישע קאָמוניסטן, ווייסט אָבער, אַז טאַקע דאַן אין די יאָרן 1921—1923 האָבן די יידישע קאָמוניסטן, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען פיל פּראָזעליטן, אָנגעקומענע און פריש־געבאַקענע, רענעגאַטן פון אַנדערע פּאַרטייען, געהאַט פאַר זיך גאַנץ אַנדערע אויפגאַבן. די דאָזיקע נייע אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור האָט זיך געוואָלט „אָניאָגן״ דאָס, וואָס זיי האָבן „פאַרשפּעטיקט״, און טאַקע אין די ערשטע יאָרן פון „נעפּ״ ווען אין טיף־רוסלאַנד האָט שוין געפילט זיך אַ געוויסע מידקייט פון די רעוואָלוציאָנערע צעשטערונגען, — האָט זיך אויף דער יידישער גאַס מיט אַ באַזונדערן ברען אַנטוויקלט די צעשטערונג-אַרבעט. דערפאַר וועט איר ניט געפינען פאַר די דאָזיקע יאָרן קיין וויכטיקע באַווייזן פון אַ פאַרנינפטיקער באַציאונג צו די פראַגן פון דער עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע, וואָס איז געווען אַזוי לעבנס־נויטיק פאַר די יידישע מאַסן, אויסגעמאַטערטע פאַר די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון בירגער־קריג, פון די פּאָגראָמען און פון די בליץ־אַטאַקעס פון די ערשטע קאָמוניסטן.

.3

דער איבערברוך

1924 קומט פאָר דער וויכטיקער איבערברוך אין דער באַציאונג פון די „יידסעקן״ צו דעם פּראָבלעם פון רעקאָנסטרוקציע. פון צופעליקע און פּלאַנלאָזע שריט אין דער הינזיכט האָט מען זיך „אומגעקערט מיטן פּנים״

צו די יידישע נויטן: צום שטעטל, צום קוסטאר, צו ערדארבעט, צו אינ־דוסטריע.

אפשר האָבן זיך באַוויזן סימנים פון געוויסנסביסן ביי מאַנכע, וואָס האָבן נאָך ניט אינגאַנצן צעשמאָלצן זיך אין דעם טאָפּ פון דער טעראָריס־טישער פּראַקטיק. ביי אַנדערע האָט זיך געווים אָנגעהויבן צו קלאַפּן דער „נאַציאָנאַלער פּאַטאָס״, דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין, דער געפיל פון אחריות פאַר דעם קיום פון פאָלק, פון די מאַסן, וועלכע זיינען דורכגע־גאַנגען אַזאַ ביטערן וועג פון יסורים. דאָן איז געשטעלט געוואָרן אין אַ גאַנץ גרויסן פאַרנעם די פּראָבלעם פון דער ערד־איינאָרדענונג פון די יידן, די פּראָבלעם פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, — וואָס האָט געשאַפן גרויסע פּאָפּולאַריטעט פאַר דער סאָוועטישער רעגירונג מחוץ לארץ און צוגעצויגן ברייטע סימפּאַטיעס ביי יידן אין אויסלאַנד צו דעם ראַטן־פאַר־באַנד. איינער פון די ערשטע עטאַפּן אויף דעם דאָזיקן וועג איז געווען די גרינדונג פון „קאָמערד״, און שפּעטער פון „געזערד״, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די אַרבעט פון דער ערד־איינאָרדענונג פון די יידן אין רוסלאַנד.

די יידישע אַמעריקע, דורכן „דזשאָינט״, האָט באַלד גענומען אַן אַק־טיוון אנטייל אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָגראַם פון דער קאָלאָ־ניזאַציע. דער אָפּמאַך מיט „אַגראָדזשאָינט״ האָט באַזאָרגט די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען פאַר דעם דאָזיקן עקספּערימענט. דער „אַגראָדזשאָינט״ האָט מיט זיין אייגענעם אַפּאַראַט פון אַגראָנאָמען, אינסטרוקטאָרן און אַנ־דערע פּאַכלייט אַריינגעטראָגן אַ סדר אין דער גאַנצער אַרבעט.

דער „קאָמערד״ איז געגרינדעט געוואָרן דעם 29־טן אויגוסט 1924. די סטאַטוטן פון „קאָמערד״, וואָס האָט פונקציאָנירט ביי דעם פּרעזידיום פון דעם „נאַציאָנאַליטעטן־ראַט״, זיינען געווען באַשטעטיקט פון דעם „ציאק״ דעם 25־טן סעפּטעמבער 1925. (די אָרטיקע קאָמיסיעס פאַר ערד־איינאָרדענונג פון די יידן זיינען געווען באַשטעטיקט פון „ציאק״ דעם 5־טן אַפּריל 1926 אין קרים, אין צפון־קאַווקאַז, אין האָמלער, סמאָלענסקער, בריאַנסקער און פּסקאָווער גובערניעס). דעם 12־טן אָקטאָבער 1925 האָט דער „ציאק״ באַשטעטיקט די צענטראַלע קאָמיסיע פאַר ערד-איינאָרדענונג ביי דעם פּרעזידיום פון „ציאק״ אין באַשטאַנד פון אַ מיטגליד פון פּרע־זידיום, פון אַ פאָרשטייער פון „נאַרקאָמזעם״ (פאָלקאָמערד) און פון די פּערזאָנען, וואָס זיינען באַקאַנט מיט די באַדינגונגען פון לעבן און מיט

דעם לעבנס־שטייגער פון דער יידישער באפעלקערונג. אין 1926 און 1927 האבן די געזעצגעבנדיקע ארגאנען אין אוקראינע און ווייסרוסלאנד אויך אנגעהויבן ארויסצווייזן מער אינטערעס צו די דאזיקע פראבלעמען. די אידעען, וואס האבן געהאט זייער געבורטסארט אין מאסקווע, האבן זיך דערקייקלט ביז כארקאוו און מינסק. דעם 19־טן מאי 1926 האט דער אל־אוקראינישער ציאק און דער ראטפאלקאם ארויסגעגעבן א דעקרעט וועגן די מאסמיטלען צו פארבעסערן די לאגע פון די יידישע הארעפאשנע מאסן.

ס'איז דא זייער וויכטיק אונטערצושטרייכן, אז אחוץ אלגעמיינע גע־דאנקען און פראזן, האבן אין דעם דאזיקן דעקרעט גאנץ הויך געקלונגען טענדענצן אין דער ריכטונג **אפצושוואכן** דעם דראנג פון די יידן אויף די אוקראינער ערד־פאנדן. אין דעם דעקרעט שטייט בוכשטעבלעך, אז ס'איז זייער ווינשנסווערט צו ארגאניזירן די איבערוואנדערונג פון די יידן . . . אויפן צפון־קאווקאז, אויפן צפון־קרים, אין סיביר, און דארטן דארף מען אויסטיילן ערד־פאנדן און אויף דעם געפינען געלט־מיטלען. דאס איז אפשר שוין געווען א סיגנאל וועגן דעם, אז אויף אוקראינע זייי־נען פאראן וויכטיקע ארגומענטן קעגן דער יידישער קאלאניזאציע (צווישן זיי — אויך אפשר דער אנטיסעמיטיזם פון דער פויערישער באפעלקע־רונג...), וואס האבן טאקע אין א פאר יאר ארום ארויסגערופן דעם אומ־דערווארטן קער פון אדעם אזש צו די ברעגן פון אמור.

אין ווייסרוסלאנד איז דער שווערפונקט דאמאלסט געווען אין דער אויפ־נאבע ווי עס איז איינצוארדענען און ווירטשאפטלעך אויפלעבן די שטעט־לעך, ווו די באפעלקערונג איז געווען א געמישטע: א קוסטאריש־לאנד־ווירטשאפטלעכע, אדער, ריכטיקער געזאגט, כמעט פאלקאם א **דעקלא־סירטע**, וואס האט געזען איר איינציקע רעטונג אין דער קרובים־הילף פון אמעריקע.

צום 10־טן יארטאג פון דער אקטאבער־רעוואלוציע, דעם 4־טן נא־וועמבער 1927 האט מען דערמאנט זיך וועגן דעם שרעקלעכן מצב פון דער שטעטלדיקער באפעלקערונג, און דער „סאוונארקאם" (ראטפאלקאם) פון ווייסרוסלאנד האט פארעפנטלעכט א דעקרעט וועגן דער ווירטשאפט־לעכער איינארדענונג פון די שטעטלעך. לויט דעם פראקטישן טייל פון דעם דאזיקן דעקרעט איז געווען אנערקענט: א) די נויטווענדיקייט פון דער ביי־שטעטלדיקער ערד־איינארדענונג, און אנגעמערקט אויסצוטיילן ספע־

ציעלע ערד-פאָנדן, דורכפירן אגראָנאָמישע א״א מאָסמיטלען, אנטוויקלען סעדעריי, מילך־ווירטשאפטן או״וו; ב) פארשטארקן די טעטיקייט פון דער קוסטאריש-געווערב־קאָאָפעראציע און אָרגאניזירן פארשיידענע איינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; ג) פארבעסערן די פארזאָרגונג פון די שטעטלעך מיט וואלד־מאטעריאלן, אנטוויקלען דעם אויפבוי פון הייזער, וואָס זאָלן קאָנען אויסמיידן די סכנה פון שריפות; ד) פארזאָרגן די ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען מיט קרעדיטן. — כדי דורכצוקאָנטראָלירן די צוגעפאסטקייט פון די דאָזיקע פלענער, האָט מען פאר דעם יאָר 1928—1927 איינגעשלאָסן אין פלאן עטלעכע שטעטלעך פאר דורכפירן אין זיי די רעקאָנסטרוקציע־ארבעט.

צו דער זעלבער צייט איז שוין געשטעלט געוואָרן אין גאנג די קאָלאָניזאציע אין קרים, וואָס האָט באקומען א שם: „דער קרימער פּראָיעקט״, אָדער, פינקטלעכער, דער פלאן פון א יידישער רעפובליק אין קרים. דעם 21-טן אפריל 1927 האָט דער פרעזידיום פון „ציאק״ פון דער אויטאָנאָמער קרימער רעפובליק אָנגעמערקט אויסצוטיילן, אלס צוגאָב צו די פריערבאשטימטע ערד-פאָנדן פאר דער יידישער קאָלאָניזאציע אין דער גרויס פון 63,000 העקטאר, — נאָך 55,200 העקטאר אין די ראיאָנען דזשאנקאָיי און יעווּפּאטאָריע, פאר דער איבערוואנדערונג פון 2,080 ווירטשאפטן. דעמזעלבן יאָר, 1927, דעם 11־טן יולי, האָט דער פרעזידיום פון „ציאק״ געבילדעט א נייע קאָמיסיע פאר ערד־איינאָרדענונג פון די יידן אין דאגעסטאן.

.4

דער הויפטפונקט אין דער אויפבוי־ארבעט

אָבער אלס גרונד־יסוד פאר אלע באשטימונגען דארף מען באטראכטן די באשטעטיקונג פון פרעזידיום פון „ציאק״ פון דעם פלאן פון „קאָמערד״ צו פארווירקלעכן אין די נאָענטסטע יאָרן די קאָלאָניזאציע פון 100 טויזנט יידישע משפחות. דער דעקרעט איז געווען דאטירט דעם 15-טן יוני 1926 און קלינגט אזוי: „רעכענען, אז דער פלאן פון „קאָמערד״, וואָס צילט אריבערצופירן אויף לאנדווירטשאפט 100,000 יידישע משפחות, אנט־

שפּרעכט סיי די אַלגעמיין מלוכישע אינטערעסן, סיי די נויטן פון דער אָר־בעטענדיקער יידישער באַפעלקערונג".

דער ווייטערדיקער עטאַפּ פון דער רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער באַשטימונג פון ראַטפּאָלקאָם פון פ.ס.ס.ר. פון נאָ־ווועמבער 1929 וועגן מאָסמיטלען צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע מאַסן. אין דער ביילאַגע צום פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון דעם ראַטפּאָלקאָם זיינען אָנגעמערקט אַ ריי פּראַקטישע מאָסמיטלען, וועלכע ס'לוינט צו נעמען אין אָנבאַטראַכט (מיר ברענגען זיי דאָ מיט קליינע קירצונגען):

1) באַאויפטראָגן דעם מלוכה־פּלאַן, ער זאָל איינשטעלן די פינאַנ-סיר־נאָרמעס פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער איינאָרדענונג פון די אָר־בעטענדע יידישע איבערוואַנדערער.

2) דאָס פינאַנצירן דאַרף פאָרקומען סיי לויט דעם מלוכהשן בודזשעט סיי לויט דער סיסטעם פון ווירטשאַפטלעכן קרעדיט. (דאָס דאַרף זיין פעסטגעשטעלט אין הסכם מיט דעם צענטראַלן לאַנדווירטשאַפטלעכן באַנק).

3) . . . אָננעמען אַלע מיטלען מיטצוהעלפן דער קאָלעקטיוויזירונג.

4) פאַנאַנדעראַרבעטן די פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון אינ־דוסטריע און טראַנספּאָרט אין די ערטער פון דער דורכאויסיקער איבער-וואַנדערונג (ביראָ־בידזשאַן).

5) דער פאָלקאָמאַרבעט און פאָלקאָמפין פ.ס.ס.ר. דאַרפן אָנווייזן יעדעס יאָר אַסיגנירונגען אויף קוואַליפיצירן און איבערקוואַליפיצירן די אַרבעטלאָזע צווישן דער יידישער אָרעמשאַפט (אויפן חשבון פון פאַר־באַנד, אָדער פון איינצעלנע רעפּובליקן).

6) זיכערן דעם אָפּקלייב פון ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעטס־קראַפט פון דער יידישער אָרעמשאַפט פאַר בוי־אַרבעט, וואַלד־פאַרגרייטונג, שאַכ-טעס, ערד־גרובן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

7) פאַנאַנדעראַרבעטן אַ ריי מאָסמיטלען צו רעגיסטרירן אויף דער אַרבעט־בירזשע די יידישע אָרעמשאַפט . . .

8) . . . פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון אַרומנעמען די יידישע אָרעמ־שאַפט מיט דער קליינער קוסטאַרישער אינדוסטריע . . . פאַראייניקן זי אין אַרטעלן, באַזאָרגן די אַרטעלן מיט רוי-שטאָף און קרעדיטן, אַריבערפירן די

אַרטעלן אויף אַזעלכע אַרבעטס־צווייגן, וואָס פאָדערן ניט קיין דעפיציט־רווישטאָף . . .

9) באַאויפטראַגן די געווערב־אַדמיניסטראַציע . . . איינצושליסן אין יאָרפּלאַן... די נויטיקע מאָסמיטלען צום אינטענסיפיצירן די קאָאָפּע־רירונג פון די יידן-קוסטאַרן אין די שטעטלעך".

דער דאָזיקער דעקרעט, וואָס האָט געצילט אַרומצוכאַפּן מיט פאַר־שיידנאַרטיקע הילף-מאָסמיטלען די יידישע פאַראָרעמטע און דעקלאַסירטע באַפעלקערונג (מען האָט דאַמאָלסט לויט דער אויסרעכענונג פון י. לאַרין, אָנגענומען די צאָל דעקלאַסירטע יידן אין לאַנד צוזאַמען מיט זייערע משפחות אין 1 מיליאָן מענטשן; ס'איז אינטערעסאַנט, אַז צו דער זעלבער צייט האָט מען די צאָל „אַרויסגעשטויסענע" און פאַראָרעמטע אין פוילן אויך גערעכנט אין אַ מיליאָן מענטשן...) איז געווען אַרויסגעגעבן אין דער צייט, ווען די גרויסע פּלענער בנוגע ערד־איינאָרדענונג אין קרים און טאַקע דער גאַנצער פּראָיעקט פון דער אַזוי־גערופענער „קרימער רעפּובליק" איז געווען אָפּגעשאַפט, און אין פולן גאַנג איז שוין געווען די מעשה בירא־בידזשאַן. אַלע איינצלהייטן וועגן דעם ענין ברענגען מיר אין אַ ספּעציעלן באַלאַנס־קאַפּיטל, דאָ ווילן מיר נאָר פאַר־נאָטירן דריי אַקטן, וואָס זיינען פון דער צענטראַלער מאַכט, פון דעם פּרע־זידיום פון „ציאק" פון פ.ס.ס.ר., אַרויסגעגעבן וועגן בירא־בידזשאַן:

א) דעם 24־טן מערץ 1928 — וועגן פאַרפעסטיקן דעם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן . . . צוליב די באַדערפענישן פון דער איבערוואַנדערונג,

ב) דעם 30־טן סעפּטעמבער 1931 וועגן אַ „יידישן אַדמיניסטראַ־טיוו־טעריטאָריעלן איינס" אין בירא־בידזשאַן און

ג) דעם 7־טן מאַי 1934 וועגן פאַרוואַנדלען דעם בירא־בידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ „יידישע אויטאָנאָמע געגנט" . . .

מיר האָבן זיך דאָ באַגרענעצט מיט דער אויפגאַבע אַרויסצוברענגען די וויכטיקסטע דעקרעטן און באַשטימונגען פון די מלוכה־אָרגאַנען בנוגע די פאַרשיידענע פּלענער פון דער יידישער רעקאָנסטרוקציע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַ דאַנק זייער פאַרנעם גאַנץ ברייטע „אומפּאַרטייאישע" קרייזן, וועלכע זיינען ביז דאַן געווען ווייט פון די קאָמוניסטן.

מיר האָבן דאָ ניט אין זינען צו פאַרנאָטירן די פאַרשיידענע אויס־

דרוקן פון דער געזעצגעבערישער אַרבעט פון „קאָמערד“, וואָס איז געווען אָנפאַרטרויט פון דער ראַטן-רעגירונג דורכצופירן פּראַקטיש די אַלע אָנגעמערקטע פּראָגראַמען. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין מאָמענט, וואָס האָט, ערשטנס, אַ פּרינציפּיעלע באַדייטונג און, צווייטנס, וואָס פאַלט צוזאַמען מיט דעם קולמינאַציע־פּונקט, מיט דעם קלימאַקס פון דער טעטיקייט פון „קאָמערד“. מיר האָבן אין זינען דעם פּרוּוו איינצושליסן אין מלוכה־מאַסשטאַב אַלע פּלענער און פּראָגראַמען פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם פינף-יאָר־פּלאַן, פון איין זייט, און די אײַסאַרבעטונג פונם „קאָמערד“ אַ ספּעציעלן פינפיאָר-פּלאַן פאַר רעקאָנסטרוקציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פ.ס.ס.ר., וואָס האָט אויסגעאַרבעט און באַשטעטיקט דער „קאָמערד“ דעם 30־טן יאַנואַר 1930, — פון דער צווייטער זייט. ס׳איז וויכטיק דאָ צו באַמערקן, אַז אין דעם צייטאָפּשניט האָט די צענטראַלע מאַכט ליקווידירט די יידסעקציע פון דער קאָמפּאַרטיי, וואָס האָט סיי פּאַקטיש און סיי פאָרמעל אָנגעפירט מיט דער גאַנצער יידישער אַרבעט אין לאַנד, און די אָנפירונג מיט די דאָזיקע ענינים איז איבערגעגעבן געוואָרן פון אַ ריין־פּאַרטייאישער אינסטאַנץ, אין די הענט פון אַ פאָרמעל־אומפּאַרטייאישער, אַ פאַכמענישער אינסטיטוציע: צום „קאָמערד“.

די דירעקטע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די ליקווידאַציע פון דער יידסעקציע, זיינען נאָך ביז היינט געניי ניט באַקאַנט. ס׳זיינען פאַראַן אָבער אַ ריי אומדירעקטע באַווייזן, אַז די דאָזיקע ליקווידאַציע איז געווען געווענדט קעגן דער „נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג“, וואָס האָט מיט דעם גאַנג פון דער יידישער אַרבעט אַלץ פאַרשטאַרקט זיך אין די רייען פון די יידישע קאָמוניסטן. צווישן זיי זיינען געווען ניט ווייניק געוועזענע ציוניסטן, בונדיסטן, טעריטאָריאַליסטן אאַ״וו, פאַר וועלכע ס׳האָבן זיך געעפנט נייע וועלטן, נאָך דעם ווי מען האָט זיי אין משך פון די ערשטע יאָרן געהאַלטן „אויף ברויט און וואַסער“ פון דער טרוקענער קלאַסן-טעאָריע און ביטערער טעראָריסטישער פּראַקטיק. אַ סוף צו פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטישע „אָפּנייגונגען“, צום „אָפּאָרטוניזם“, צו אַלע מינים אָפּאָזיציעס, אַ סוף צו דער „אידעאַליזאַציע פון בונד“, וואָס איז געווען געפּערלעכער און פאַרשפּרייטער צווישן אַלע אַנדערע „אָפּנייגונגען“ — האָט געמאַכט סטאַלין,

ווען ער האָט אין איין העלן טאָג ליקווידירט די „יידסעקציע", דעם צענטער, פון וואַנעט זענען אַרויסגעגאַנגען אַלע דערמאָנטע שטימונגען.

דאָ איז אויך דער פּלאַץ צו קאָנסטאַטירן, אַז פון די פירנדיקע קעפּ פון די יידישע קאָמוניסטן איז כּמעט קיינער ניט געבליבן אין דער אַרבעט, די גרעסטע מערהייט איז געווען אַראָפּגענומען פון די פּאָסטנס און פון דער יידישער אַרבעט — באַזונדערס שפּעטער אין די יאָרן 1936—1939, ווען אין צוזאַמענהאַנג מיט די „מאָסקווער פּראָצעסן" האָט מען ליקווידירט די „רעכטע" און די „לינקע" אָפּאָזיציעס אין לאַנד, — וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די נעמען פון טראָצקי, זינאָוויעוו, בוכאַרין. אָבער אויך די, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די יידישע אַרבעט ביז דער בירא־בידזשאַן־תקופה און וואָס האָבן פאַרבונדן זייערע נעמען מיט דעם „נאַציאָנאַלן אויפ־שוואונג" אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1925—1930, — זיינען אַלע געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די סצענע: טשעמערינסקי, מערעזשין, ראַשקעס, לעוויטאַן און פיל, פיל אַנדערע זיינען ליקווידירט געוואָרן . . .

.5

פּלאַן־ווירטשאַפט (דער יידישער פינפיאָר פּלאַן)

מיר וועלן זיך אַביסל אויספירלעכער אָפּשטעלן אויף דעם יידישן „פינפיאָר־פּלאַן", וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון „קאָמערד" אין 1930, און פריִער נאָך — אויף דעם פּרוּוו דורכצופירן אַ פּלאַן פון דער ווירטשאַפטלעכער איינאָרדענונג פון די שטעטלעך, אַלס אַ טייל פון דעם „יידישן פינפיאָר־פּלאַן" — פון 1927—1928 אין ווייסרוסלאַנד. ערשטנס, האָבן די דאָזיקע פּלענער אַ גאַנץ וויכטיקע פּרינציפּיעלע באַדייטונג, — ווייל צום ערשטן מאָל, אייגנטלעך, איז מען פון צופעליקע מאָסמיטלען איבערגעגאַנגען צו דער אידעע פון אַזוי־גערופענער פּלאַנירטער ווירט־שאַפט; צווייטנס, ווייל צום ערשטן מאָל, — און דאָס וואָלט אַנדערש געווען פשוט אויסגעשלאָסן, — האָט מען די עלעמענטן פון דער פּראָגראַם פון דער יידישער רעקאָנסטרוקציע איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון מלוכה־פּלענער, סיי ווירטשאַפטלעך, סיי בודזשעטאַריש־פינאַנציעל; דריטנס, דער אַלגעמיינער פּלאַן פון „קאָמערד" פון דעם יאָר 1930, — און דאָס איז זיין וויכטיקע אייגנשאַפט, — איז געווען אין גרויסן און גאַנצן, — אויף וויפיל

מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף דער סאָוועטישער סטאַטיסטיק, — פאַר־ווירקלעכט אין לעבן, — וואָס גיט צו דעם דאָזיקן אַקט אַ ספּעציעלן היסטאָ־רישן און פּראַקטישן ווערט.

מיר וועלן אָנהויבן פון דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם פּראָיעקט גע־זוכט צו מאַכן די שטעטלעך אין ווייסרוסלאַנד, וואָס איז געווען אָנגענומען אינעם יאָר 1928—1927. דער דאָזיקער פּלאַן איז געווען אויסגערעכנט, אַלס אַן ערשטער פּרווו אריינצונעמען אינגאַנצן 8 שטעטלעך, און אין משך פון די נאָענטסטע דריי יאָר איינצואָרדענען 64 פּראָצענט, אָדער 3,546 משפּחות (פון דער אַלגעמיינער צאָל — 5,524 משפּחות), סיי יידישע, סיי ניט־יידישע. ס'איז געווען אַסיגנירט אויף דעם פּלאַן 1,220,000 רובל, אַרום 345 רובל אויף אַ משפּחה. ס'איז ניט באַקאַנט, אויף וויפיל ס'האָט זיך איינגעגעבן דעם דאָזיקן פּלאַן צו פאַרווירקלעכן. אפנים די פּערספּעקטיוון זיינען געווען גאַנץ גינסטיקע, און ווען מען האָט אויס־געאַרבעט דעם „פינפיאָרפּלאַן" אויף 1928/29—1932/33 האָט מען שוין אין אים איינגעשלאָסן דיווירטשאַפטלעכע איינאָרדענונג פון גאַנצע 48 שטעטלעך. (פון זיי זיינען געווען 3 שטעטלעך אין מאָזירער־קרייז, 7 שטעט־לעך — אין האָמלער, 6 — אין באַברויסקער, 6 — אין מאָהליווער, 12 — אין מינסקער, 7 — אין אָרשער, 4 — אין וויטעבסקער, 3 — אין פּאָ־לאָצקער). דאָס הייסט, אַז כמעט אין אַלע גובערניעס פון ווייסרוסלאַנד האָט מען אויסגעטיילט אַ פּאָר שטעטלעך פאַר דעם דאָזיקן עקספּערימענט. דער פינפיאָרפּלאַן האָט געדאַרפט אַרומכאַפּן 9,436 משפּחות פון דער אַל־געמיינער צאָל 24,706. אין די אַלע 48 שטעטלעך האָבן געוואוינט 12,017 יידישע משפּחות, פון וועלכע 7,259 זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם דאָזיקן פּלאַן.

קאָנקרעט איז דער פּלאַן פון דער ווירטשאַפטלעכער איינאָרדענונג באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע עלעמענטן. ס'איז געווען באַשטימט איינצו־אָרדענען די משפּחות (יידישע און ניט־יידישע) אין די פאַרשיידענע ווירט־שאַפטס־געביטן אויף אַזאַ אופן:

אין דער אָרטיקער אינדוסטריע — —	278	משפּחות
אין די קוסטאַר־געווערבישע אַרטעלן	2,313	„
אין דער לאַנדווירטשאַפט אויפן אָרט	1,330	„
אין די קאָלכאָזן — — — — — — — —	144	„
איבערזידלען אין די ראַמען פון ווייסרוסלאַנד — — — — — —	4,072	„

פון דעם דאָזיקן קאָנקרעטן בילד זעען מיר באַשיימפּערלעך, ערשטנס, אַז אין דער אינדוסטריע און האַנדווערק איז געווען באַשטימט אייניצוּאָר־דענען 3,591 משפּחות (39%), און אין לאַנדווירטשאַפט, ביישטעטלדיקע און אויפן סמך פון איבערוואַנדערונג, 5,547 משפּחות (61%), און, צווייטנס, אַז פון דער צאָל משפּחות, וואָס דאַרפן זוכן פאַר זיך אַ פּלאַץ אין לאַנדווירטשאַפט, בלייבן אין די שטעטלעך נאָר 1,474 משפּחות און מער פון 4 טויזנט משפּחות דאַרפן זוכן פאַר זיך אַן אָרט וואו ניט איז אַנדערש, און פאַרלאָזן זייער שטענדיקן וווינאָרט. מען קאָן זיך פאָר־שטעלן, אַז דאָס האָט אַ שייכות הויפּטזעכלעך צו די ווייסרוסן, וואָס וווינען אין די שטעטלעך, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, ליידן פון שטענ־דיקן ערד-דוחק און האָפן מיט דער איבערוואַנדערונג צו קריגן נאָך אַ שטח ערד.

די קליינשטעטלדיקע יידן, וואָס פאַרנעמען זיך אממערסטן מיט האַנד־ווערק, וועלן זיין אַריינגעצויגן און אָרגאַניזירט אין די קאָאָפּעראַטיוון און דערצו נאָך וועלן זיי באַקומען אַ צוגאָב פאַר זייער ביישטעטלדיקער גערט־נעריי אָדער סעדעריי.

לויט דעם פּלאַן, וועלכן מיר האָבן גאַנץ אויספירלעך איבערגעגעבן, זיינען אויך אָנגעמערקט געוויסע פינאַנציעלע דעקונגען. דער בודזשעט פון דעם „פינפיאָרפּלאַן" איז באַלאַנסירט אין 7,267 טויזנט רובל און צוזאַ־מענגעשטעלט פון די פאָלגנדיקע אַרטיקלען:

פון דעם מלוכה-בודזשעט — — — — —	1,698	טויזנט	רובל
פון די לאָקאַלע בודזשעטן — — —	700	„	„
פון פאָלקאָמערד — — — — — —	600	„	„
פון דער ווייסרוסישער לאַנדוו. באַנק	4,104	„	„
פון קוסטפּראָמסאָיוז — — — — —	105	„	„

מיר באַגרענעצן זיך דאָ מיט אַ פאָרמעלער באַשרייבונג פון דעם דאָ־זיקן פּלאַן און נעמען אים אָן ווי אַ מוסטער פון די פּלאַן-ווירטשאַפטלעכע עלעמענטן אין דעם יידישן רעקאָנסטרוקציע-פּראָגראַם. די פאַקטישע לאַגע אין די שטעטלעך, די אַרבעט צו גונסטן די קוסטאַרן און דער גאַנצער פּראָב־לעם פון די דעקלאַסירטע, — ווי אַזוי זי איז געשטאַנען און ווי אַזוי האָט מען געפּרואווט זי צו לייזן, דאָס אַלץ וועלן מיר באַלויכטן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

די דאָזיקע באַמערקונג דאַרף מען אויך האָבן אין זינען, ווען מיר גייען איצט איבער צו דעם „יידישן פּינפיאָרפּלאַן״ פון „קאָמערד״ פון יאָר 1930. דער דאָזיקער פּלאַן שטעלט טאַקע פאָר מיט זיך אַ פּרוּוו די גאַנצע יידישע רעקאָנסטרוקציע־פּראָגראַם איינצושליסן אין דעם פּינפיאָרפּלאַן, ד״ה ער נעמט אַרום ניט נאָר די שטעטלדיקע יידישע באַפעלקערונג, די בעלי־מלאכות און אויך די ערד־אַרבעטער, נאָר טאַקע די גאַנצע סאָציאַלע סטרוקטור, די אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג.

צו דער דאָזיקער צייט, צום סוף 1930, ווען מען האָט געשאַפן דעם יידישן פּינפיאָרפּלאַן, איז אין צענטר פון דער יידישער אַרבעט געשטאַנען ניט אַזוי די קאָלאָניזאַציע, ווי די אַריינציאונג פון די יידן אין דעם אינ־דוסטריאַליזירונגס־פּראָצעס, אויף די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן. אויך איז דאַמאָלסט אין זייער אַ גיכן טעמפּ געוואַקסן די צאָל פון די יידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. די דאָזיקע נייע טענדענצן אין דעם רוסישן ווירטשאַפט־לעבן האָבן געעפנט די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן דעם דאָ־זיקן פּלאַן און טאַקע באַוואָרנט זיין ממשותדיקייט און פאַרווירקלעכונג.

צום יאָר 1932—1933, צום לעצטן יאָר פון דעם ערשטן פּינפיאָרפּלאַן, האָט מען גערעכנט, אַז די יידישע באַפעלקערונג וועט באַטרעפן 2,853,000 נפשות, פון זיי עקאָנאָמיש־אַקטיווע באַפעלקערונג 1,446,000 (אין דעם ערשטן וואַריאַנט האָט מען גערעכנט ווייניקער: 1,347,500). די סאָ־ציאַלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט מען זיך פאָרגע־שטעלט צום סוף פון דעם פּינפיאָרפּלאַן אויף אַזאַ אופן:

אַרבעטער — — — — — — —	480	טויזנט	(33,2%)
אָנגעשטעלטע — — — — — —	450	„	(31,1%)
האַנדווערקער און היים־אינדוסטריע — — —	200	„	(13,8%)
ערד־אַרבעטער — — — — — —	170	„	(11,8%)
פּענסיאָנערן — — — — — —	131	„	(9,1%)
ניט־באַשעפטיקטע — — — — —	15	„	(1 %)

ס׳איז ניט אַזוי וויכטיק, אויב דער פּלאַן איז געווען אַביסל צו איי־בערטריבן. רעלאַטיוו האָט ער זיך פאַרווירקלעכט, ווען ניט צום יאָר 1933, איז אין 3—2 יאָר אַרום. ווען מיר וועלן פאַרגלייכן די סאָציאַלע סטרוקטור

פאַר די דאָזיקע יאָרן מיט ציפערן, וואָס זיינען פאַראַן פאַרן יאָר 1926, וועלן מיר גלייך באַמערקן, אַז אין דער צייט פון אינדוסטריאַליזירונג זענען פאַרשוווּנדן פיר וויכטיקע סאָציאַלע גרופּעס:

1) די ניט־באַשעפטיקטע, וואָס האָבן באַטראָפן דאַמאָלסט 45% אין דער צייט, ווען דער פּלאַן רעכנט זיי נאָר אין 1%; 2) די פּריוואַט־הענדלער, וועלכע האָבן באַטראָפן דאַמאָלסט 10% — און 3) די אַרבעט־לאָזע, אויך 10%, — ביידע גרופּעס זיינען פאַרשוואונדן, לויט דעם פּלאַן, — ווי אויך 4) די גרופּע פון די „פרייע פּראָפעסיעס", וואָס זיינען איינגעשלונגען געוואָרן דורך די אָנגעשטעלטע. ס'איז געווים נאָך פאַראַן אַ נויטיקייט צו קאָרעגירן די אַנדערע ציפערן: למשל, די צאָל ערד־אַרבעטער, וואָס אין פּלאַן שטייט זי אָפּ פון דעם רעאַלן פאַרנעם פון דער איבערוואַנדערונג: אַפילו אין 1937, ווען די קאָלאָניזאַציע הויבט אָן צו באַווייזן דעם ריקגאַנג, איז די צאָל געווען 194 טויזנט, אָדער די האַנדווערקער, וואָס האָבן צום יאָר 1935 באַוויזן 16,7% — כאָטש אין פאַרגלייך מיט די פאָריקע יאָרן איז די צאָל פון די בעלי־מלאָכות אין לאַנד געפאַלן . . . טראָץ דעם, פאַרנעמט דער „יידישער פינפיאָרפּלאַן" אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַרבעט פון „קאָמערד": ס'איז געווען וויכטיק אַריינצוטראָגן אַ סיסטעם, שטעלן פאַר זיך געוויסע, באַשטימטע צילן, ניט פאַרלאָזן זיך אויף דעם סטיכישן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס און שווימען קעגן דעם שטראָם, — וואָס האָט אויך געוויסע פּלוסן פאַר דער יידישער רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט, וואָס לײַדט זייער אָפּט פון פּלאַנלאָזיקייט און אידעענלאָזיקייט.

III. די דעקלאַסירטע

1.

„אָקטאָבער" און די יידישע גאַס

די פּראָבלעם פון דעקלאַסירונג פון די ברייטע יידישע מאַסן איז געווען די צענטראַלע פּראָבלעם פון יידישן לעבן אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע. און פון דער דאָזיקער אַנגעווייטיקטער פּראָבלעם האָבן זיך אָפּגעשטויסן די באָלשעוויקעס אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, ווען זיי זיינען געווען פאַרכאַפּט פון דעם נאַציאָנאַלן ניהיליזם, מיט אַ גרינגשעצונג צוגעגאַנגען צו די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון פאָלק, איגנאָרירט און ניט געוואָלט וויסן פון דעם „קליין-בירגערלעכן" כאַראַקטער פון דער יידישער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור. די יידן-קאָמוניסטן האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע נאַציע, וואָס באַשטייט הויפּטזעכלעך פון די מיטעלע קלאַסן, — פון קליינבירגערטום, פון הענדלער און בעלי-מלאָכות, — איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג לויט די „אייזערנע געזעצן" פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אַזוי האָבן זיי געפּסקנט, — און די פראַגע איז געווען אַראָפּגענומען פון דעם טאָג-אָרדענונג.

ווען בכלל אין רוסלאַנד, אין דעם גרויס-רוסלענדישן מאַסשטאַב האָט מען געזוכט אַן אויסגאַנג פון דער טיפסטער היסטאָרישער סתירה, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער קוואַנטיטאַטיוו-קליינער פּראָלעטאַריאַט, אַ האַלב-שטאָטישע און אַ האַלב-דאָרפישע באַשעפעניש, איז ממש געווען פאַרזונקען אינם אומענדלעכן פּיל-מיליאָניקן פּויערישן ים, האָט מען געזוכט און אַבסטראַקט-טעאָרעטיש געפונען דעם אויסגאַנג, — איז ער געווען, כאָטש ריין ווערטלעך, פאָרמולירט אין דער אידעע פון אַ „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט מיט דעם פּויערטום", אין דער אידעע פון דער „רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום". געוויס, אין דער

ווירקלעכקייט איז די דאָזיקע אידעע אפילו אויף איין רגע ניט געווען פאַרוואַנדלט אין דער פאָרם פון מ אַ כ ט צ ע ט י י ל ו נ ג צווישן אַרבעטער און פויערים. מען האָט כמעט די גאַנצע צייט (מיט דעם אויסנאַם פון אַ פּאָר יאָר „נעפּ״) אַפילו ניט געזוכט צו שליסן אַ קאָמפּראָמיס מיט די פויערים. בנוגע די יידן האָט אָבער געהערשט אין דער הינזיכט אַ פאַרבישופּטער קרייז, אַ זאַק-געסל, אַן אויסזיכטלאָזע לאַגע. ס׳איז דאָך געווען אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן, פּולקאָם אומגלויבלעך, אַז אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט פון דער לענין־שול זאָל מסכים זיין צו שליסן אַ פאַרשטענדעניש מיט דעם יידישן קליינבירגער!

מען האָט דאָס ניט געקענט פאָרשטעלן זיך אַפילו בנוגע דעם יידישן בעל־מלאָכה־פּראָלעטאַריאַט, צו וועמען די גאַנצע באָלשעוויסטישע, „אַנטי־בונדישע״ ליטעראַטור אין משך פון יאָרן האָט אויסגעהאָדעוועט אַן אָפענע פאַראַכטונג, ווי פון אַן אַריסטאָקראַט, אַ גרויס־אינדוסטריעלן אַרבעטער צו אַ פּלעבײ, אַ קליין-בירגער. דערצו דאַרף מען נאָך ניט פאַרגעסן, אַז די קאָמוניסטן פון דער יידישער אָפּשטאַמונג זיינען דאַמאָלסט געווען זייער ענלעך צו דעם געשמאַקן טיפּ פון די אַמאָליקע דייטשן אָדער פּאָליאַקן פון „מאָזאַאישן גלויבן״, — זיי זיינען געווען זייער אַסימילירט, האָבן שטענדיק מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי ניט שטעלן אונטער אַ חשד פון „נאַציאָנאַליזם״ און „סעפּאַראַטיזם״. און ווען אַ טייל פון זיי האָבן אָנערקענט יידיש, — איז נאָר ווי אַ טעכנישער מיטל פון פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע, אָבער ניט ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך פון אַ מאָדערנער דעמאָקראַטישער נאַציע, וואָס האָט איר פאַרגאַנגענהייט און האָפט אויף איר צוקונפט. דערפאַר איז זייער לייכט צו באַגרייפן, אַז אין ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, באַזונדערס אין יאָר 1917—1918, איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די באָלשעוויקעס אַן אויסגעשפּראָכן־ניהיליסטישע און אַ פיינטלעכע באַציאונג צו אַלע יידישע פּראָבלעמען און אַלע יידישע ענינים. דערפאַר האָבן די ערשטע יידישע קאָמוניסטן מיט אַזאַ פאַנאַטישער עקשנות דורכגעפירט זייער טעראָריסטישע אַרבעט און מיט אַן „אייזערנעם בעזים״ אויסגעקערט פון דער יידישער גאַס אַלע סימנים און רעשטלעך פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און זעלבסטעטיקייט אָן אונטערשייד פון ריכטונג, — סאָציאַליסטישע, רעליגיעזע, בורזשואַזע, ציוניסטישע אאַז״וו.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אין דער דאָזיקער צייט פאַרענדיקט

און געלאָזן נאָך זיך שרעקלעכע צעשטערונגען און פאַרוויסטונגען. די פּליטים, וואָס זיינען געלאָפן אין דער צייט פון מלחמה אָדער זיינען געווען געצוווּנגען דורך דער אַנטיסעמיטישער מיליטערישער מאַכט צו אַנטלויפן, זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבערן לאַנד, — אָן אַ שטענדיקן דאַך איבערן קאָפּ, אַלץ — האָב און גוטס, די חפצים, אינסטרומענטן, מכשירים אַא"וו, — איבערגעלאָזן אויף הפקר אין די אַלטע היימען. צענדליקער אָדער הונדערטער טויזנטער מענטשן (211,691 זיינען פאַררעגיסטרירט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט) זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון בעטלערס און אביונים. די אָבליגאַטאָרישע תורה פון נאַציאָנאַליזאַציעס, סאָציאַליזאַציעס, קאָנפיסקאַציעס פון אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבן אויף די ערטער אין די הענט פון דער באַפעלקערונג, — האָט פאַרענדיקט און „באַפּוצט" דעם פאַרניכטונגס-פּראָצעס. אין אַזאַ צייט איז צום ערשטן מאָל אויפגעשטאַנען פאַר דעם באַוווּסטזיין און פאַר דעם געוויסן פון די יידן-קאָמוניסטן, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אַרום די יידישע קאָמיסאַריאַטן, — די פּראָבלעם פון דער דעקלאַסירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. אפשר, דער אחריות-געפיל, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין די שטיינערנע הערצער, וואָלט איבערווינדן די געבאָטן פון דער דאָקטרין און געצוואונגען זיי אָפּצוּוואַרפן דעם ניהיליזם און נעמען זיך פאַר דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. אָבער אין דער דאָזיקער צייט זיינען פאָרגעקומען נייע און וויכטיקע פאַקטן אין דעם גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס מען קאָן אויסדריקן בנוגע די פראַגן פון דער „יידישער אַרבעט" מיט די פאָרמולירונגען, וואָס זיינען געווען אָנגענומען אַ געוויסע צייט אין די קאָמוניסטישע קרייזן: די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט פ אַ ר ש פּ ע ט י ק ט אין די ראַיאָנען, וווּ ס'לעבן די יידישע מאַסן...

.2

די פאָלגן פון בירגער-קריג און פּאָגראָמען און דער „נעפּ"

אין פרילינג 1918, נאָך דעם סעפּאַראַטן ברעסט-שלום, האָבן די דייטשע אַרמייען אָקופּירט ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, און אַזוי-אַרום זיינען כמעט 80% פון דער יידישער באַפעלקערונג אַריינגעפאַלן אין נייע באַ-

דינגונגען (ביז דער רעוואָלוציע האָט מען גערעכנט, אַז אינגאַנצן האָבן 14 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געוווינט מחוץ דעם תּחום המשב). דער סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין יאָר 1918 (נאָוועמבער־דעצעמבער) איז צונויפגעפאַלן מיט דער תּקופה פון בירגער־קריג, פון דער „ווייסער באַוועגונג", פון די פּויערים־אויפשטאַנדן, פון דער „גרינער באַוועגונג", פון די אומצייליקע פּאָגראָמען אויף יידן, פון דער סאָוועט־פּוילישער מלחמה, וואָס איז אויך געווען באַגלייט מיט די עקסצעסן פון די אַנטיסעמיטישע באַנדעס. מיט איין וואָרט, ביז סאַמע סוף 1920 איז די מערהייט פון די רוסישע יידן געבליבן מחוץ דער טעריטאָריע פון דער רוסישער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. ווען דער בירגער־קריג האָט זיך פאַרענדיקט, און פאַרענדיקט זיך מיטן זיג פון די באָלשעוויקעס, האָט די יידישע באַפעלקערונג מיט נייע האָפענונגען און אילוזיעס באַגעגנט דעם אומקערן זיך פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט און געהאָפט זיך אַביסל אָפּרוען און קומען צו זיך נאָך די שרעקלעכסטע איבערלעבונגען פון די יאָרן 1920—1918 (גענוג צו דערמאָנען, אַז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זיינען פאָרגעקומען 2,500 פּאָגראָמען אין 900 ערטער, און אַלס רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען זיינען געווען 200 טויזנט אַלמנות און יתומים . . .) דאַמאָלסט זיינען מיר ווידער געקומען צו דעמזעלבן פּראָבלעם פון דעקלאַסירונג פון די יידישע מאַסן, וואָס איז איבערגעבליבן בירושה פון די צעשטערונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון דער עפּאָפּעיע פון די הײמלאָזע און אויך פון די ערשטע טריט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אַריינגעטראָגן ניט ווייניק פאַרוויסטונגען מיט אירע נאַציאָנאַליזאַציעס און סאָציאַליזאַציעס, מיט אירע טשעקאַ־ און טעראָר־מעטאָדן.

ווי ס'איז באַקאַנט, אָנהויב 1921 איז שוין געווען פּראָקלאַמירט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, די „אָטעם־פּאַוזע" נאָך דעם „מיליטערישן קאָמוניזם". די מאַכט האָט זיך פאַרקערעוועט מיטן פּנים צו די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן און עווענטועלע קאָנצעסיאָנערן — אין אויסלאַנד, און אויך צו דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע — אינעווייניק אין לאַנד. מען האָט געהאַט אַ גרונד צו דענקען, אַז ווער־וועד, אָבער די יידן וועלן די ערשטע גענינסן פון די באַשיידענע מעגלעכקייטן פון דעם „נעפּ". אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַנדערש. די יידן־באָלשעוויקעס האָבן פאַרשטאַנען גאָר איין זאַך: אַז נאָך אַ געצוווּנגענער „הפסקה" כּמעט פון דריי יאָר, —

ווען זיי, אַלס געטרייע קאָמוניסטן, זיינען געזעסן אָן אַ שטאָך אַרבעט, — קענען זיי איצט פאַרזאַמען די פאַרלוירענע צייט און קאָמפּענסירן זיך אין דער ייִדישער סביבה אָן יעטוועדע שטערונגען און מניעות. טאַקע דאָס, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט „היסטאָריש פאַרשפּעטיקט" מיט איר אָנקומען אין די ייִדישע געגנטן, דאַרף זיי צווינגען אין אַ שנעלן און אַנטשיידענעם טעמפּ „צו דעריאָגן" די מער גליקלעכע טיילן פון לאַנד, גלייך אויסצופירן אין לעבן די אַלע נויטיקע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס בילדן די נשמה פון דער קאָמוניסטישער סיסטעם און וואָס איז געווען אוממעגלעך אַנצווווענדן צו די ייִדן, ווייל זיי זיינען אין דער מערהייט געווען אויסגעשלאָסן פון דער באָלשעוויסטישער טעריטאָריע. און ס'איז טאַקע פּאַקטיש געווען פאַרווירקלעכט אַ פּאַראַדאָקס: אין די ערשטע פּאָר יאָר פון „נעפּ", ווען דער „ליבעראַלער קורס" האָט געעפנט אַ פּאָר טירן און טויערן פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד און געשאַפן ניט נאָר פאַר דער מאַכט, נאָר אויך פאַר די בירגער אַן „אָטעם־פּאַוזע", — האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אַן אַנדערע סדרה אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך. דאָרט האָט מען נאָך געלעבט אין די ריכטליניעס פון דעם קריג־קאָמוניזם, טראָץ דעם, וואָס ער איז שוין געווען אָפּגעשאַפט אין לאַנד.

די ייִדן־קאָמוניסטן האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל, אָנגעהויבן די סדרה נאַציאָנאַליזאַציעס און קאָנפיסקאַציעס און געוואָלט קאָנסעקווענט און ערלעך פאַרווירקלעכן די „דיקטאַטור פון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט". זיי האָבן פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן, געגלויבט אין דער דאָקטרין, און פולקאָם איגנאָרירט סיי די ספּעציפישע אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, סיי די אויסערגעוויינלעך־שווערע לאַגע פון די ייִדישע מאַסן. אַלע פּרוּוון פון די נייע פּראָזעליטן פון קאָמוניזם (און אין יאָרן 1920—1921 איז דורכגעגאַנגען די שפּאַלטונג פון די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען, און די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט באַקומען אַ צופלוס פון נייע קרעפטן, וואָס זיינען געווען ניט אַזוי געבונדן מיט די האַרט־שטיינערנע טראַדיציעס פון דער לעַנין־שול . . .) כאָטש אַביסל צו פאַרלייכטערן די האַרטנעקיקייט פון דער ייִדישער פּאָליטיק פון דער מאַכט, — אָנווענדן ניט אין דעם פולן פאַרנעם די אַלע נויטיקע נאַציאָנאַליזאַציעס און ניט פאַרגעסן דערביי, אַז מען קאָן ניט שיסן פון דער קאָמוניסטישער קאַנאָנע אויף די קליין־הענדלער, פּעדלער און מעקלער

און אויף די אָרעמע בעלי־מלאָכות, — ווי מען שיסט אין די גרויסע צענטערן קעגן די גרויס־אינדוסטריעלע און די באַנקירן, זיינען געווען אָפּגעוואָרפן. גאָרנישט האָט ניט געהאָלפן, און אַלע טענות פון דער זייער פּאַרזיכטיקער און מעסיקער קאָמוניסטישער „אָפּאָזיציע" זיינען געווען בחינם.

דאָס אַלץ איז געווען אין אַ צייט, ווען דער פּראָצעס פון פּאופּעריזאַציע פון דער יידישער מאַסע איז געווען אַן אַלגעמיינער און אַ גרויזאַמער. די קאָמוניסטן האָבן ליב צו אַפּעלירן צו דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין צאַרישן רוסלאַנד, כּדי אַנטקעגן צו שטעלן די דאַמאָלדיקע שרעקלעכע בילדער די איצטיקע דערגרייכונגען. אָבער ווען מיר נעמען אַ שטאָט, וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע אביונים, ווי אָדעס, און לייענען, אַז אין 1900 האָבן 48,500 יידן פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 150,000 באַקומען הילף פון דער צדקה־פּושקע, און אַז 63% פון אַלע געשטאָרבענע האָבן געמוזט באַגראָבן ווערן בחינם, — ווייל אַזוי איז געווען פּאופּעריזירט די יידישע באַפעלקערונג אין אָדעס, — איז וואָס באַקומט זיך? אַז אין די יאָרן 1922—1921, און אויך אין די ווייטערע יאָרן, איז געווען ווייניקער בעטלערס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג? און די פּאופּעריזאַציע אין די יידישע שטעט און שטעטלעך איז געווען אַ קלענערע? מיר וועלן ווייטער ברענגען אייניקע מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע, אין וועלכער אין משך פון די יאָרן האָבן געלעבט און זיך געמאַטערט די יידישע מאַסן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, כּדי אויפצוקלערן דעם ענין.

איצט וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק. אין 1921, צו אַלע צרות, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער הונגער, וואָס האָט פאַרכאַפּט ניט נאָר דאָס דאָרף, נאָר אויך פיל שטעט און שטעטלעך אויף דער אוקראַינע. און טאַקע פון אָדעס האָט מען דאַמאָלסט געמאָלדן, אַז טויטע, געשטאָרבענע פון הונגער, וואַלגערן זיך איבער די גאַסן. הונגער־טיפוס האָט געשוועבט און געשניטן זיין גערעטעניש. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה, אַ לויפעניש פון שטאָט צו שטאָט. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען אַן אויסזיכטסלאָזע. די חרוב־געוואָרענע שטעטלעך, די אַלטע יידישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער באַפעלקערונג, — די לעבעדיקע סימנים פון פּאָגראָמען, פון חורבן, פון הונגער און טויט האָבן כאַראַקטעריזירט מיט זיך דעם געשאַפענעם גיהנום. און אויף דעם דאָזיקן פּאָן איז אויפגעשטאַנען אין איר פולן וווּקס די פּראָבלעם פון דעקלאַסירונג.

ווען ניט די „מעשעטשניטעסטווא", ניט דער געהיימער האנדל און די ספעקולאציע, — וואס זיינען געווען פארבונדן מיט לעבנס־געפאר, — ווען ניט די קרובים-הילף פון אמעריקע און ניט די הילף-ארבעט פון „דזשאינט", — וואלט די לאגע געווען בוכשטעבלעך אן אויסזיכטלאזע. און וואס טאקע האבן געקענט העלפן סיי די ספעקולאציעס פון די „שווארצע", אומלעגאלע מערק, סיי די הילף פון אויסלאנד, — די עטלעכע מיליאן יידן, פאר וועלכע, אלס „בורזשויען", זיינען געווען פארמאכט אלע טירן און אלע מעגלעכקייטן? די מאכטהאבער, רעפרעזענטירט דורך די יידן-קאמוניסטן, זיינען געווען בלינד און טויב. זיי האבן געזען די אלע שוידערלעכע רעזולטאטן פון דעם פרווו צו פארווירקלעכן אין יידישן לעבן די פראגראם פון דער „עקספראפריאציע פון די עקספראפריאטארן", און זיי האבן געהערט די קולות פון דער באפעלקערונג און די ווארנונגען פון די אפאזיציאנעלע עלעמענטן. אבער זיי האבן אלץ ניט געוואלט זיך אונטערגעבן, און ניט אונטערגעגעבן זיך אין משך פון גאנצע צוויי־דריי יאר. אין לאנד איז שוין געווען לעגאליזירט דער האנדל. דער „רויטער הענדלער" האט שוין אנגעהויבן צו פארנעמען א בכבודיקן ארט. אין די גרויסע צענטערן זיינען אויך די יידישע הענדלער געווארן נאבעלע פערזענלעכקייטן. אבער אין דער יידישער פראווינץ האט מען נאך געוואלט פארריכטן די פעלערן, וואס האט מיט זיך געבראכט די „היסטארישע פארשפעטיקונג פון דער אקטאבער־רעוואלוציע". און אזוי ווי דער „אקטאבער" האט פארשפעטיקט, האט מען אנגעהויבן דעם „נעפ" אויך מיט א פארשפעטיקונג.

.3

פרגוון צו לייזן די פראבלעם

דער איבערברוך אין דער באציאונג פון דער מאכט צו דער יידישער באפעלקערונג, דער איבערברוך אין דעם באוווסטזיין פון די יידישע קאמוניסטן האט זיך קריסטאליזירט אין די יארן 1924—1925, — און ער איז פארגעקומען ניט אן מאטערניש און אין רעזולטאט פון א שווערן אינעווייניקסטן קאמף. אלס די הויפט־סיבות פון דעם דאזיקן איבערברוך וואלטן מיר געקאנט אנרופן די פאלגנדיקע:

1) ס'איז געווארן שוין אבסאלוט אוממעגלעך צו פארמאכן די אויגן

אויף דער ביטערער לאגע פון די גרויסע פאלקס־מאסן, וואס זיינען געווען פאראורטיילט צו ווערן פולקאם דעקלאסירט;

2) ס'האט געווירקט אויף דער רעגירונג און אויך אויף דעם אחריות־געפיל פון די יידישע קאמוניסטן די גרויסע הילפס־אקציע פון די אמעריקאנער יידן, וואס האט געמאנט, געפאדערט און סטימולירט אלעמען, ביי וועמען דער געוויסן איז ניט אינגאנצן איינגעשלאפן געווארן.

3) ס'האט זיך אויסגעבילדעט אן אויסגעשפראכענע נאציאנאל־געשטימטע ריכטונג אין סאמע הארץ פון דער „יעסוועקציע", וואס האט געשטויסן צו אן אויסארבעטונג פון אן ערנסטער פראגראם פון דער יידישער רעקאנסטרוקציע, צו א פלאנירטער אריינמישונג אין דעם גאנג פון דער יידישער דעקלאסירונג, — און די דאזיקע ריכטונג האט זיך בהדרגה באפרייט פון א סך דאקטרינערישע מאמענטן און אנגעהויבן צו נעמען אין אכט די באזונדערקייטן און די אייגנארטיקייט פון דער יידישער ספעציפישער סאציאל־עקאנאמישער סטרוקטור.

ס'האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה אין דער אזוי־גערופענער יידישער ארבעט. זי האט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס צו זיך אין דער גאנצער יידישער וועלט. זי האט געווונען פאר זיך פריינט און אויפגעוועקט האפענונגען. די דאזיקע תקופה האט זיך פארצויגן ביז צו דעם יאר 1930, ווען ס'האט זיך אנגעפאנגען די קאלעקטיוויזאציע אין דארף און די אינדוסטריאליזירונג אין שטעט. מען קאן אין קורצן זאגן, אז די נייע ווענדונג אין דער יידישער ארבעט האט געטיילט דעם גורל פון „נעפ": זי האט זיך אנגעהויבן מיטן „נעפ" און געווארן איבערגעריסן ביי זיין סוף.

ס'איז באקאנט, אויף וועלכע וועגן די נאציאנאל־געשטימטע יידישע קאמוניסטן האבן געוואלט לייזן די פראבלעם פון דער וואקסנדיקער און דראענדיקער דעקלאסירונג. די פראגראם פון רעקאנסטרוקציע האט איינגעשלאסן אין זיך די ערד־איינארדענונג פון די יידישע מאסן אין דער ערשטער ריי. ס'איז געווען אין פאראויס קלאר, אז פאר דער אויסגעשפראכן־שטאטישער באפעלקערונג, ווי די רוסישע יידן, זיינען ניטא קיין גרויסע פערספעקטיוון אין דער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע. דער גרויסער פלאן פון איבערזידלען 100 טויזנט יידישע משפחות פון שטאט אין דארף איז געווען פון אנהויב־אן אן איבערגעטריבענער פלאן. צו די אלטע 50 טויזנט קאלאניסטן, וואס ציען די קייט פון זייער עקזיסטענץ פון נאטע נאט־

קינען, פון די טעג פון די רוסישע צאַרן אַלעקסאַנדער I און ניקאָלאַי I האָט זיך איינגעגעבן נאָך צוגעבן אַ 100—150 טויזנט נפשות, — און דאָס איז געווען מעגלעך נאָר דערפאַר, ווייל די שטאָט אין רוסלאַנד איז דאַמאָלסט חרוב געוואָרן און ביז וואַנען זי איז חרוב פאַרבליבן. אָבער דער שווערפּונקט פון דעם פּאַטאָס, מיט וועלכן עס איז געווען דורכגעדרונגען דער פּלאַן פון דער ערד־איינאָרדענונג, איז געווען באַפליגלט פון אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע כּוונות.

באַשטימטע טעריטאָריאַליסטישע און ציוניסטישע טענדענצן אויף אַ קאָמוניסטיש־רוסישן שטייגער האָבן געשטעקט אין די אַלע פּלענער פון די יעווסעקן. ס'האָט געהערשט, אַפילו ביי די געוועזענע בונדיסטן, — אַן איבערצייגונג, אַז מיט דעם, וואָס די יידן באַקומען פון דער רעוואָלוציע ערד, — שאַפט זיך די נויטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע פאַר דער צו־קונפטיקער יידישער טעריטאָריע. ס'איז אויך געבוירן געוואָרן אַ טעאָריע, אַז פריער אין דעם שוים פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטלעכער סיס־טעם איז די יידישע נאַציע געווען פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג, און די יידן האָבן געמוזט אַנטוויקלען זיך נאָר אויף די וועגן פון אַסימילאַציע און לענין און סטאַלין זיינען פולקאָם גערעכט געווען, ווען זיי האָבן גע־פּסקנט, אַז די יידן זיינען ניט קיין נאַציע, אָבער איצט, ווען די וועלט בויט זיך איבער אויף סאָציאַליסטישע יסודות, קומט פאָר צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע די קאָנסאָלידירונג פון דער יידישער נאַציע, — וואָס איז מעגלעך נאָר אין דער פאָרם פון אַן אייגענער יידישער טעריטאָריע, אַ יידי־שער רעפּובליק. דערפאַר איז דער „קרימער פּראָיעקט", מיט וועלכן עס זיינען געווען פאַרבונדן שאַנסן אויף אַ קאָנצענטרירטער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע — געוואָרן דער קולמינאַציע־פּונקט, דער קלימאַקס פון דער יידישער אַרבעט פון די יעווסעקן, — כאָטש די אוממיטלבאַרע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּערספּעקטיוון האָבן אין די אויגן פון אָביעקטיווע מענטשן אויסגעזען גאַנץ באַגרענעצט.

די אַנדערע עלעמענטן פון פּראָגראַם פון דער יידישער רעקאָנסטרוק־ציע האָבן ניט געקענט אַרויסרופן צו זיך אַזאַ אינטערעס, כאָטש זיי זיינען געווען גאַנץ קלאָר אָנגעמערקט.

דער קאַמף מיט דער דעקלאַסירונג האָט ווייטער אַרויסגערוקט די פאָלגנדיקע אויפגאַבן: ערשטנס, אַריינציאונג פון די יידישע מאַסן אין די

פאַבריקן, צווייטנס, די פאַרלייכטערונג פון דער לאַגע פון די בעלי־מלאָכות און, דריטנס, די פראַגע פון געזונט־מאַכן דאָס יידישע שטעטל.

די אַלע דריי אויפגאַבן אָבער זיינען אין דער צייט פון „נעפּ" געבליבן הינטערשטעליק. פאַבריקן און זאַוואָדן האָט מען געבויט נאָך זייער ווייניק. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען גענוג גרויס, — אָן די נייע אַרבעטער־קאַדרען, וואָס האָבן זיך געדאַרפט אויסבילדן מצד די יידישע דעקלאַסירטע. די בעלי־מלאָכות, וואָס זיינען פאַררעכנט געוואָרן אין משך פון אַלע יאָרן אַלס קליינבירגער, — אפילו דאַן, ווען זיי זיינען שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קוסטאַרן, ווען זיי איז שוין געווען פאַרווערט צו באַנוצן זיך מיט לוין־אַרבעטער און עקספּלואַטירן די פרעמדע אַרבעטס־קראַפט, — האָבן אַלץ ניט געקאָנט אַרויסקריכן פון אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד, וואָס איז גע־קומען אין רעזולטאַט פון קנאַפּקייט אין דעפיציטע רויוואַרג, אין מאַשינען, אין קרעדיטן — פון איין זייט, פון דעם שטאַרקן שטייער־דרוק פון די פינאַנסינספּעקטאָרן, וואָס האָבן די בעלי־מלאָכות אָנערקענט אַלס „בור־זשויען" — פון דער צווייטער זייט. און די אַטמאָספער פון פּאָליטישן פאַרדאַכט, וואָס האָט שטענדיק אַרומגערינגלט דעם בעל־מלאָכה, האָט באַ־רויבט ביי אים זיין וואַל־רעכט און פאַרוואַנדלט אים אין אַ „לישענעץ", וואָס ניט נאָר קאָן ער ניט אויסנוצן זיינע פּראָבלעמאַטישע רעכט ביי דער וואַל־קאַמפּאַניע אין די סאָוועטן, נאָר וואָס האָט אפילו פאַרלוירן די מעג־לעכקייט צו שיקן זיינע קינדער אין די „ווזן" און וואָס דער זיבעטער דור זיינער איז פאַראורטיילט צו טראָגן די פאָלגן פון זיין ניט־פּראָלעטאַ־רישן סאָציאַלן אָפּשטאַם.

דער פּרווו צו שאַפן קוסטאַר־געזעלשאַפטן אָדער בילדן אַרטעלן האָט אין דער הינזיכט זייער ווייניק אַריינגעטראָגן, און מ׳דאַרף מיט דער פולער קלאָרקייט זאָגן, אַז אַזוי ווי די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט אין די אינ־טערעסן פון די רוסישע יידן וואָלט געווען אויסגעשלאָסן אָן די מיליאָנען, וואָס האָט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום דורכן „דזשאָינט" א"אַ אָרגאַניזאַציעס אַריינגעוואָרפן אַהין, — וואָלט די אַרבעט פון די יעווסעקן לטובת די בעלי־מלאָכות זייער ווייניק אַריינגעטראָגן פּאָזיטיוועס, ווען ניט די שפּאָר־און־לייַ־קאַסעס, וואָס די „יקא" מיטן „דזשאָינט" האָבן אויך געשאַפן, — כאָטש זיי האָבן עקזיסטירט נאָר עטלעכע יאָר און זיינען פּאַקטיש פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן.

וואָס ס׳איז שייך דעם יידישן שטעטל, האָט זיך די דראַזיקע פּראָבלעם אין משך פון יאָרן גאָרניט גערירט פון אָרט. און טאַקע, וואָס האָט מען געקאָנט מאַכן מיט דער באַפעלקערונג, וואָס האָט ניט געקאָנט זיך אַרויסרייסן פון איר קליינבירגערלעכן מהות, וואָס האָט נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה אַרויסגעוויזן באַשטימטע נייגונגען צו דעקלאַסירונג, און די דראָזיקע נייגונגען האָבן זיך נאָך פאַרשטאַרקט און פאַרמערט אין דער נייער קאָמוניסטישער תקופה? יאָרנלאַנג זיינען געבליבן אויף פּאַפּיר אַלע פּלענער פון געזונד־מאַכן דאָס יידישע שטעטל, — ווייל קיינער האָט ניט געוווּסט, ווי אַזוי קריגט מען פאַר אים „געזונט“.

און אַזוי ווי מען האָט גאָרנישט ניט צוגעטראַכט פאַר די דעקלאַסירטע אין די שטעטלעך, איז די גאַנצע פּראָבלעם געשטאַנען, אָדער ווי אַן אַקציע לטובת דער לאַנדווירטשאַפט (טיילווייז ווי אַן אַקציע צו ראַטעווען די אַזוי־גערופענע ביישטעטלדיקע לאַנדווירטשאַפט), טיילווייז ווי אַן אַקציע צו ראַטעווען די בעלי־מלאָכות פון אונטערגאַנג . . .

ווען מיר ווילן ערנסט צוגיין צו דער פראַגע וועגן די דעקלאַסירטע יידן אין די יאָרן פון „נעפּ“, ווילן מיר זיין געצווּנגען צו קומען צום איינ־און־איינציקן אויספיר: אַז עס איז געווען אַן אויסוועג, און דאָס איז געווען דער . . . האַנדל. אויב פריער אין דער תקופה פון דעם „מיליטערישן קאָמוניזם“, האָט מען געפילט פאַראַכטונג צום פּריוואַט־האַנדל און פאַרנומען צו אים אַן אויסגעשפּראָכענעם נעגאַטיוון צוגאַנג, — האָט דאָך אין דער „נעפּ“־תקופה געדאַרפט קומען אַ ראַדיקאַלער איבערבּרוך אין דער הינזיכט. דער האַנדל איז געווען אָנערקענט און לעגאַליזירט. דער פּריוואַט-האַנדל האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אויפבוי־פּעריאָד. דער פּריוואַט־האַנדל האָט אויסגעפילט אַ פּאָזיטיווע פאַרבינדונגס־פונקציע צווישן שטאָט און שטאָט, און צווישן שטאָט און דאָרף — וואָס האָבן שוין יאָרן לאַנג געפירט אַן „אווטאַרקיע“־עקזיסטענץ. און די מער-פעאיקע עלעמענטן פון די „געוועזענע מענטשן“, וואָס זיינען געוואָרן דעקלאַסירט, האָבן אויסגענוצט פאַר זיך זייער ברייט די לעגאַליזאַציע פונם פּריוואַט־האַנדל. צום יאָר 1928 האָט מען גערעכנט, אַז אין לאַנד זיינען פאַראַן ביז 500 טויזנט יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, און אַן ערך 60—70 טויזנט פון זיי האָבן געהאַט קראָמען. אפשר, ס׳איז אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז צום אָנהויב פון דעם 20־סטן יאָרהונדערט האָט מען

גערעכנט, אַז די יידן האָבן באַטראָפן 36% פון אַלע הענדלער אין לאַנד — 474,980 מענטשן, ד"ה אַזויפיל, ווי אין די לעצטע יאָרן פון „נעפּ".

ווען אין רוסלאַנד וואָלטן עקזיסטירט בימי רעוואָלוציע אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס וואָלטן פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, — וואָלטן אַ סך יידן, אויך פון די דעקלאַסירטע, איינגעאָרדנט זיך.

אָבער ווייניקער פון אַלץ האָט געקאָנט זיין די רייד צווישן די „יעווסעקן" וועגן איינאָרדנען יידן פון וועגן פון ווירטשאַפטלעכער פּריוואַט־איניציאַטיוו. האַנדל איז געווען גלייך צו ספּעקולאַציע. ספּעקולאַציע איז אָבער שוין געווען אַ פאַרברעכן קעגן דער סיסטעם, קעגן דער מלוכה. דאָס איז געווען „קאָנטר־רעוואָלוציע".

דער „פּריוואַטניק" איז געווען נאָך געפערלעכער, ווי דער „לישענעץ" — בעל־מלאָכה. דער „פּריוואַטניק" איז שטענדיק געווען פאַררעכנט, ווי אַ קלאַסן־שונא. הייסט דאָס, אַז היינט אָדער מאָרגן — און זיין גורל וועט זיין געחתמעט; ער וועט ווידער צוריק־קומען אין די רייען פון די דעקלאַסירטע. מען האָט געשטיקט אין זיך די אומצופרידנקייט. מען איז איינגעגאַנגען אויף אַ צייטווייליקן קאָמפּראָמיס מיט דער „קאַפּיטאַליסטישער סטיכיע". באַלד איז אָבער געקומען די צייט, ווען די „אָטעם-פּאַוזע" איז געווען איבערגעריסן. די „קאָמוניסטישע רעאַקציע" האָט זיך רעוואַנשירט. די „אַנטי־בורזשואַזע" טענדענצן האָבן ווידער געזיגט אין דער רוסישער רעוואָלוציע . . .

דער יאָר 1930 איז געווען די פאַטאַלע קאַלענדאַר-דאַטע פאַר דעם גורל פון דער „יידישער אַרבעט". דער נאַציאָנאַל־געשטימטער פליגל פון די יידישע קאָמוניסטן האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ: די יעווסעקציע איז געוואָרן ליקווידירט. דער גורל פונם קרימער פּראָיעקט, וואָס איז געווען אָראָפּגענומען פון טאָג־אָרדענונג נאָך אין 1928, האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע טעריטאָריאַליסטישע פּלענער און צו אַלע ציוניסטישע מלוכה-אַמביציעס פון די יידישע קאָמוניסטן. אויס מיט דער יידישער רעפּובליק: אויפן אָרט פון קרים איז געבוירן געוואָרן — בירא־בידזשאַן. אָבער צווישן די פירנדיקע קעפּ פון די יידישע קאָמוניסטן זיינען דאָ זייער ווייניק פאַנטאַזיאָרן, וועלכע וואָלטן זיך געקענט ערנסט פאָרשטעלן, אַז מען קאָן קינסטלעך שאַפן אַ „יידישע רעפּובליק" און אַ „יידישן קולטור-צענטער" אויף די ברעגן

פון אמור, 9 טויזנט מייל ווייט פון אוקראינע און ווייסרוסלאנד. און ווען זיי אלע, כמעט אן אויסנאם, האבן זיך איינגעשפאנט אין דעם וואגן פון בירא-בידזשאן, האבן זיי דאס געטאן אויפן באפעל פון דער דיקטאטור און זיינען, געוויס, געבליבן איבערצייגט, אז דער דאזיקער „וואגן" וועט אריינפאלן און פארזונקען ווערן אין א בלאטע. צו דער דאזיקער צייט איז אויך געווען איינגעפירט קאלעקטיוויזאציע, און טאקע א „דורכאויסיקע", אין די יידישע קאלאניעס, — ניט געקוקט אויף די פראטעסטן פון די „דזשאינט"-פארטרעטער און פון די יידישע קאמוניסטן. און דאס האט פאקטיש געשטעלט א פונקט צו דעם גאנצן קאפיטל פון דער יידישער קאלאניזאציע.

דער „נעפ" איז געווען ליקווידירט. סימבאליש איז דאס געווען אויסגעדריקט אין די מאסן־פארהאפטונגען און פארשיקונגען פון די „נעפמאנען" אין די גרעסערע שטעט פון לאנד, — און צווישן זיי זיינען געווען ניט ווייניק יידישע נעמען. דער פריוואט־קאפיטאליסטישער סעקטאר איז געווען פארניכטעט און דער סאציאליסטישער סעקטאר האט געזיגט.

.4

דאס געזונט־מאכן פונם שטעטל

צו דער דאזיקער צייט האבן מיר טאקע אייניקע מאטעריאלן, וואס באלויכטן דעם ווירקלעכן צושטאנד פון דער דעקלאסירונג־פראבלעם. אין יאר 1928 האט מען גערעכנט אין רוסלאנד די צאל דעקלאסירטע יידן (מיט די משפחות) אן ערך 1,000,000. די צאל האט זיך פארקלענערט אין פארגלייך מיט די ציפערן פון דער פאלקסציילונג פון 1926, ווען פון 2,6 מיליאן יידן האט מען גערעכנט 45 פראצענט דעקלאסירטע. (ז. העללער „דער אונטערגאנג דעם יודענטומס", דייטש). אין 1930 האט דער „געזערד" דורכגעפירט אן אנקעטע פון די יידישע שטעטלעך אין אוקראינע, וואס קלערט אויף, ווי ס'שטייט די פראגע מיט די דעקלאסירטע יידן. מיר וועלן איצט ברענגען די רעזולטאטן פון דער אנקעטע, וואס נעמט ארום 20 שטעטלעך פון פארשיידענער גרויס, — און וואס באווייזט, אז דורכשניטלעך 30% פון דער שטעטלדיקער באפעלקערונג באשעפטיקט זיך ניט מיט פראדוקטיווער ארבעט, און אז אין אייניקע שטעטלעך באטרעפט דער פראצענט פון די דעקלאסירטע אפילו 40 אדער 50. (זע „ארט־ידיעות",

בערלין, נר' 5. 1931. „מאַטעריאַלן וועגן רעקאָנסטרוקציע פון די שטעט־לעך אין 1930—1929").

אָט איז די טיפּישע טאַבעלע וועגן די אַזוי־גערופענע „לישענצעס"

פונקט	צאָל פון די יידישע איינוו'	צאָל פון יידן אין וואַלבאַ־רעכט. עלטער	פון זיי לישענצעס	פּראָצענט לישענצעס
1. בערשאַד	7,016	4,680	1,722	36,8
2. כמיעלניק	6,860	4,600	1,099	23,9
3. נאָוואָגראָד וואָל.	6,550	4,350	970	22,3
4. דיערזשאַני	4,000	2,660	622	23,4
5. ראָמאַנאָוו	3,367	2,240	504	22,5
6. טשעטשעלניק	2,063	1,380	542	39,3
7. נאָוואָקאָנ־סטאַנטינאָוו	2,000	1,330	356	26,8
8. קראַסנאָוו	1,800	1,200	412	34,3
9. אלגאפּאָל	1,458	975	385	39,6
10. מיאַסטאָווע	1,441	960	250	26,0
11. קריזשאַפּאָל	1,289	860	258	30,0
12. וואָראָשילאָווקע	1,180	795	160	20,2
13. טולין	930	620	322	52,0
14. סלאָוועטשנע	874	580	180	31,0
15. טיווראָוו	831	555	249	45,0
16. זאַוואַריטשי	815	545	183	33,6
17. זשוואַנטשיק	553	370	235	63,5
18. סאָקאָלעץ	536	360	205	57,3
19. וויעלעצניקי	348	230	63	27,2
20. סאָקאָלאָוו	350	235	50	21,4
צוזאַמען	44,261	29,525	8,767	29,7

אַן אַנדער אַנקעטע, וואָס איז געווען דורכגעפירט פון „געזערד" אין 45 שטעטלעך פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ר.ס.פ.ס.ר., וווּ ס'האָבן געוווינט אַן ערך 70 טויזנט יידן, האָט באַוויזן, אַז אין 1930 האָבן זיך שוין געמערקט די פּאָלגנדיקע ענדערונגען אין די דאָזיקע שטעטלעך: עס איז אויסגעוואַקסן די צאָל אַרבעטער אויף 20%, אָנגעשטעלטע — אויף 22,8%, קוסטאַרן — אויף 41,5% און לאַנדווירטן — אויף 74,5%. און כאָטש אין דער זעלבער צייט איז געפאַלן די צאָל פון הענדלער אויף גאַנצע 74,5%,

האַט זיך פאַרגרעסערט די צאָל יידן אָן באַשעפטיקונגען, ד"ה דעקלאַסירטע יידן, אויף 78,2%. ס'איז קלאָר, אַז דאָ קומט פאָר אַ מין סטאַטיסטישער פאָקוס־פּאָקוס אַט מיט די דאָזיקע הענדלער, מיט די „פּאַראַזיטן". פאַרמעל פאַרשווינדן זיי און הערן אויף צו עקזיסטירן, פאַקטיש אָבער . . .

אָט איז די בעסטע אילוסטראַציע פון אַ שטעטל שטשעדרין, וווּ ס'ווויינען 379 יידישע משפחות. צום יאָר 1930 איז פּיערלעך געמאָלדן געוואָרן, אַז די צאָל פון די הענדלער איז געפאַלן אויף 95%. אַזוי איז איין זייט פון דער מטבעה. די צווייטע זייט איז גאָר אַן אַנדערע: „דער „פּריוואַטניק" האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען, — לייענען מיר אין דער באַשרייבונג, — ער פירט זיין האַנדל אָן אַ פּאַטענט, אָן אַ קראָם, אָן שילדן און אָן רעקלאַמעס. זיצנדיק אַביסל צייט אויף דער פּאָסט, באַמערקן מיר, ווי עס קומען אָן „פּאָסילקעס" טעגלעך פון מאָסקווע, לענינגראַד, דניעפּראָפּיעטראָווסק אאַז"וו. עס קומט אָן הערינג, געזאַלצענע פיש, מאַנופאַקטור, שיך, זייף, פּוטער, סאַלע, עפּל אאַז"וו. ס'קומט טאַקע פאָר אַ צופּאַסונגס־פּראָצעס. דער „נעפּמאַן" ווענדט אָן אַ נייע טאַקטיק, און אַ גאַנץ קונציקע, כּדי ווייטער אָנצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ.

נאָך דעם, ווי דער „נעפּ" איז געווען אָפּגעשאַפט, האָט זיך ווידער אויפגעלעבט דער האַלב־לעגאַלער אָדער דער אומלעגאַלער האַנדל, דער שוואַרצער, דער פרייער מאַרק, מיט וועמען ספּראַווען זיך איז פאַר די מאַכט־אָרגאַנען ניט געווען אַזוי לייכט. עס קומען אויף אויפן זכּרון נאַטירלעכע אַנאַלאָגיעס מיט די בילדער, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט אין די שטעט און שטעטלעך ערב „נעפּ". אָט לייענען מיר וועגן דעם שטעטל סיראָטינאַ אַ כאַראַקטעריסטישע באַשרייבונג פון יענער צייט: „דער האַנדל איז אַריבערגעגאַנגען פון דעם טאָג־צושטאַנד אין אַ נאַכט־צושטאַנד. אין משך פון טאָג שלאָפט אַלץ, אָבער ביינאַכט, אין דער פינצטער, לעבט אויף דאָס שטעטל. מען פירט צו קאָרן פון די דערפער און אין דער האַלבער נאַכט שיקט מען אים אָפּ אויף די מילן . . . די פורמאַנעס פאָרן אַרום אין דער נאַכט מיט זייערע טראַנספּאָרטן . . . אַפילו די קוסטאַרן זיינען אַריבער צו דער נאַכט־אַרבעט. ס'האָבן זיך געעפנט נאַכט־זאַוואָדן: גאַרבערייען, זייף־פאַבריקן . . . („דאָס יידישע שטעטל אין דער רעוואָלוציע" — זאַמלבוך, 1926, אונטער דער רעדאַקציע פון טאַן־באַגאַראַז, רוסיש). אַזוי איז געווען ע ר ב „נעפּ" און אַזוי האָט זיך איבערגעחזרט נ אָ ך

דער ליקווידאציע פון „נעפ״. מען האנדלט אין דער נאכט, מען שיקט „פאסילקעס״, ווען די קראמען זיינען פארמאכט. דער האנדל וויל זיך ניט אונטערגעבן. די הענדלער, די בעלי־מלאכות אאז״וו ווילן זיך ניט פאר־וואנדלען אין דעקלאסירטע, אין מענטשן אן באשעפטיקונגען. מען דארף דאך ווי עס איז דורכלעבן. און מען קעמפט פארן שטיקל ברויט.

און ווי קען זיין אנדערש? אט נעמט דעם סאציאלן באשטאנד פון א שטעטל טשודנאוו. דארטן זיינען געווען אין יאר 1929 130 ארבעטער, 114 אנגעשטעלטע, 306 קוסטארן, 237 הענדלער, 193 דעקלאסירטע. צוזא־מען זיינען דאס 980 משפחות. אבער פון די דאזיקע 1,000 יידישע משפחות בילדן דאך די אלע „בורזשויעס״, „לישענצעס״, „נעפמאנען״ און שונאים פון קאמוניזם — 75%. ווי אזוי קאן מען דורכפירן אזא רעקאנסטרוקציע פון טשודנאוו און די ענלעכע שטעט און שטעטלעך, — אז די מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג זאל ווערן אויס „פאראזיטאריש״, אויס „קליינבירגערלעך״, זאל ווערן „פראלעטאריש״? דאס איז טאקע א הארבע קשיא, וואס איז געשטאנען פאר די יידישע קאמוניסטן און אויך פאר דער אפיציעלער „געזעלשאפטלעכקייט״, וועלכע מען האט געפרווט צוציען צו דער ארבעט אין די לעצטע יארן פון „נעפ״. (דער „געזערד״ האט צום יאר 1930 געציילט 300 טויזנט מיטגלידער, פון זיי ביז 45% ניט-יידן).

5.

די קוסטארן־פראבלעם

אבער ס׳איז נויטיק אביסל אויסטיילן פון די פראבלעמען פון געזונט־מאכן די יידישע שטעטלדיקע באפעלקערונג, די פראגע וועגן די קוסטארן און בעלי־מלאכות, וועגן וועלכע מיר האבן שוין פריער דערמאנט. פון א געוויסן שטאנדפונקט איז אט די פראגע באזונדערס אינטערעסאנט, ווייל אלע פראגראמען פון רעקאנסטרוקציע פון אלע באוועגונגען ביי יידן, וואס האבן זיך אינטערעסירט מיט דער „יידישער עקאנאמיק״, אלע יידישע גע־זעלשאפטן, ווי „ארט״ אדער „יקא״ זיינען געווען ווי געבונדן, מען קאן זאגן, „פארכישופט״ דורך צוויי פראבלעמען: פארשפרייטן און פארפעס־טיקן סיי מלאכה פון איין זייט, סיי ערד-ארבעט — פון דער צווייטער זייט.

און ניט לאַנג נאָך, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע געזוכט דעם אויסוועג פאַר דעקלאַסירטע, רואי־נירטע מענטשן און פאַר דעם יונגן דור — אין האַנדווערק און אין לאַנד־ווירטשאַפט. און אינטערעסאַנט איז אפשר, אַז ניט נאָר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע איז די גאַנצע יידישע אַרבעט געווען אָריענטירט אין די דאָזיקע צוויי ריכטונגען, נאָר אַפילו די גאַנצע טעטיקייט פון דער יעווסעקציע האָט אייגנטלעך פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געמיש פון „אַרטיזם" און „טעריטאָ־ריאַליזם".

דער אונטערשייד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פאַר דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין דער צאַרישער מדינה האָבן עקזיסטירט זייער ניט־גינסטיקע, כמעט נישטיקע באַדינגונגען, — אין דער צייט, ווען אין ראַטנ־פאַרבאַנד האָבן זיך אין דער הינזיכט געעפנט גאַנץ גרויסע מעגלעכקייטן. און דער צווייטער אונטערשייד איז פאַקטיש געווען בנוגע בעלי־מלאָכות.

פאַר דער רעוואָלוציע איז די גאַנצע ענערגיע פון דער יידישער „עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק" געווען געווענדט אויף צו העלפן די בעלי־מלאָכות מיט קרעדיט, מיט רוי־שטאָף, מיט טעכנישער אויסבילדונג אאַז"וו. די לייַ־און שפּאַר־קאַסעס אין דעם תחום האָבן פאַקטיש אָרגאַניזירט די בעלי־מלאָ־כות. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט די פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן אין משך פון יאָרן פאַקטיש געפירט צו דעקלאַסירן דעם בעל־מלאָכה. אמת, ס'זיינען געקומען אַביסל שפּעטער צייטן, ווען מען האָט זיך געכאַפּט און „רעהאַביליטירט" דעם דאָזיקן געפערלעכן „קלאַסן־שונא". אָבער אויך דאָס איז געווען ניט ערנסט און האָט כמעט ניט געענדערט די פאַקטישע לאַגע. מען קאָן זיך אויסדריקן אַזוי, אַז די „טעריטאָריאַליסטן" פון דער „יידסעק־ציע" האָבן באַזיגט די „אַרטיסטן". און אַלס אַ קרבן איז געפאַלן דער יידי־שער בעל־מלאָכה.

די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע האָט דעם יידישן בעל־מלאָכה אוועקגע־שטויסן אין אַ הינטערגעסל. אָבער אין דעם פּראַקטישן לעבן האָט מען נאָך זייער און זייער געפילט די נויטיקייט און די וויכטיקייט פון דער ווירטשאַפט־לעכער פונקציע, וואָס דער בעל־מלאָכה קאָן נאָך אויספילן. באַזונדערס נאָך אין דער צייט **פאַר** דער אינדוסטריאַליזאַציע, און אַפילו אויך **נאָך** **דער אינדוסטריאַליזאַציע**, וואָס האָט, ווי ס'איז אַלעמען באַוווּסט, דעם שווער־פּונקט אַריבערגעטראָגן אויף דער שווערער אינדוסטריע, אויף דער

קריג־אינדוסטריע, און האָט פּאָלקאָם פֿאַרנאַכלעסיגט די באַדערפֿעניש פֿון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון די בירגער, די אַנטוויקלונג פֿון דער לייכטער אינדוסטריע. ערב דער צווייטער מלחמה, אויף דעם 18־טן פּאַרטיי־קאָנגרעס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד האָט מען פֿון מאַלאָטאָוס טעזיסן ווידער געזען, אַז 20 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע איז געפֿינען אַ קנעפּל, פֿאַרריכטן אַ שוך, געווען נאָך אַלץ אַ שווערע פּראָבלעם, און מען האָט אָנגעמערקט צו עפֿענען „מיטלע און קלענערע אונטערנעמונגען” און ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל אומקערן זיך „מיטן פּנים צום קוסטאַר”! און אויב אַזוי איז געשטאַנען די ווערט און וויכטיקייט פֿון דעם בעל־מלאָכה נאָך דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די פֿינפֿיאָר־פּלענער, איז ניטאָ וואָס צו וווּנדערן זיך, אַז צוזאַמען מיטן פּריוואַט־האַנדל, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, האָט עקשנותדיק געקעמפֿט פֿאַר זיין רעכט אויף עקזיסטענץ דער בעל־מלאָכה, געקעמפֿט און אָפּטמאָל אין דעם דאָזיקן קאַמף געזיגט.

מיר ווענדן זיך צו די ציפֿערן וועגן די בעלי־מלאָכות און זייער אָרט אין דער יידישער סאָציאַלער סטרוקטור:

פֿאַר דער רעוואָלוציע האָבן די בעלי־מלאָכות (בעלי־בתּים) געבילדעט 18,4 פּראָצענט (צוזאַמען מיט די אַרבעטער־בעלי־מלאָכות — 29,4 פּראָצענט). אין יאָר 1926—1927 האָבן זיי געבילדעט 22,6 פּראָצ', אין 1929—1930 האָט דער פּראָצענט זיך געהעכערט ביז 24,7, און אין יאָר 1935 איז דער פּראָצענט קאַטאַסטראָפֿאַל געפֿאַלן ביז 16,7 פּרצ' (צוזאַמען מיט די אַרבעטער — 19,4 פּרצ').*

די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אַזאַ גרויסע פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל פֿון די בעלי־מלאָכות אויף 8% — דערקלערן זיך הויפּטזעכלעך דורך דעם, וואָס די אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס האָט אין אַ געוויסן זין אַרויסגערופֿן אַ קריזיס אויך אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפֿט, האָט נאָך לייכטער געקאָנט ווירקן אין דער הינזיכט אויך אויף דעם האַנדווערק.

מיר וואָלטן געקאָנט פֿאָרמולירן דעם געדאַנק אַזוי: ס'איז אַן ערך

---

*) אין די יאָרן פֿון „נעפּ” האָט מען פּאַקטיש פֿאַרווערט די בעלי־מלאָכות צו באַנוצן זיך מיט לוין־אַרבעטער. אָבער נאָך דעם יאָר 1930 איז דאָס ווידער געוואָרן מעגלעך.

ביז דעם יאָר 1930 געגאַנגען אַ פּראָצעס פון דעקלאַסירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, הויפּטזעכלעך אין די קליינע שטעט און שטעטלעך. די דאָזיקע דעקלאַסירונג האָט אַרומגענומען, — אַחוץ די אַלע לופט־מענטשן מיט זייערע לופט־פּראָפעסיעס, די אַלע מנחם־מענדלס, מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק איז געווען געבענטשט, — אויך ברייטע קאַדערן פון יידישע הענדלער און בעלי־מלאָכות.

אַלע פּראָגראַמען און פּלענער פון די יעווסעקן האָבן ניט געקאָנט אָפּ־שטעלן דעם דאָזיקן פּראָצעס. סוף־כל־סוף האָבן זיי דערהרגעט דעם האַנדל, — און פאַרגרעסערט די צאָל דעקלאַסירטע. די ערד־איינאָרדענונג האָט אַרייגענומען זייער ווייניק, קוואַנטיטאַטיוו, דעקלאַסירטע יידן און איז ניט געווען בכוח צו פאַרלייכטערן די לאַגע. וואָס איז שייך דאָס געזונט־מאַכן פון דעם שטעטל און פאַרבעסערן די לאַגע פון דעם קוסטאַר, — האָבן דאָ געווירקט סיי אידעאָלאָגישע דאָקטרין־שטערונגען, סיי פּראַקטי־שער ניהיליזם, וואָס האָבן פּאַקטיש ניט געבראַכט צו וועלכע ס'איז ממשות־דיקע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, נאָר צו אַ צווייפלהאַפטער „דאָפּלטער בוכ־האַלטעריע", פון וועלכער עס איז נאָך קיינמאָל קיין נוצן ניט אַרויסגע־קומען.

6.

וואָס איז געווען ווייטער?

צום יאָר 1930, קאָן מען קאָנסטאַטירן, וואָלט זיך די דעקלאַסירונג־פּראָבלעם ווידער פאַרשאַרפט, ווען ס'וואָלטן ניט אויפגעקומען אַ פּאָר נייע און וויכטיקע דערשיינונגען. דער ערשטער מאָמענט באַשטייט, איינגנטלעך, אין דעם, וואָס די דעקלאַסירטע און די גאַנצע סביבה, וואָס האָט פון זיך אויסגעטיילט די דעקלאַסירטע, — זיינען פיזיש פאַרניכטעט גע־וואָרן, זיינען אויסגעשטאָרבן. 15 יאָר רעוואָלוציע, 15 יאָר קאָמוניסטישע סיסטעם, — דער שטענדיקער פיבער, אין וועלכן מען האָט געהאַלטן די פאָלקס־מאַסן, — דערצו נאָך די שרעקלעכע דערפאַרונגען פון דעם בירגער־קריג און דער פּאָגראָמען־תּקופה, — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז דער אַלטער דור איז פּשוט אויסגעשטאָרבן, אָפּגעמעקט געוואָרן. אַזוי איז די פּראָבלעם געווען „געלייזט", ריכטיקער געזאָגט, — אָראָפּ־

געקומען פון דער טאָג־אָרדענונג פון דער יידישער אַרבעט. אין די 30־קער יאָרן האָט מען שוין געקאָנט קומען צום אויספיר, אַז די דעקלאַסירונג־פּראָבלעם איז געווען דערליידיקט. ס'זיינען געבליבן קליינע שפּורן און רעשטלעך פון די דעקלאַסירטע יידן דאָ און דאָרט, וואָס זיינען געווען פאַר־אורטיילט צום אונטערגאַנג און וואָס האָבן שוין ניט געהאַט קיין כּוח צום ווידערשטאַנד און פאַרן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ.

ס'איז זייער שווער צו פּרוּוון אין ציפערן אויסדריקן דעם סך־הכּל. אָבער מיר דענקען, אַז ס'וועט גאָרניט זיין איבערגעטריבן, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז דער קאָמוניסטישער עקספּערימענט האָט אָפּגעקאָסט אַ מיליאָן יידישע לעבנס. מען דאַרף אין אַלגעמיין צוגעבן, אַז די שטערבלעכקייט אין רוסלאַנד האָט פאַר די דאָזיקע 15 יאָר זייער פאַרגרעסערט זיך, און אַז דער באַפעלקערונגס־צוּוואוּקס איז געפאַלן. עס האָט אַרויסגערופן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט דער פאַקט, וואָס די סטאַטיסטיק פון די געבורטן אין לאַנד האָט מען אויפגעהערט צו פאַרעפנטלעכן פון דעם יאָר 1930.

דער צווייטער נייער און וויכטיקער מאָמענט, וואָס האָט פאַרדעקט און אָפּגעשוואַכט די באַדייטונג פון דער טראַגעדיע פון די דעקלאַסירטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט און פאַרענדיקט זיך פאַר אונזערע אויגן, דאָס איז געווען דער אינדוסטריאַליזירונגס־פּראָצעס, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ נייעם און אַ זייער ערנסטן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. די פינפיאָרפּלענער, די רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט, דער אויפבוי פון די „גיגאַנטן" פון דער שווער־אינדוסטריע, דער פאַרנעם און די טעמפּן פון דער אינ־דוסטריאַליזירונג, וואָס האָבן געפאָדערט אומענדלעכע אַרבעטער־קאַדערן, — דאָס אַלץ האָט געעפנט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג נייע און זייער וויכטיקע מעגלעכקייטן. ס'איז באַקאַנט, לויט די סאָוועטישע דאַטן, אַז אַ האַלבער מיליאָן יידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע זיינען פאַרכאַפּט גע־וואָרן שוין אין יאָר 1935 מיט דעם שטראָם פון אינדוסטריאַליזירונג. די אינטעליגענץ און די האַלב־אינטעליגענץ האָט אין די 30-קער יאָרן געפונען פאַר זיך נאָך אַ ברייטערן פּלאַץ איינצואָרדענען זיך, פאַרנעמען פּאָסטנס און שטעלעס, מאַכן אַ קאַריערע און אַרויפקלעטערן אויף די שטאַפּלען פון דעם סאָציאַלן לייטער. און אין די פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען געקומען ניט נאָר אַרבעטער, נאָר אפילו אַ סך מענטשן, וואָס זיינען שוין געווען, דוכט זיך, איינגעאָרדנט אין די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס

און אין האנדווערק. ס׳איז אין דער הינזיכט אינטערעסאַנט, אַז לויט אַן אַנקעטע אין אוקראַינע אין 1932 האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז צווישן די יידישע אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן האָבן זיך געפונען 22,8 פּראָצענט פון די לאַנדווירטן און 16,3 פּראָצענט פון די בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן פאַרלאָזן לגבי דער גרויסער אינדוסטריע זייערע אַלטע באַשעפטיקונגען. געווייס, זיינען דאָס געווען די אַקטיווערע און די פעאיקערע עלעמענטן, די פאָרשטייער פון דעם נייעם דור, וואָס איז געקומען אויף דעם אָרט פון די פריערדיקע דעקלאַסירטע.

די סאָוועטישע סטאַטיסטיק בנוגע דעם גורל פון יידישן שטעטל און דעם יידישן בעל־מלאָכה פאַרטיידיקט דעם אָפיציעל־אָפּטימיסטישן שטאַנדפּונקט. ל. ז י נ ג ע ר אין זיין ביכל פון יאָר 1941 זאָגט אַרויס קאַטעגאָריש די מיינונג, אַז שטעטלעך עקזיסטירן שוין מער ניט אויפן שטח פון רוסלאַנד. אָדער שטעט, אָדער דערפער, אָדער אַרבעטער־ישובים, — אָבער קיין שטעטלעך זיינען שוין מער ניטאָ. צום באַדויערן, ווען ל. זינגער דאַרף ברענגען באַווייזן, נעמט ער זיי ניט פון יאָרן 1939 אָדער 1938, נאָר פיל פריער, פון אינמיטן פון צווייטן פינפיאָר־פּלאַן. דאַמאָלסט, דערציילט ער, (אין 1934 ?) איז געווען דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג אין 25 שטעטלעך, און די אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע (פאַרוואָס צוזאַמען ?), וואָס האָבן אויסגעמאַכט אין 1926 27%, האָט איצט דערגרייכט 60%. נו, און וואָס הערט זיך מיט די איבעריקע 40%, און וויפיל זיינען צווישן זיי דעקלאַסירטע ? וועגן דעם פאַרלירט ניט קיין וואָרט אונזער סטאַטיסטיקער, בלייבנדיק ביי זיינס, אַז די שטעטל־פּראָבלעם איז פולקאָם „געלייזט" געוואָרן.

ל. זינגער גיט אונז אייניקע אינטערעסאַנטע ציפערן וועגן די קוסטאַרן, און די ציפערן באַציען זיך צום 1-טן יאַנואַר 1939. אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס פאַר דער סאָוועטישער סטאַטיסטיק פון יאָר 1939 איז פאַרשוווּנדן די קאַטעגאָריע בעלי־מלאָכות; עס עקזיסטירן קוסטאַרן, וואָס זיינען פאַראייניקט אין פּראָדוציר־אַרטעלן און וואָס זיינען ניט קאָאָפּערירט. לויט זינגערס „לפי־ערכדיקע אויסרעכענונגען", האָבן מיר געהאַט אין רוסלאַנד 16,1 פּראָצ׳ קאָאָפּעראַטיווע קוסטאַרן, און ניט־קאָאָפּעראַטיווע קוסטאַרן — 40 פּראָצ׳. (ס׳איז ווינטשנסווערט צו דערמאָנען זיך, אַז אין יאָר 1935 האָט מען אויך גערעכנט, אַז די צאָל פון בעלי-מלאָכות, וואָס איז

געוועז אין יאָר 1930 24,7 פּראָצ׳, איז געפאַלן ביז 16,7 פּראָצ׳). אין אבסאָלוטע ציפערן האָט מען גערעכנט אין 1939 — 122 טויזנט יידישע קוסטאַרן איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. לויט די רעפובליקן איז זייער פאַרטיילונג געוועזן אזאַ:

אין אוקראַינע — — — — — — — — —	57,8 פּראָצענט
„ ווייסרוסלאַנד — — — — — — — —	13,3 „
„ רספסר און אַנד. — — — — — — —	28,9 „

ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַטאָנען, אַז די גרעסטע יידישע געמיינדעס אין רוסלאַנד, מאָסקווע און לענינגראַד, האָבן אויך זייער פיל יידישע קוסטאַרן. פון 29,848 קוסטאַרן אין רספסר פאַלט אוים אויף מאָסקווער געגנט — 7,688 און אויף לענינגראַד — 7,665.

און ווען מען דאַרף שוין מאַכן דעם אויספיר בנוגע דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער אינדוסטריאַליזאַציע־תקופה און דער דעקלאַסירונג־פּראָבלעם ביי די רוסישע יידן, וואָלטן מיר געדאַרפט קלאָר און בולט פאַרמולירן: מען קאָן ניט זאָגן, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע האָט געלייזט די דאָזיקע פּראָבלעם, מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע איז די פּראָבלעם געוועזן געלייזט. דאָס איז געוועזן ניט אַזוי שווער, ווייל די גאַנצע סיסטעם האָט שוין אַליין פון זיך געפירט צו דער אָפּשטאַרבונג פון די אַלטע „קליינבירגערלעכע”, „פּאַראַזיטישע” סאָציאַלע שיכטן. און ווען מיר וועלן אין ליכט פון די דערמאָנטע היסטאָרישע דערשיינונגען פּרווון אונטערפירן אויך דעם סך־הכל פון דעם יידישן קאָמוניזם אין רוסלאַנד, וועלן מיר מוזן קומען צום אויספיר, אַז, טראָץ פּאָזיטיווע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך אין אים באַוויזן און טראָץ געוויסע סימנים פון אחריות־באַוווּסטזיין און פון נאַציאָנאַלן, דעמאָקראַטישן געוויסן, וואָס זיינען פון פאַל צו פאַל געוועזן באַמערקבאַר אין די יידישע קאָמוניסטישע קרייזן, — טראָגן זיי, די פאָרשטייער פון דער דיקטאַטור אויף דער יידישער גאַס, די טרעגער פון דער אידעע פון „דיקטאַטור פון יידישן פּראָלעטאַריאַט”, — די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער צעשטערונג, פאַר דער פאַרוויסטונג, פאַר דער גייסטיקער און קולטורעלער דעגראַדאַציע, — און אויך פאַר דעם פריצייטיקן טויט פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן אין רוסלאַנד.

IV. דער גורל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע

1.

פון „אונטן" און פון „אויבן"

איצט קאָן מען שוין אויסזאָגן דעם סוד, אַז פון די גראַנדיעזע פּלע־נער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ערד־איינאָרדענונג פון די רו־סישע יידן, איז זייער ווייניק וואָס אַרויסגעקומען. מען האָט געמאַכט אַזאַ ליאַרם אין אַלע ווינקעלעך פון ערד־קוגל. מען האָט געשאַפן אַ ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין אַרום דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. מען האָט צוגעצויגן צו סאָוועט־רוסלאַנד די אַלגעמיינע סימפּאַטיע פון דעם וועלט־יידנטום, — און אויסגעלאָזט האָט זיך מיט זייער באַשיידענע רע־זולטאַטן, וועלכע פאַרדינען גאָרניט אַזאַ אינטערעס, וואָס איז געווען מאָ־ביליזירט פאַר און אַרום דעם גאַנצן ענין . . .

ס'וואָלט געווען ניט ריכטיק אָנצונעמען, אַז די פראַגע פון דער ערד־איינאָרדענונג פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן איז געבוירן געוואָרן אין שויס פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. אין אַ געוויסן זין קאָן מען זאָגן פאַרקערט: די אידעע פון פאַרוואַנדלען די שטאָטישע באַפעלקע־רונג אין אַ דאָרפישער איז אייגנטלעך אָרגאַניש געווען פרעמד דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן פון דער אַלגע־מיינער פּראָלעטאַריזאַציע, און באַצווינגן זיך צו דעם קליינבירגער, אפילו ווען דאָס איז געווען אַ קליינער בעל־הבית׳ל — אַ פּויער, — זייער און זייער פּיינטלעך, — געזען אין אים אַ „קלאַסן־פּיינט". כאָטש אין די ערשטע נעפּלדיקע פּראָגראַמען פון דער „יידישער אַרבעט" איז געשטאַנען דער קאַ־פּיטל פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז פאַרבליבן פון דער ירושה פון „יקא" אָדער פון דעם אַלטן „אָרט", — וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער לאַגע אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד, וואָס

האָבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געציילט אַ באַפעלקערונג אַביסל מער פון 50 טויזנט נפשות, — איז אין דער פּראַקטיק האָט געהערשט אין דער הינזיכט ביי די ערשטע יידישע קאָמוניסטן אַ ניט־גינסטיקע באַ־ציאונג. אָבער אין דער צייט, ווען פון אויבן האָט מען זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו דער זאַך, האָט מען פון אונטן, פון די דירעקט־פאַר־אינטערעסירטע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַרויסגעוויזן פון פאַל צו פאַל אַ לעבעדיקן אינטערעס צו דער פּערספּעקטיוו פון אַריבערגיין אויף ערד, פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע געטריבן די אויסזיכטלאָזע, די פאַרצווייפלטע לאַגע, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט באַשאַפן אין די שטעט.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען דאָס יידישע שטעטל, אין רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה, בירגער־קריג און די פּאָגראָמען, איז געווען פולקאָם רואי־נירט, און אַזוי ווי דאָס קליין־שטעטל, — אַזוי אויך די שטאָט, און טאַקע די גרויסע שטאָט אויך. ס'איז געגאַנגען די צייט פון דעם „מיליטערישן קאָמוניזם״. די אינדוסטריע האָט כמעט ניט עקזיסטירט. עס זיינען פאַר־שוואונדן די מערסטע שטאָטישע פּראָפעסיעס און באַשעפטיקונגען. די פּריי־וואַטע איניציאַטיוו, אפילו פון די קליינע האַנדווערקער, איז געווען פּאַראַ־ליזירט אָדער ליקווידירט. אין די שטעט האָט געהערשט הונגער, קעלט, שרעקלעכע נויט, קראַנקהייט־עפּידעמיעס. דאַמאָלסט האָט די רוסישע באַ־פעלקערונג אָנגעהויבן אין די מאַסן צו פאַרלאָזן די פאַרפעסטעטע שטעט און געלאָפן אין דאָרף. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע 1917—1918, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין אַלגעמיין אין דאָרף גאַנץ פרידלעך, מיט ווייניק בלוט־פאַרגיסונגען, — אָפט האָט מען אפילו די אַלטע פּריצים אויסגעטיילט קליי־נע ערד־חלוקים, — האָט געשאַפן פון דאָרף אַ מין „עיר־מקלט״ פאַר די פאַרהונגערטע, פאַראָרימטע שטאָט־איינוווינער. און דער רוס, — דער אָנ־געשטעלטער, דער באַאַמטער, דער הענדלער און דער אַרבעטער, — האָט שטענדיק געהאַט די ענגסטע פאַרבינדונגען, פערזענלעכע, קרובהשע, סאָ־ציאַלע, — וואָס האָבן געעפנט פאַר אים די מעגלעכקייטן צו ראַטעווען זיין נאַקעט לעבן און באַקומען אַ שטיקל ברויט פון די פויערים.

און טראָץ דעם, וואָס די יידן האָבן ניט געהאַט די נויטיקע פאַר־בינדונגען מיטן דאָרף, וואָס זיי האָבן זיך געפילט אַלס אויסגעשפּראָכן־

שטאָטישע איינוווינער, וואָס זיינען ניט צוגעפּאַסט צו דעם לעבנס-שטייגער און דער אַרט אַרבעט (אַ ניט־באַגרענעצטער אַרבעטס־טאָג פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג...), — האָט זיך אויך אַריינגעגנבעט אין די יידישע קרייזן פון דער פּאַראַרימטער, אויסגעמאַטערטער, דעקלאַסירטער, לומפּן־פּראָלעטאַרישער שטאָטישער באַפעלקערונג דער געדאַנק, ווי ניט איז אַריבער־צופּאַקן זיך אין דאָרף און אַזוי־אַרום, — כאָטש מיט בלוט און שוויס, — אָבער שאַפן פאַר זיך און פאַר זייערע משפחות אַ טרוקענעם, אָבער אַ זיכערן שטיקל ברויט. אין צייט פון בירגער־קריג, — און דער דאָזיקער בירגער־קריג האָט זיך אָפּגעשפּילט הויפּטזעכלעך דאָרטן, וווּ ס'ווינען די יידישע מאַסן, — איז דער פּלאַן פון באַזעצן זיך אויף ערד געוועזן אומ־מעגלעך צו פאַרווירקלעכן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער, אין די ער־שטע יאָרן פון „נעפּ", פון 1922 ביז 1924. אַ זייער אייגנאַרטיקע דערשיי-נונג האָט זיך דאַמאָלסט סטיכיש, ספּאָנטאַניש באַוויזן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך: פון 1922 האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון די מרגלים, פון די ערד־זוכער, וועלכע זיינען אַוועק פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אין אָדעסער ראַיאָן, אין דרום־אוקראַינע, אין קרים, — כדי צו געפינען אין אויפטראָג פון זייערע לאַנדסלייט אַ מקום מקלט פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע אין דער היים. ניט פון אויבן האָט מען אָנגעפירט די באַוועגונג. זי איז גע־גאַנגען, ניט־אָרגאַניזירט, פון אונטן, „סאַמאָטעקאָם".

.2

דער גרויסער אָנהייב

די רעגירונג־אָרגאַנען האָבן געהאָלפן די ערשטע איבערוואַנדערער מיט איין זאַך, אָבער מיט אַ זייער וויכטיקער: געגעבן זיי אָן געלט ערד־שטחים — לויט די אויסרעכענונגען פון פּראָפ' בער בורצקוס האָבן די יידן באַקומען אין זייער רשות פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע ביזן יאָר 1925 אַן ערך ביז 45 טויזנט דיעסיאַטין. די ערשטע דירעקטע הילף האָבן געגעבן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, — דער „אָרט־פאַרבאַנד", דער „דזשאָינט" א"אַ, וואָס האָבן מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט זיך באַצויגן צו דעם שטראָם פון די יידן אין דאָרף און אַלץ געטאָן, כדי צו העלפן זיי זיך איינאָרדנען. אין 1924—1922 האָבן זיך אַזוי־אַרום באַזעצט אין אָדעסער

ראיאָן 775 משפחות; אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אויך איינגעאָרדנט 611 משפחות (3,070 נפשות) אין קרים, וואָס האָבן באַקומען פאַר זיך 20,180 דיעסאַטין.

ווי באַקאַנט, צו די יאָרן 1925—1926 האָט די „יידסעקציע" פון דער קאָמפּאַרטיי אויסגעאַרבעט אַ גרויסן פּלאַן צו באַזעצן 100,000 יידישע משפחות אויף דער ערד. ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „קאָמערד". די ראַטן־רעגירונג האָט דאמאָלסט אַרויסגעוויזן אַ זייער פּאָזיטיווע באַציאונג צו דעם ענין. ערשטנס, האָט זי זיך דאמאָלסט געניויטיקט אין דער אויסלענדישער וואַליוטע, וואָס האָט געשטראָמט פון אַמעריקע; צווייטנס, איז זי געווען פאַראינטערעסירט אין די סימפּאַטיעס פון דעם וועלט־יידנטום, וואָס האָט, לויט די פאַרשטעלונגען פון די באָלשעוויקעס, געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין די פינאַנץ־קרייזן פון לאָנדאָנער סיטי און ניו־יאָרקער וואָל־סטריט, אויף די בערלינער און פאַריזער בערזעס. די יידישע קרייזן אין סאָוועט־רוסלאַנד, סיי די קאָמוניסטישע, סיי די אומפּאַרטייאישע, האָבן זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן אין דער יידישער אַרבעט, אין דער אַרבעט פון רע־קאָנסטרוקציע. דער ערשטער פּעריאָד פון דער יידישער ערד-איינאָרדענונג האָט זיך אַנטוויקלט צווישן די יאָרן 1923—1928.

די דאָזיקע פינף יאָר האָבן אויפגעדעקט סיי די מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַראַן אין דער הינזיכט, סיי די גרענעצן, וואָס זיינען דאָ נאַטירלעך אָנגעמערקט. 1928 איז אייגנטלעך יענער יאָר, ווען די מאַכט־אָרגאַנען אין רוסלאַנד זיינען שוין געקומען צום אויספיר, אַז לויט די פאַרשיידענע טעמים דאַרף מען שטעלן אַ פּונקט צו אַלע פּלענער, וואָס זיינען דאמאָלסט אויסגעוואַקסן אין די קאָמוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע קרייזן: צו די טערי־טאָריאַליסטישע פּלענער, צו דעם פּלאַן פון דער יידישער קרימער רעפּובליק. און אין דערזעלבער צייט איז 1928 דער ערשטער יאָר, דער יאָר פון אָנהייב פון בירא־בידזשאַן.

לויט פאַרשיידענע דאַטעס וועלן מיר ברענגען אַ פּאָר טאַבעלעס, וואָס באַווייזן אונז, ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע לאַנדווירטשאַפט ביז דעם יאָר 1928.

די דינאַמיק פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט

יאָר	די צאָל פון ערד-אַרבעטער	דער ערד-שטח אין העקטאַרן
1913	52,758	119,403
1920	35,000	84,750
1923	75,911	153,298
1924	94,158	162,875
1925	120,288	270,533
1926	141,780	375,296
1927	165,500	488,054
1928	220,000	642,054

דאָס בילד צום יאָר 1928, לויט אַנדערע ידיעות:

לאַנד	די צאָל משפחות	די צאָל אויסגעטיילטע העקטאַר ערד
אוקראַינע	7,251	165,334
קרים	2,312	119,623
ווייסרוסלאַנד און האָמעל	1,727	20,560
ר.ס.פ.ס.ר. מיט קאַווקאַז און דאגעסטאַן	432	18,166
אוזבעקיסטאַן	143	1,500
צוזאַמען	11,865	325,183

כדי צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דער פינאַנצירונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט ביז 1929, ווען מיר פאַרצייכענען, וואָס דער מלוכה־בודזשעט האָט אַריינגעטראָגן אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע פאַר יעדן יאָר:

אין 1924	— — — — — — — —	400,000 רובל
„ 1926/26	— — — — — — — —	„ 1,000,000
„ 1926/27	— — — — — — — —	„ 1,380,000
„ 1927/28	— — — — — — — —	„ 1,515,000
„ 1928/29	— — — — — — — —	„ 2,800,000
סאָוועטישע באַנק-קרעדיטן	— — — — —	„ 2,660,000
אינעווייניקע הילפסמיטלען	— — — — —	„ 250,000
צוזאַמען	— — — — — — — —	10,005,000 רובל

די אסיגנירונגען, ווי מיר זעען, זיינען ניט צו גרויס. באזונדערס, ווען מיר ווען נעמען אין אכט דעם צוויי־פלהאפטן ווערט פון דעם רוסישן רובל, — טאקע אין די דאזיקע יארן פון „נעפ". די פארצייכנטע 10 מיליאן רובל קאן מען גארניט פארגלייכן מיט די גאנץ גרויסע אינוועסטירונגען פאר דער יידישער קאלאניזאציע, וואס עס האט געמאכט דער „אגרא-דזשאינט". לויט די סאוועטישע ידיעות האבן די אויסלענדישע יידישע ארגאניזאציעס אריינגעבראכט אין רובל ביז דעם יאר 1929 — 15,785,630 (זע העללער: „דער אונטערגאנג דעם יודענטומס", דייטש). פאקטיש איז דאס געווען פיל מער (אין דאלארן), אבער וועגן „אגרא־דזשאינט" ווען מיר ריידן באזונדער.

.3

דער „אפפלוס"

עס לוינט זיך ניט צו פארטיפן אין די ציפערן, וואס עס גיט די סאוועטישע סטאטיסטיק בנוגע דער יידישער לאנדווירטשאפט. ס'ווארפן זיך אין די אויגן די איבערגעטריבענע צאלן וועגן די ערד־פאנדן פאר די יארן 1926—1928, און דערפאר איז קלאר, פארוואס עס איז פאקטיש צום יאר 1928 געווען פיל ווייניקער: ניט 642.054 העקטאר, נאר אינגאנצן 325,183 הא. אבער אפילו אין די ערשטע יארן פון דער מאסן־איבערוואנדערונג, אין די יארן, ווען, לויט דער קאמוניסטישער פרעסע, איז געגאנגען דער פראצעס פון דער יידישער קאלאניזאציע בארג-ארויף, — האט זיך בולט אויסקריסטאליזירט אן אנדער טענדענץ: דער אפפלוס, דער אוועקלויף פון די איבערוואנדערער. רעלאטיוו האט דאס ניט געווירקט אויף דער אלגעמיינער צאל פון די איבערוואנדערער. זיי זיינען אלץ געגאנגען פאראויס. אבער ווען ניט דער אפפלוס, אפילו אין די ערשטע יארן, וואלט די צאל איבערוואנדערער געווען א דאפלטע.

י. קאנטאר אין זיין ארבעט „די אויפבוי־ארבעט צווישן די יידן אין פ.ס.ס.ר." (מאסקווע, 1934) האט געבראכט אין דער הינזיכט זייער וויכטיקע דאטן. „פון 1926 ביז 1931 זיינען געווען אויפגענומען אויף די אוקראינער ערד־פאנדן 13,415 משפחות, — לייענען מיר דארטן, — אבער 6,318 משפחות, אדער 47 פראצענט פון אלע, וואס האבן פאר־

פעסטיקט פאַר זיך די ערד, זיינען אוועקגעגאַנגען". אין די יאָרן 1928—1927 איז דערצו נאָך געווען אַן אומגערעטעניש, און דערפאַר איז דער צו־וווקס געווען אַ נישטיקער: אין 1927—1926 זיינען צוגעקומען אין כער־סאָנער געגנט נאָר 7 משפחות, און אין 1928 — 83 משפחות. לויט די דאַטן פאַר פינף יאָר, קאָנען מיר זעען די גרויס פון דעם אָפּפלוס, וואָס ס'איז געווען דעמאָלסט נאָך, פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע: פון די איבער־וואַנדערער פון 1926 זיינען אַנטלאָפן 37%, אין 1928 — 56%, אין 1929 — 25%, אין 1930 — 30%.

די סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג זיינען געווען פאַרשיידענע. די יוגנט, די זין און די טעכטער פון די איבערוואַנדערער, האָבן אַרויסגע־וויזן זייער ווייניק חשק צו פאַרבלייבן אין דאָרף און פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. ס'איז דאָ אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן אויך, אַז אין דעם ערשטן פעריאָד האָבן איבערגעוואַנדערט ניט אַזוי פיל דעקלאַסיר־טע, וואָס האָבן געשטאַמט פון די „ליקווידירטע" בירגערלעכע קרייזן, — די הענדלער און אינדוסטריעלע, ווי די אַרבעטער און בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן אין דער צייט, ווען די פאַבריקן און וואַרקשטאַטן זיינען געשטאַנען, ניט געפונען פאַר זיך אין די שטעט אַ שטאָך אַרבעט. אָבער זייערע קינדער, וועלכע האָבן ניט געטראָגן דעם יאָך פון דעם יורשדיקן „קלאַסן־שונא", האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. און זיי האָבן אויסגענוצט די פּריווילעגיע צו געניסן פון דער גרויסער שטאָט, פון די שטעלעס פון מלוכה־באַאַמטע און פּאַרטיי־סעקרעטאַרן, — און זיי האָבן טאַקע ניט געוואָלט בלייבן און ניט געבליבן אין די אָרעמע יידישע קאָ־לאָניעס. אַ קליינע, אָבער אַ קלאָרע אילוסטראַציע פון דעם סאָציאַלן באַ־שטאַנד פון די איבערוואַנדערער האָבן מיר טאַקע פאַר דעם יאָר 1926: צווישן 1,220 קאָלאָניסטן זיינען געווען נאָר 146 (11,1%) געוועזענע הענדלער, און 749 (61,1%) קוסטאַרן און אַרבעטער . . .

אָבער ניט נאָר דער יונגער דור האָט זיך געצויגן אין שטאָט, אויך פיל פון די עלטערע קאָלאָניסטן האָבן באַלד דערפילט די נעגאַטיווע מאָ־מענטן פון דעם לעבן און אַרבעט אין דאָרף. פריער האָט מען די איבער־וואַנדערער באַפרייט פון פאַרשיידענע שטייערן, אָבער די צייט איז געגאַנ־גען, און די מלוכה האָט אָנגעהויבן אַרויפלייגן אויף די יידישע קאָלאָניסטן פאַרשיידענע פאַרפליכטונגען. אויך די אינעווייניקסטע לאַגע אין די יידישע

דערפֿער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו פֿאַרענדערן. פֿריער האָט מען געשאַנעוועט דעם פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער, וואָס עס האָבן דאָרט איינגעפֿירט גלייך נאָך זייער אָנקומען די אַלטע קליינשטעטלדיקע תּושבֿים. מיט שטאָלץ האָבן געמאָלדן ניט איינמאָל די קאָמוניסטן אין דער פּרעסע, אַז אַ שוחט, אפֿילו אַ רבֿ, אַ שול און ספֿרי־תּורות — זיינען געוואָרן געוויינלעכע אַטריבוטן פֿון דעם יידישן דאָרפֿישן לעבן. אָבער באַלד איז געשאַפֿן געוואָרן דער „קאָמסאָמאָל", מען האָט אָנגעהויבן שטורמען די הימלען און באַקעמפֿן די יידישע רעליגיע, מען האָט יעדן פּסח און ראש השנה דורכגעפֿירט גאָט־לאָזע, אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּאַניעס. מען האָט ביי די כּשרע יידן גענומען איינפֿירן חזירים־צוכט.

פֿאַר די קאָלאָניסטן איז נמאס געוואָרן צו לעבן אונטער אַזעלכע ווירקונגען, וואָס האָבן באַקומען די פֿולע שטיצע פֿון די מאַכט־אָרגאַנען. ס'האָט זיך אויך אַנטוויקלט אפֿילו פֿון די ערשטע יאָרן, נאָך באַשיידן, אָבער גאַנץ בולט, אַ טענדענץ צו שאַפֿן קאָלכאָזן. און דערגאַנגען האָט די יאָרן די אַזוי־גערופֿענע קאָנטראַקטאַציע, ד"ה די אָבליגאַטאָרישע תּבֿואה־ליפֿערונגען אויף לימיט־פּרייז פֿאַר דער רעגירונג, וואָס האָט געדראָט צונישטמאַכן די אַלע באַמיאונגען פֿון די יידישע איבערוואַנדערער צו שאַפֿן זיך אַ נייע היים, — נאָך דעם, ווי די אַלטע היים איז געווען צעשטערט פֿון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

אויב מען קאָן טראַץ דעם די יאָרן 1925—1928 פֿאַררעכענען פֿאַר דעם ערשטן פּעריאָד פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט נאָך געקאָנט אַרויסרופֿן געוויסע פּאָזיטיווע האָפֿענונגען, — האָט דער צווייטער פּעריאָד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1929—1930, געשטעלט אונטער אַ גרויסן פֿראַגע־צייכן די גאַנצע פּראָבלעם: צי קאָן מען טאַקע אין אַ וויכטיקן מאַסשטאַב איינפֿלאַנצן יידישע ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד? די סיבה פֿון דער אַנטוישונג איז געווען ניט נאָר דער פֿאַל פֿון געוויסע אַנטי־סעמיטישע שטימונגען, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן די יידישע קאָלאָניזאַציע, באַזונדערס אין קרים, און געווירקט אויף דער רעגירונג אין דער הינזיכט, אַז דער שווער־פּונקט (אַ גאַנץ צווייפֿלהאַפֿטער) זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן אויף עק־וועלט, אין בירא־בידזשאַן, טויזנטער מיילן ווייט פֿון די יידישע מאַסן־קיבוצים. ניין, די הויפּט־סיבה איז געווען די נייע אַגראַר־פּאָליטיק פֿון דער רוסישער רעגירונג, וואָס איז באַצייכנט מיטן נאָמען: קאָלעק־

טיוויזאציע. י. קאַנטאָר, וועמען מיר האָבן אויבן ציטירט, גיט אונז אַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס קאָלעקטיוויזאַציע און ווי אַזוי האָט זי געווירקט אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

4.

קאָלעקטיוויזאַציע

י. קאַנטאָר דערציילט אונז וועגן דעם דורכפאַל פון די ערשטע פּרוּוון פון דער דאָזיקער קאָלעקטיוויזאַציע, — וועגן דער „פּאַרציייטיקער דורכפירונג פון דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע", וואָס איז געווען נאָך אין די יאָרן 1926—1925. די איבערוואַנדערונגס־ווירטשאַפט איז ניט געווען רענטאַבעל, — און דאָס האָט געשטערט די ערד־אַרבעטער אַריינצוטרעטן אין אַ קאָלעקטיוו און פאָרסירט זייער אַנטלויפן.

נאַאיוו און פּשוט באַשרייבט דער מחבר, ווי אַזוי דאָס איז אַלץ געגאַנגען. די איבערוואַנדערער, — „אַחוץ די קולאַקעס און די נעפּמאַנישע עלעמענטן", — זיינען גערן געגאַנגען אין די קאָלכאָזן. אָבער אַזוי ווי אויף די ערד־פאָנדן איז דורכגעקראָכן „אַ באַשטימטע שיכט פון די פאָרמעגלעכע און אַפילו קולאַצקע עלעמענטן" און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „קלאַסן־דיפערענציאַציע" (צעטיילונג), זיינען די קאָלכאָזן פאַנאַנדערגעפאַלן אָדער זיי זיינען געווען פאַרוואַנדלט אין אַ „דעקמאַנטל" פון די קולאַקעס. צום סוף 1929, — דערציילט קאַנטאָר, — ווען מען האָט אומעטום געזוכט די „קלאַסן־שונאים", האָט מען זיי אויך געפונען אויף די כערסאָנער ערד־פאָנדן ביי די יידישע קאָלאָניסטן. און טראַכט זיך טאַקע אַריין אין דעם „באַוויַיז", וועלכן עס ברענגט אונז דער קאָמוניסטישער מחבר. אויף די כערסאָנער ערד־פאָנדן זיינען געווען איינגאַנצן 10% פון די פערדלאָזע ווירטשאַפטן! דוכט זיך, גוט! ניין, פאַרקערט. אַזאַ קליינער פּראָצענט פון די פערדלאָזע באַווייזט, אַז די גאַנצע פּאָליטיק איז אַ „פאַרקריפּלטע". סטייטש, ביי 45 פּראָצענט בעלי־בתים — 1 פערד, ביי 43 פּראָצענט — 2 פערד, און ביי 2 פּראָצענט — אַפילו 3 און נאָך מער פערד! און אין קרים, אין דזשאַנקאָיער געגנט, איז צום יאָר 1929 געווען גאַנצע 7,5 פּראָצענט לאַנדווירטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט מער ווי 3 פערד . . . פון די קליינע אילוסטראַציעס איז דאָך קלאָר פאַר יעדן קאָמוניסט, אַז דער

„קולאַק״ דרימלט ניט, און כּדי צו באַזיגן דעם קלאַסן־פּיינט דאַרף מען דורכפירן אַ „דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע״. און טאַקע פון יאָר 1929—1930 הייבט זיך אָן די סדרה קאָלעקטיוויזאַציע. אייניקע טוער פון יענער תּקופה האָבן פּראָטעסטירט, צווישן זיי אויך דער קאָמיסאַר דימענט־שטיין. קאַנטאָר דערמאָנט, אַז דער „אַגראָנאָם און דער פאָרשטייער פון אַגראָ־דזשאָינט״ ליובאַרסקי האָט פאַרטיידיקט די קולאַצקע טעאָריע״ און געקעמפט קעגן דער „פאָרסירונג פון קאָלעקטיוויזאַציע״ אין די יידישע קאָלאָניעס. אָבער ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. „די נייע כוואַליע פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אויף די יידישע איבערוואַנדערונגס-פאָנדן האָט פאַרכאַפּט די מאַסע איבערוואַנדערער נאָר נאָך אַ שרעקלעכן קאַמף מיט דעם קלאַסן־שונא״ — שרייבט וועגן דעם קאַנטאָר. און ווי האָט עס געקאָנט זיין אַנדערש?

אונטערן דירעקטן דרוק פון דער דיקטאַטור האָט מען אָנגעהויבן מיט פיבער־טעמפּ דורכצופירן די דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע. מען האָט געטריבן, פאָרסירט, מיט גוואַלט און מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט רעפּרעסיעס און דורך „סאָציאַליסטישן געוועט״. אין אוקראַינע און אין קרים איז דורכגעפירט געוואָרן קאָלעקטיוויזאַציע אין אָנהויב 1931 אויף 90 און מער פּראָצענט. צו דער העלפט 1931 איז דער קאַלינינדאָרפער ראַיאָן געווען קאָלעקטיוויזירט אויף גאַנצע 100 פּראָצענט, ניי־זלאַטאָפּאָלער — אויף 91 פּראָצענט, סטאַלינדאָרפער — אויף 97,5 פּראָצ׳, פריידאָרפער — אויף 90 פּראָצענט, און דאָס זעלבע איז געווען מיט דער קאָנטראַקטאַציע, מיט די ברויט־ליפערונגען פאַר דער רעגירונג אויף לימיטן. אין 1930—1931 האָט דערגרייכט די פאַרווירקלעכונג פון דעם פּלאַן פון די ברויט־ליפערונגען — אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן אויף 88,5 פּראָצענט, אין ניי־זלאַטאָפּאָלער — אויף 84 פּראָצ׳, אין סטאַלינדאָרפער — אויף 96 פּראָצ׳. און ווי האָט געקאָנט זיין אַנדערש, ווען אַנטקעגן דעם אונטערדריקטן קאָלאָניסט שטייט די באַוואָפנטע ביז די ציין קאָמוניסטישע מאַכט?

אָבער טראָץ די אַלע גינסטיקע און שנעלע „דערגרייכונגען״, האָט זיך דער קאַמף ניט אָפּגעשוואַכט און טאַקע צו די יאָרן 1932 און 1933 האָט ער דערגרייכט דעם קלימאַקס. „ס׳זיינען געווען פאַקטן, ווען די יידישע קולאַקעס האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט די קולאַקעס פון די ניט-יידישע דערפער, כּדי צו אינסצענירן אַן אויפשטאַנד״ (וואָזמושטשעניע), —

ס'זײנען אױך געװען פֿאַקטן פֿון שריפֿות און טעראָריסטישע אַקטן, — דערצײלט קאַנטאָר, און גיט צו, — אַז צװישן די לאָזונגען, װאָס זײַנען געװען פּאָפּולער צװישן די אומצופֿרידענע, איז געװען אױך אַזאַ לאָזונג: זאָל מען אונז איבערגעבן די טראַקטאָרס (װי באַקאַנט, האָבן זײ זיך געפֿונען אין די הענט פֿון די רעגירונגס־מאַשינען־טראַקטאָרישע סטאַנציעס), מיר װעלן זײ שױן בעסער אױסנוצן. „דער יאָר 1932 איז געװען דער יאָר פֿון דעם שאַרפֿסטן װידערשטאַנד פֿון דעם קולאַקנטום, דער בלי־יאָר פֿון זײער שעדערישקײט, באַזונדערס אױף דער אוקראַינע. דאָס יידישע דאָרף איז ניט געװען קײן אױסנאַם. אין דאָרף האָט דער קולאַק, דער קלאַסן־שונא געגעבן פֿון זיך צו פֿילן". און די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די קאָלכאָזן האָט זיך אָנגעהױבן נאָר דאַן, װען „אין 1933 האָבן זיך אױסגעבילדעט די „פּאָליט־אָפּטײלונגען" (ד"ה די געפּעאו) און ס'איז געװען דורכגעפֿירט די „אַנטשײדנדיקע זעלבסטרײניקונג פֿון די קולאַצקע עלעמענטן" (קאַנטאָר, זז' 110-88). די פּאָליצײאישע אָרגאַנען האָבן אױסגעװאָרצלט אַלע אָפּאָרטוניסטן, אַלע װאַקלדיקע עלעמענטן אין דער פּאַרטײ און אין דער יידישער אַרבעט. די יעװסעקציע איז געװען ליקװידירט אין אָנהױב פֿון דער קאָלעקטיװיזאַציע־תּקופֿה: אין יאָר 1930. אָבער דער פֿאַרנעם פֿון דער ליקװידאַציע איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געװען נאָך גרעסער. די פֿירנדיקע קעפּ פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע זײַנען געפֿאַלן אַלס קרבנות מיט דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער נײַער אַגראַר־פּאָליטיק אין רוסלאַנד.

ל. זינגער, אין זײַן בוך „דאָס באַנײַטע פֿאָלק", װאָס איז אַרױס מיט 7 יאָר שפּעטער (אין 1941), קאָן אַלץ נאָך ניט פֿאַרגעסן װעגן די ביטערע שלאַכטן, װאָס זײַנען פֿאָרגעקומען בשעת דער קאָלעקטיװיזאַציע מיט די יידישע קולאַקן. ער קערט זיך אום צו די טעג פֿון דעם „העפֿטיקן װידערשטאַנד", פֿון דעם קלאַסן־שונא אין די קאָלכאָזן. „די יידישע בעלי-גופֿים האָבן געפֿירט אַ קאַמף. דער קלאַסן־שונא פֿלעגט טײלװײַז דורכקריכן ניט נאָר אין די קאָלװירטן, נאָר אױך אין באַשטאַנד פֿון זײערע פֿאַרװאַלטונגען, רעװידיר־קאָמיסיעס אאַז"װ און פֿלעגט דאָרט דורכפֿירן זײַן אַרונטעררײַסערישע אַרבעט" (ז' 101). אָבער, װי ס'איז באַקאַנט, האָט די רעװאָלוציע אָפּגעהאַלטן דעם גלענצנדיקן זיג איבער די יידישע קולאַקעס. „דער שונא איז צעגראַמירט געװאָרן", — פֿירט אונטער דעם סך־הכּל ל.

זינגער. צום באַדויערן, דערציילט ער אונז ניט, וויפיל יידישע „קאָלאָצקע" משפחות זיינען רואינירט, פאַרשיקט און אויסגעהרגעט געוואָרן . . .

ווי ס'איז באַקאַנט, איז די נייע סיסטעם געווען איינגעוואָרצלט. די יידישע לאַנדווירטשאַפט האָט מען כמעט אויף אַלע 100 פּראָצענט קאָ־לעקטיוויזירט, מעכאַניזירט, טראַקטאָריזירט. אָבער דאָס האָט ניט פאַר־בעסערט דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון די קאָלכאָזניקעס. די מאַטעריעלע לאַגע איז געבליבן, ווי פריער, זייער אַ ביטערע. אין קאָמזעט־זאַמלבוך „יידן אין פססר" (1935) לייענען מיר, אַז „אין 1932 זיינען דאָ געווען אַ ריי קאָלאָניסטן, וואָס דער טאָגאַרבעט האָט באַטראָפן ווינציקער ווי אַ קילאָ־גראַם ברויט. כמעט אַ דריטל פון די קאָלווירטניקעס האָבן באַקומען פאַר אַ טאָג אַרבעט פון 1 ביז 2 קילאָגראַם ברויט" (זז' 95-194).

דער אָפּפלוס, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט בולט אויפגעדעקט די גאַנצע ניט־סטאַבילקייט פון די יידישע קאָלאָניעס. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז אין קרים איז אין 1934 דער אָפּפלוס געווען דערקלערט „צוליב די ניט־גענוגענדע טעמפּן פון הייר זער־בויאונג און קולטור־שטייגערישע באַדינונג". מען האָט פאַרלאָזן די קאָלווירטן, באַזעצט זיך אין די אינדוסטריעלע צענטרען" (ז' 199). דאָס, וואָס דער יונגער דור לויפט אַוועק פון די קאָלעקטיוויזירטע קאָלאָ־ניעס, אין שטאָט, אין די הויכשולן, אין די קאַנצעלאַריעס, — האָבן מיר שוין אונטערגעשטראָכן פריער. אייניקע גרופּעס פון דער נייער אינטעלי־גענץ, וואָס האָט זיך רעקרוטירט פון די זין פון די יידישע קאָל־כאָזניקעס, ווי אַגראָנאָמען, לערער און טעכניקער קענען געפינען פאַר זיך אַרבעט אין די קאָלווירטן, — אָבער די גרעסטע מערהייט פון די אויסגע־בילדעטע קינדער פון די יידישע ערד־אַרבעטער נוצט אויס פאַר זיך די אינ־דוסטריאַליזאַציע. און טאַקע די פינפיאָרלעך, דער מעכטיקער שווּנג פון דער שווערער אינדוסטריע אין לאַנד האָט אַריינגעצויגן אין זיין שטראָם די אַקטיווסטע טיילן פון די ערד־אַרבעטער און זייערע קינדער. מען קאָן זיך דערלויבן אויסצודריקן, אַז טאַקע די דאָזיקע אינדוסטריאַליזאַציע איז גע־ווען דער העכסטער שונא פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד. סוף כל סוף האָט זי טאַקע אָפּגעשאַפט און ביז גאָר פאַרקלענערט די אַלע גרויסע פּלענער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער ערד־איינאָרדנונג.

.5

אלגעמיינע סך-הכּל

לויט די אויבן־געבראַכטע מאַטעריאַלן, וועלן מיר סומירן די דאַטעס און די ציפערן, וואָס כאַראַקטעריזירן די לאַגע אין די יידישע קאָלאָניעס אין דעם צווייטן פעריאָד פון דער קאָלאָניזאַציע, נאָך דער קאָלעקטיוויזאַציע, נאָך דעם אָפּשאַפן פון דעם קרימער פּראָיעקט פון א יידישער רעפּובליק אאז"וו. לויטן „עמעס" (פון 9־טן אָקטאָבער 1937) באַקומען מיר דאָס פאָלגנדיקע בילד:

פאַר דער רעוואָלוציע איז די צאָל פון די ערד־אַרבעטער געווען — 52,758 נפשות (2,2%), אין 1926—1927 — 226 טויזנט (8,3%), אין 1929—1930 — אַרום 300 טויזנט (10,1%), אין 1935 — 194 טויזנט (6,7%). ווי מיר זעען, איז די צאָל פון די יידישע ערד־אַרבעטער געפאַלן פאַר די דאָזיקע 5 יאָר כמעט אויף 1/3, אויף א הונדערט טויזנט, און מיר דאַרפן אָננעמען, אַז פון 10,1% איז די צאָל יידישע ערד־אַרבעטער געוואָרן 6,7%.

ל. זינגער ,אין זיין ביכל פון 1941, האָט אונז געוויס געקאָנט דערציילן אויספירלעך, ווי אַזוי איז די לאַגע אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט געגאַנגען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער אָפּערירט דאָך מיט די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1939, און ער ווייסט טאַקע, ווי נייגעריק עס איז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג צו דער דאָזיקער טעמע און ווי שטאַרק זי וויל וויסן, ווי אַזוי עס איז געווען די לאַגע אין 1936, 1937 און 1938. וואָס טוט אָבער אונזער סטאַטיסטיקער? ער גיט אונז ציפער, שטעלט אויף טאַבעלן, — אַמאָל דערציילט ער אונז, צו וועלכן טערמין זיי האָבן א שייכות, אַמאָל פאַרדעקט ער די פראַגע פון צייט מיט א געהיימנישפולן שווייגן. אָבער וואָס דערגרייכט ער מיט זיין גאַנצער סטאַטיסטישער אַרבעט? ער פאַרפלאָנטערט זיך אַליין אין אַלע מעגלעכע פאַרשטעלונגען וועגן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט ערב דער היינטיקער צווייטער וועלט־מלחמה.

אָבער פריער ווי מיר וועלן זיך פּרוּוון צו פאַנאַנדערקלייבן אין זינגערס סטאַטיסטיק, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף א ווײַלע אויף די סך־הכּל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין די סאָוועטישע

קוואלן, וואָס האָבן געהאַט פאַר זיך דעם יאָר 1935, אַלס דעם לעצטן אינ-פאָרמאַציע-יאָר.

ס'איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָוועטישער סטאַטיס־טיק, אַז צום יאָר 1935 האָבן כּמעט אינגאַנצן געפעלט די סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין ווייסרוסלאַנד, און דער „קאָמערד", ווען ער האָט צונויפגעשטעלט זיין פריער־ציטירטן זאַמלבוך, איז געווען געצוווּנגען צו באַנוגענען זיך מיט די ציפערן פאַרן . . . יאָר 1931. און אויך פאַר קרים האָבן אויסגעפעלט וויכטיקע ציפערן.

אין קרים האָט מען גערעכנט צום יאָר 1935 די צאָל יידישע ערד־אַרבעטער — אַרום 25 טויזנט נפשות, די ערד־פאָנדן — 199,851 העק-טאַר, פון זיי אַקער־ערד — 137,152 הא. וועגן די צוויי יידישע נאַציאָ־נאַלע ראַיאָנען דערוויסן מיר זיך, אַז אין דעם פרייַדאָרף־ראַיאָן (געגרינדעט אין 1931) זיינען געווען 31 דאָרף־ראַטן, פון זיי 15 יידישע מיט 34 ישו-בים. וועגן דעם לאַרינדאָרף־ראַיאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1935, זיינען נאָך ניט געווען קיין ידיעות.

פאַר אוקראַינע האָבן מיר פאָלגנדיקע ידיעות צום יאָר 1935:

אין קאַלינינדאָרפער יידישן ראַיאָן (געגרינדעט אין יאָר 1927) זיי־נען געווען ערד־פאָנדן — 72,436 העקטאַר, פון זיי דער פאַרזיי־שטח — 52 טויזנט העקטאַר. דאָרטן זיינען געווען 47 קאָלכאָזן, פון זיי יידי-שע — 39. אין ניי־זלאָטאָפּאָלער נאַציאָנאַלן יידישן ראַיאָן זיינען געווען ערד־פאָנדן — 44,193 העקטאַר, פון זיי דער פאַרזיי־שטח — 38,667 העק־טאַר. די צאָל יידישע משפחות איז געווען — 1791. אין סטאַלינדאָרפער נאַציאָנאַלן ראַיאָן (געגרינדעט אין יאָר 1930) האָט מען גערעכנט די ערד־פאָנדן אין 101,550 העקטאַר, דעם פאַרזיי-שטח — אין 66,627 העקטאַר, און די באַפעלקערונג איז געווען אָפּגעשאַצט (הפנים, ווייט ניט פּינקטלעך) אין 30 טויזנט נפשות, פון זיי 15 טויזנט יידן.

וואָס ס'איז שייך צו ווייסרוסלאַנד, איז פאַר דעם יאָר 1931 אָנגע־געבן די צאָל יידישע משפחות אין 10,990 און די גרויס פון דעם פאַרזיי־שטח — אין 74,890 העקטאַר.

וואָס־זשע דערציילט אונז ל. זינגער אין יאָר 1941 וועגן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין ראַטן־פאַרבאַנד? ער שטעלט צונויף די פאָלגנדיקע טאַבעלע צום אָנהייב פון יאָר 1939, ד"ה לויט די רעזולטאַטן פון דער לעצ־טער פאָלקס-ציילונג.

אָרט און לאַנד	צאָל ייד. קאָלווירטישע משפחות	% צום סך-הכּל
קרים — — — — — — — — — — —	5,000	20
אוקראַינע — — — — — — — — — —	8,500	34
יידישע אויטאָנאָמע געגנט — — —	3,000	12
בײַשטעטלדיקע יידישע און אינטער־נאַציאָנאַלע קאָלווירטן — אוקראַ-אינע, ווייסרוסלאַנד און געוועז.		
מערב-געגנטן פון רספסר — — —	7,000	28
קאַווקאַז, מיטלאַזיע — — — —	1,500	6
סך-הכּלן — — — — — — —	25,000	100

25 טויזנט יידישע קאָלווירטישע משפחות, ד"ה אַן ערך מער פון 100 טויזנט נפשות אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט. ס'איז אָבער פון ערשטן קוק צווייפלהאַפט, — און רופט אַרויס ערנסטע ספקות בײַ יעט־ווערן מענטשן. ערשטנס, זיינען די ציפערן צו „רונד", און דערפאַר אַליין קומט אויף דער געדאַנק, אַז די דאָזיקע סטאַטיסטיק איז „אַרויסגעוואָרפן פון אַרבל"; צווייטנס, איז די ציפער בנוגע דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַזוי באַשיימפּערלעך איבערטריבן, אַז עס לוינט ניט צו פאַרלירן אויף דעם אַפילו עטלעכע ווערטער. ווען אַפילו אין בּיראָ־בּידזשאַן זיינען געווען צום יאָר 1939 בּיז 3,000 קאָלווירטישע משפחות, זיינען זיי דאָך ניט־יידישע. גוט, ווען די יידישע משפחות אין די יידישע קאָלכאָזן שטעלן מיט זיך צוזאַמען אין צאָל אַ דריי־פיר הונדערט. (וועגן דעם גענויער אין דעם קאַפּיטל „באַלאַנס פון בּיראָ־בּידזשאַן"). אָבער . . . ל. זינגער, וואָס רעדט ניט ווייניק וועגן די דערפאָלגן אין דער „סאָציאַליסטישער לאַנדווירט־שאַפט", באַמערקט ניט, אַז ער, מיט דער אויבן־געבּראַכטער סטאַטיסטי־שער טאַבּעלע, קומט צו פאַרקערטע אויספירן, באַווייזט, ווי עס איז געפאַלן די יידישע לאַנדווירטשאַפט צום אָנהייב פון יאָר 1939. מיר ווייסן דאָך, אַז די יידישע לאַנדווירטשאַפט איז „דורכאויס" קאָלעקטיוויזירט, אַז איינצלנע בעלי־בתּים אין דאָרף זיינען ניטאָ, אָדער כּמעט ניטאָ. איז ווי אַזוי קומט אויס בּײַ זינגערן, אַז אינגאַנצן אין ראַטן-פאַרבאַנד האָבּן מיר נאָר 25 טויזנט יידישע קאָלווירטישע משפחות, ד"ה 150,125,100 טויזנט נפשות ?!. ס'איז עפּעס ניט אין אָרדענונג מיט דער סטאַטיסטיק בּײַ אונ־זער מחבּר. מיר האָבּן דאָס שוין געזען בּײַ זיינע ציפערן, וואָס באַציען

זיך צו די דעמאָגראַפישע ענדערונגען אין לאַנד. זינגער טראָגט אין דער הינזיכט אַריין אויך זייער פיל פּלאָנטערייַ און מישמאַש. גענוג צו באַמערקן, אַז אין דער צייט, ווען אין זיין „לפי־ערכדיקער אויסרעכענונג“ פון דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יאָר 1939 (ז׳ 49) בילדן ביי אים אוים די קאָלווירטניקעס — 5,8% (דאָס אַנטשפּרעכט, אייגנטלעך, דער אויבנגעבראַכטער טאַבעלע), — שטויסן מיר זיך אָן, אַז די דאָרפישע יידישע באַפעלקערונג אין יאָר 1939 בילדעט ניט 5,8%, נאָר גאַנצע 13%, אין אַבסאָלוטע ציפערן — 392,5 טויזנט נפשות. ווי קומט דאָס אוים? און ווו איז דער אמת? ל. זינגער פילט אַליין, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון פאַרשיידנאַרטיקע ווידערשפּרוכן און קאָן פון זיי ניט אַרויסקריכן. דערפאַר, אַפּנים, שרייבט ער, אַז „אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז באַשעפטיקט אין די דערפער אַלס אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין ראַטווירטן, דאָרפישע קליין־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אַדמיניסטראַטיווע אַנשטאַלטן אד“גל” (ז׳ 39). אפשר וועט דער דאָזיקער וויכטיקער קאָרעקטיוו אַריינטראָגן די נויטיקע קלאָרקייט און אַוועקשטעלן די זאַכן אויף זייער אָרט? אויב אַזוי, וועט דאָס הייסן, אַז צום אָנהייב יאָר 1939 האָבן מיר געהאַט יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, צווישן 100 און 150 טויזנט נפשות. און דאָס הייסט ווייטער, אַז די צאָל יידישע ערד־אַרבעטער אין סאָוועטרוסלאַנד שטייט (מיט אַ קליינער הפסקה) אין שטענדיקן באַרג־אַראָפּ פאַר די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, לויט דער דאָזיקער טאַבעלע:

אין 1926 — — — — — — —	8,3%	יידישע ערד־אַרבעטער
„ 1930 — — — — — — —	10,1%	„ „
„ 1935 — — — — — — —	6,7%	„ „
„ 1939 — — — — — — —	5,8%	„ „

י. לעשטשינסקי האָט ניט לאַנג אָפּגעשאַצט דעם עווענטועלן גרוים פון דער יידישער ערדאַרבעטערשאַפט אין רוסלאַנד ביז 250 טויזנט. די דאָזיקע ציפער, ווי מיר זעען, איז צו אָפּטימיסטיש. אין דער ווירקלעכקייט, האָבן מיר, אַפּנים, אַ העלפט פון דער דאָזיקער צאָל.

ס׳לוינט ניט ווייטער פאַרטיפן זיך אין דעם אַנאַליז פון זינגערס טאַבעלע וועגן די יידישע קאָלווירטן. ס׳איז אפשר נאָר וויכטיק צו באַטאָנען,

אז ווען ער רעדט וועגן דער ביישטעטלדיקער לאנדווירטשאפט (אויך קאָ־לעקטיוויזירטער), נעמט ער אין אכט ניט נאָר יידישע, נאָר אויך אינטער־נאַציאָנאַלע, ד"ה געמישטע קאָלווירטן. אין לעצטן פאַל פאַרקלענערט דאָס נאָך די צאָל פון די יידישע ערד־אַרבעטער און פאַרמערט די צאָל פון די „אומפּינקטלעכקייטן", וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער סטאַטיסטיק.

די דאָזיקע אומפּינקטלעכקייטן וואַרפן זיך אין די אויגן, ווען מיר וועלן ברענגען אין קורצן די סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער יידישער לאַנד־ווירטשאפט לויט איינצלנע רעפּובליקן, וואָס ל. זינגער גיט אונז. אין קרים, למשל, — די דאַטן באַציען זיך צום 1-טן יאַנואַר 1938, — אין 16 ראַ־יאָנען זיינען געווען 86 איבערוואַנדערישע קאָלכאָזן מיט 4,992 הויפן און 17,938 נפשות. (פאַרן יאָר 1935 זיינען געווען ידיעות, אַז אין קרים האָבן געאַרבעט 25 טויזנט נפשות, וואָס גיט אַ פאַרקלענערונג פון די יידי־שע ערד־אַרבעטער אויף גאַנצע 7 טויזנט נפשות). די דאַטן פון אוקראַינע זיינען אַזוי אָנגעגעבן, אַז מען קאָן זיי גאָרניט פאַרגלייכן מיט די אויבנ־געבראַכטע ידיעות פאַרן יאָר 1935. אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן זיינען פאַראַן 16 טויזנט „קאָלווירטניקעס און אַנדערע איינוווינער", פון וועלכע 80% זיינען יידן. אין ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן לעבן „עטוואָס מער פון 15 טויזנט נפשות, דערין אַ העלפט יידן" (ס'לוינט זיך צו באַמערקן, אַז אין יאָר 1935 איז די ציפער געווען אַ פּרעציזע: 1,791 יידישע משפחות; אפנים, די יידישע באַפעלקערונג אין ראַיאָן האָט זיך פאַרקלענערט פאַר די 4—3 יאָרן). אין סטאַלינדאָרפער ראַיאָן האָט די יידישע באַפעלקערונג געוווינט אין 17 דאָרפראַטן, ווו זי האָט באַטראָפן ביי 3/4 פון דער באַ־פעלקערונג. אין גאַנצן ראַיאָן באַטרעפן די יידן ביי אַ דריטל . . . מען קאָן ניט זאָגן, אַז מען ווערט קליגער פון די דאָזיקע „פאַקטישע" אינפאָרמאַ־ציעס. אין די אַלע ציפערן און כאַראַקטעריסטיקעס שטעקט, געוויס, אַ טענ־דענץ: צו פאַרשמירן דאָס גאַנצע בילד, אַריינטראָגן אומקלאָרקייט אין דער פראַגע פון צייט־טערמינען און אין דער זעלבער צייט באַשטעטיקן, אַז אַלץ איז סאָוועטיש־אָלרייט, אַז אַלץ בעסערט זיך אין דער בעסטער לאַנד פון די סאָוועטן. און מיט אַמאָל טרעפן מיר אין דעם ביכל, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1941 אַ זייער אָפּטימיסטישע כאַראַקטעריסטיק פון דער הויך פון די פאַרדינסטן אין די קאָלכאָזן, וואָס באַציט זיך אָבער צום . . .

יאָר 1936. מיר דערוויסן זיך, אַלזאָ, אַז אין קאָלינינדאָרפער ראַיאָן פאַר־דינען די קאָלווירטניקעס פון 4 ביז 8 קילאָגראַם ברויט אויף אַן ארבעטס־טאָג (טרודאָדיען). דאָס איז זייער אַ וויכטיקער קאָרעקטיוו, ווייל אין יאָר 1935 איז געווען פאַרעפנטלעכט, אַז די קאָלכאָזניקעס האָבן פאַרדינט אין יאָר 1932 ניט 4 אָדער 8 קילאָגראַם ברויט פאַר אַן ארבעטס־טאָג, נאָר 2, 1 און ווייניקער קילאָגראַם. ס'איז געווען זייער וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז די בעסערונג, — אויב זי איז געווען, — איז זי געקומען אין יאָר 1936, — ווייל אין יאָר 1935 האָט מען וועגן איר ניט געקאָנט ריידן.

6.

וועגן „אַגראָדזשאָינט"

איידער מיר וועלן קומען צו אייניקע אויספירן וועגן דעם גורל פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, ווי זי האָט אויסגעזעען צום יאָר 1939, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, מוזן מיר אין קורצן זיך אָפּשטעלן אויף דער ראָלע פון „אַגראָדזשאָינט", וועלכער האָט, אייגנטלעך, אויף זיך גענומען די וויכטיקסטע פונקציע פון פאַרשטאַרקן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד און אין אַ געוויסן זין איז ער געווען דער מאָראַלישער גאַראַנט פאַר דער גנזעלשאַפטלעכער מיינונג פון דעם וועלט־יידנטום פאַר דער ראַיעלקייט פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. כדי ריכטיק אָפּצו־שאַצן די ראָלע פון „אַגראָדזשאָינט" איז גענוג צו האָבן אין זינען, אַז ער האָט אריינגעלייגט אין רוסלאַנד פאַר די יאָרן 1924—1938 מער פון 15 מיליאָן דאָלאַר, פון וועלכע די ראַטן־רעגירונג האָט געדאַרפט אומקערן 5,500 טויזנט דאָלאַר (וועלכע זי האָט ניט אומגעקערט). זע וועגן דעם דעם בריוו פון ד"ר יוסף ראָזען פון 24־טן סעפּטעמבער 1941, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק. וועגן דעם זע אויך די אַרבעט פון מר. יוסף היימאַן, דעם סעקרעטאַר און עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון „דזשאָינט" („25 יאָר"..., ניו־יאָרק, 1939, ז' 27-33; ס'איז פאַרשטענדלעך וואָס מר. הייממאַן האָט געגעבן אַ פּאָזיטיוון סך־הכל פון דער לאַגע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, — אָבער ס'איז אין דער זעל־בער צייט צו באַוואונדערן, אַז ער האָט גאָרניט גענומען אין אכט די שעד־לעכע ווירקונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין די יידישע ישובים, וואָס האָט,

איינגנטלעך, סוף־כל־סוף ארויסגערופן דאָס אוועקגיין פון „אגראָדזשאָינט" פון רוסלאַנד . . .) די פאַקטישע זייט פון די פינאַנציעלע באַציאונגען צווישן „דזשאָינט" און דער ראַטן־מאַכט איז אין אַלגעמיין ווייניק באַקאַנט. דערפאַר איז אפשר צוועקמעסיק ביי דער קנאַפּקייט פון מאַטעריאַל צו שטיצן זיך אויף דער אינפאָרמאַציע פון אָטטאָ העללער („דער אונטערגאַנג דעם יודענטומס", דייטש, 1932, ז' 188), וועלכער דערציילט אונז, אז נאָך דעם אָפּמאַך פון „אגראָדזשאָינט" מיט דער ראַטן־מאַכט פון יאָר 1925 אויף 3 יאָר, אויף 3 מיליאָן דאָלאַר, איז אין יאָר 1928 געוועזן געשלאָסן אַ נייער אָפּמאַך אויף 10—8 יאָר, אויף 10 מיליאָן דאָלאַר. די דאָזיקע סומע ווערט פון דעם „אגראָדזשאָינט" אריינגעטראָגן אַלס אַ הלוואה, פון וועלכער 10% זיינען באַשטימט פאַר דעקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע הוצאות פון „אגראָ־דזשאָינט", — און די רעסט־סומע דאַרף די רעגירונג אומקערן אין משך פון 17 יאָר . . .

ס'איז פאַר אונז וויכטיקער פון דער אויפקלערונג פון די פינאַנציעלע באַציאונגען פון די ביידע שותפים, אויפצודעקן די געזעלשאַפטלעכע זייט פון דער פראַגע, — די באַציאונג פון דעם ראַטן־רעזשים צו דער רעפּרע־זענטאַנץ פון דער יידישער אַמעריקע אין רוסלאַנד.

מיר האָבן צוויי באַווייזן וועגן דעם — פון דער צייט, ווען דער „אגראָדזשאָינט" איז נאָר וואָס צוגעטראָטן צו דער אַרבעט און פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די קאָלעקטיוויזאַציע האָט שוין אַריינגעבראַכט אירע ווירקונגען אין יידישן דאָרף. אין סאַמע באַגינען פון דעם ענין איז דער פאָרזיצער פון „ציאַק", מ. קאַלינין, אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע אויף דעם צוזאַמענפאָר פון „געזערד", און צווישן אַנדערן האָט ער גערעדט וועגן דער אַמעריקאַנער הילף: „מיר פאַרמאָגן אין קרים און אַרום קרים פּאַסנדע ערד־פאָנדן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער זיי פאָדערן פאַר זייער באַאַר־בעטונג זייער גרויסע געלדער, אַ באַדייטנדיקן קאַפּיטאַל. די ראַטן־רעגי־רונג קאָן ניט פאַרווירקלעכן אַזאַ פּלאַן מיט אירע אייגענע מיטלען. פון דער אַנדער זייט אָבער, די ראַטן־רעגירונג שטערט ניט, אז די יידן־איבערוואַנ־דערער זאָלן באַקומען הילף פון די יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס געפינען זיך מחוץ דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אין אויסלאַנד, ווייל ביי אונז אין ראַטן־פאַר־באַנד האָבן מיר די יידן־קאַפּיטאַליסטן ברוך־השם באַצייטנס ליקווידירט (אָפּלאָדיסמענטן); ניט פיזיש האָבן מיר זיי ליקווידירט, נאָר מיר האָבן

ליקווידירט זייערע קאַפּיטאַלן . . . און דאָ פאַלן צונויף די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג פון די מאַסן מיט די נאַציאָנאַלע געפילן פון די יידישע קאַפּיטאַליסטן מחוץ פון ראַטן־פאַרבאַנד . . .

„איך מיין, חברים, — שמייכלט צו דער רעדנער, — ניט אַ נדבה נעמען מיר אָן פון די מערב־קאַפּיטאַליסטן, פונם „דזשאָינט", נאָר מיר נעמען ביי זיי דאָס, וואָס קומט אונז, און דערביי פאַרזאָרגן מיר זיי מיט עולם־הבא" . . . אַזוי האָט קאַלינין אָפּגעפּטרט די פראַגע וועגן די אויסלענדישע „יידן־קאַפּיטאַליסטן". אַפּנים האָט ער דאָ אין זינען דעם פאַקט, וועגן וועלכן עם דערציילט יוסף היימאַן אין זיין בראָשור, אַז פון דעם דראַיוו אויף 8 מיליאָן דאָלאַר האָבן פּריוואַטע מענטשן פאַרשפּראָכן, אויף אַ באַראַטונג ביי יוליוס ראָזענוואַלד, גאַנצע 5 מיליאָן דאָלאַר לטובת דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. אָבער ניט נאָר פון דער פּרינציפּיעלער זייט האָט דער אָפּמאַך מיט די יידן־קאַפּיטאַליסטן אַרויסגערופן ספקות אין דער קאָמוניסטישער סביבה. ס'זיינען געווען נאָך אַנדערע ספקות פון אַן אַנדער מין: פאַרוואָס נאָר פאַר יידן? פאַרוואָס מיט יידן? און קאַלינין האָט געענטפערט אין די אָפיציעלע „איזוועסטיא" (דעם 11־טן יולי 1926) דעם קאָמסאָמאָלעץ אָוסאַיניקאָוו, וועלכער האָט אויסגעדריקט די אומצופרידנהייט, — אַז די באַזעצונג פון קרים קאָסט זייער פיל; פאַר יעדער דיעסיאַטין דאַרף מען אויסגעבן עטלעכע הונדערט רובל. „ניט ביי דער ראַטן־רעגירונג, ניט ביי דער באַפעלקערונג, וואָס איבערוואַנדלט אין סיביר, זיינען ניטאָ אַזעלכע געלדער. אַזאַ סכום קאָן זיין אָנגעזאַמלט נאָר אין אויסלאַנד, וואָס די יידן פילן טאַקע אויס!"

מיט 8 יאָר שפּעטער האָט דער קאָמוניסט י. קאַנטאָר אומגעקערט זיך צו דער פראַגע וועגן „אַגראָדזשאָינט", „יקאַ", „אָרט", מיט וועלכע עס איז געווען זייער ענג פאַרבונדן אין משך פון יאָרן די יידישע אַרבעט. „ס'וואָלט געווען ניט ריכטיק, — שרייבט ער, — אונטערצושטרייכן נאָר די נעגאַטיווע זייטן פון דער טעטיקייט פון די יידישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס". די דאָזיקע טעטיקייט, אחוץ די פּראַקטישע רעזולטאַטן און אחוץ דעם, וואָס זיי האָבן „אַריינגעבראַכט די אויסלענדישע וואַליוטע", האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע פאַר דעם צוועק „צו פאַרשפּרייטן ריכטיקע ידיעות וועגן ראַטן־פאַרבאַנד און פאַר דער פּאָפּולאַריזאַציע אין אויסלאַנד פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קאָמפּאַרטיי און פון דער ראַטן־מאַכט".

אָבער אין דער זעלבער צייט רוקט אַרויס דער מחבר די אַנדערע זייט פון דער מטבעה און ער זאָגט, אַז „פון דעם „קאָמערד" און פון דעם „געזערד" איז געווען ניט גענוג אָפּגעשאַצט די סכנה פון אַריינדרינגען דורך די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס די פרעמדע און פיינטלעכע אידעען פאַר אונז", דאָס הייסט די בורזשואַזע טענדענצן. די דאָזיקע געפערלעכע טענדענצן האָבן זיך, אפנים, אויסגעדריקט אין דער אָפּאָזיציע, וואָס דער „אַגראָדזשאָינט" און זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער האָבן געמאַכט צו די פרווון אַריינצופירן אין די יידישע קאָלאָניעס די דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע. די סאָוועט־רעגירונג האָט טאַקע אָנגעווענדעט שאַרפע רעפּרעסיעס קעגן די אָפּאָזיציאָנערן, וואָס זיינען געווען אין אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז דאָ אפשר דער פּלאַץ צו דערמאָנען, אַז אַלע סאָוועטישע בירגער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון „אַגראָדזשאָינט" אָדער אין „אָרט־פאַרבאַנד", סיי אַלס געזעלשאַפטלעכע טוער, סיי אַלס מיטאַרבעטער פון אַפּאַראַט, זיצן שוין יאָרן לאַנג אין די געפענגעניסן אָדער אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און דאָס האָט אויך פאַקטיש אַרויסגערופן דעם איבעררייס פון דער מיטאַרבעטערשאַפט, וואָס האָט אין משך פון יאָרן עקזיסטירט צווישן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס און דער ראַטן־מאַכט אויפן געביט פון דער יידישער אַרבעט.

7.

אַ פּאָר אויספירן

צוויי אויספירן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער דאַרפן מיר, לויט אונזער מיינונג, מאַכן פון דער דערפאַרונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד:

1) ווי אַזוי מיר זאָלן ניט באַאורטיילן די ווירקונג פון דער אַגראַר־פּאָליטיק פון דער רעגירונג אויף דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, — ס'איז איבעריק איבערצוחזרן די שרעקלעכע ווירקונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, — איז אַלנפאַלס קלאָר, אַז די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז אונטערן דרוק פון דער נויט, געגאַנגען אויף ערד־אַרבעט, — איז געבליבן אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, און אַלס אַזעלכע זוכט זי באַשעפטיקונג אין שטאָט: אין אינדוסטריע, ביי מלאָכה, אַלס באַאַמטע און אָנגעשטעלטע,

און פאַר אירע קינדער קלייבט זי אוים סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק שטאָטישע פּראָפעסיעס און באַשעפטיקונגען. דערפאַר הויפּטזעכלעך, אָפּגעזען פון דער ווירקונג פון אַנדערע פאַקטאָרן, — האָט זיך ניט איינגעגעבן די גרויסע פּראָגראַם פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, און דערפאַר האָט זיך ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעוויזן דער פּראָצעס פון דער אָפּשוואַכונג פון דעם אָנטייל פון די יידן אין לאַנדווירטשאַפט, וועלכער איז געווען פאַרשנעלערט מיט דעם גאַנג פון אינדוסטריאַליזאַציע אין לאַנד.

2) וואָס עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון אָנהויב אָן פון דער קאַמפּאַניע פאַר דער יידישער ערד־איינאָרדענונג איז ניט אַזוי דער ווילן צו העלפן די דעקלאַסירטע יידן צו מאַכן אַ נייעם לעבן, ווי די באַגייסטערונג פאַר אַ פּלאַן צו שאַפן גרויסע יידישע קיבוצים, — אַלס די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע פאַר דער קאָנצענטרירטער יידישער עמיגראַציע, וואָס האָט דעם ציל צו שאַפן אַ יידישע טעריטאָריע, אַ מלוכהשן איינס, אַ יידישע רעפּובליק. די דאָזיקע טעריטאָריאַליסטישע אילוזיע איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָט אויפגעוועקט די סימפּאַטיעס אין פאַרשיידענע קרייזן סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד, פאַר דעם „קרימער פּראָיעקט" אָדער, שפּעטער, פאַר בירא־בידזשאַן. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז די אַלע טעריטאָריאַליסטישע כוונות זיינען צערונען געוואָרן. ניט די רעגירונג, ניט די אַרומיקע ניט־יידישע באַפעלקערונג האָבן ניט געוואָלט פאַרווירקלעכן אַ פּלאַן פון אַ יידישער רעפּובליק אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער אין דער דאָזיקער ריכטונג איז געגאַנגען אויך די אינעווייניקסטע אַנטוויקלונג פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז נאָך אַ זייער קורצן און נעפּלדיקן גלאַנץ־פּעריאָד אַריינגעטראָטן אין אַ סטאַדיע פון דעגראַדאַציע, פון באַרג־אַראָפּ. די ציוניסטן, וועלכע האָבן געזען אין די טעריטאָריאַליסטישע פּלענער אין רוסלאַנד, כאָטש אַ קאָנקורענץ־פּלאַן, נאָר פאָרט אַ טעאָרעטישע באַרעכטיקונג פון זייערע אייגענע פּלענער פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל; געוועזענע בונדיסטן, וואָס האָבן זיך מיט אַמאָל פאַראייניקט מיט די געוועזענע ציוניסטן־סאָציאַליסטן און דערזען די פּערספּעקטיוו פון דער „קאָנסאָלידאַציע פון דער יידישער נאַציע" אין אַ יידישער רעפּובליק, געבויט אויף קאָמוניסטישע יסודות; די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געפונען פאַר זיך אַן אויסוועג אויף די נאַציאָנאַל־יידישע דרכים און אַ נייעם אינהאַלט פאַר זייער וועלט־פּראָפּאַגאַנדע

אין דעם פּלאַן פון אַ יידישער רעפּובליק, — זיי אַלע האָבן געפילט, אַז דער טעריטאָריאַליסטישער פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבן, — און ניט דערפאַר, ווייל די מאַכט האָט אים ניט אונטערגעשטיצט, — נאָר הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל די אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע האָט קלאָר און בולט עדות געזאָגט, אַז ס'איז ניט מעגלעך צו שאַפן אויף אַ מער אָדער ווייניק אָרגאַנישן אופן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע פאַר אַ יידישער רעפּובליק אין רוסלאַנד. און אָן אַזאַ באַזע, אָן אַ קלאַס פאַר יידישע פּויערים, קאָן קיינער זיך ניט פאָרשטעלן אַ יידישע טעריטאָריע, אַ יידישע מלוכה.

V. די אינדוסטריאַליזאַציע

1.

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

אזוי ווי אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט א טיפע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, אזוי ווי אמאָל אין ענגלאַנד אָדער אין אמעריקע, — אזוי איז אויך אין ראַטן-פאַרבאַנד דער גרויסער פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזירונג פון דער גאַנצער פאָלקס-ווירטשאַפט געווען באַגלייט מיט א מאַסן-פּראָלעטאַריזירונג פון דער באַפעלקערונג. נאַטירלעך — און דאָס איז געווען אין ראַטן-פאַרבאַנד נאָך מער ווי אומעטום — האָט דאָס פּיל-מיליאָניקע דאָרף געגעבן די גרויסע אַרבעטער-קאַדרען פאַר דער ניי-געבוירענער אינדוסטריע. אָבער אין ראַטן-פאַרבאַנד האָבן עקזיסטירט נאָך א פּאָר פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געווירקט אין דער ריכטונג, אַז ניט נאָר די דאָרפישע, נאָר אויך די שטאָטישע באַפעלקערונג זאָל אין די מאַסן קומען אין די פאַבריקן און זאַוואָדן און נעמען א דירעקטן אָנטייל אין דער גרויסער אויפבוי-אַרבעט.

דאָס איז געווען, ערשטנס, דערפאַר, ווייל ביז דעם ערשטן פינפיאָר-פּלאַן האָבן זיך אין אַלע שטעט אָנגעזאַמלט זייער פיל דעקלאַסירטע מענטשען, וואָס זיינען געווען אַרויסגעשטויסן פון זייערע אַלטע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס דורך דעם צעשטערונגס-פּראָצעס, דורך נאַציאָנאַליזאַציעס און קאָנפיסקאַציעס אין די ערשטע צען יאָר פון דער ראַטן-מאַכט. אין דער היגזיכט איז ווינטשנסווערט צו געדענקען, אַז צום סוף „נעפּ", אין יאָר 1928, האָט מען גערעכנט די צאָל דעקלאַסירטע יידן ביז 40—35 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע דעקלאַסירטע האָבן, נאַטירלעך, געפונען פאַר זיך דעם אויסוועג הויפּט-זעכלעך אין די אינדוסטריאַליזירונגס-אַרבעטן.

צווייטנס, האָט דער גראַנדיעזער פּאַרנעם פון די פינפיאָר-פּלענער,

וועלכע סטאַלין האָט דורכגעפירט, — דאָס גאַנצע בילד פון דער איבער־אינדוסטריאַליזירונג, מיט אירע טעמפּן און טענדענצן („דעריאַגן און איבעריאָגן") געפאָדערט אַזוי פיל אַרבעטס-הענט אויף אַלע געביטן, אַז ס'איז ניט נאָר אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַרבעטסלאָזיקייט, נאָר עס האָבן נאָך אויסגעפעלט קאַדרען, — סיי קוואַליפיצירטע, סיי ניט־געשולטע. אַזוי־אַרום האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, וועלכע האָט געמוזט ברענגען צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג. ווען די צאָל פון אַרבעטער אין גאַנץ רוסלאַנד האָט דערגרייכט צענדליקער מיליאָנען (אין 1937 האָט מען אָנגענומען די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פאַר 26 מיליאָן, — פון זיי אַן ערך 17 מיליאָן אַרבעטער און 9 מיליאָן אָנגעשטעלטע), דאַרף מען זיך גאָרניט וווּנדערן, וואָס די יידן קאָנען אַריינרעכענען צווישן זיי אַ מיליאָן, — צו אַ האַלב־מיליאָן פּראָלעטאַריער און אָנגעשטעלטע. די באַדנלאָזע און רואינירטע קליין- און מיטל־בורזשואַזיע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מערהייט פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, — איז אַוועק אין די גרויסע אינדוסטריעס און האָט אין טויזנטער אַוועקגעשיקט אויף די פאַבריקן די זין און די טעכטער.

און נאָך אויף אַ וויכטיקער דערשיינונג דאַרפן מיר דאָ אָנווייזן. ווי עס איז באַקאַנט, איז אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַר די פינפיאָריקע אויסגעפורעמט געוואָרן הויפּטזעכלעך די שווער־אינדוסטריע, — ריכטיקער געזאָגט, די קריגס־אינדוסטריע, און אַזעלכע צווייגן פון איר, וועלכע קאָנען זייער שנעל דינען פאַר די צוועקן פון לאַנד-פאַרטיידיקונג. און ווי עס איז אויך באַקאַנט, איז די לייכטע אינדוסטריע, וועלכע באַדינט די טאָג־טעגלעכע נויטן פון דער באַפעלקערונג, פאַרבליבן אין הינטערגרונד און איז זייער אָפּגעשטאַנען. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך דער תּקופה פון די צוויי פינפיאָר־פּלענער זיך ראַדיקאַל פאַרענדערט אין זיין באַרופלעכן, פּראָפעסיאָנעלן באַשטאַנד: אַ גאַנץ גרויסע צאָל „יידישע" פּראָפעסיעס, ווי שניידער און שוסטער, זיינען פאַרבליבן, — אָבער זייער פיל פון די יידישע אַרבעטער אַרבעטן אין די גרויסע אינדוסטריעס (מאַשינען־בוי, טראַנספּאָרט, עלעקטריפיקאַציע אאַז"וו), — און אַרבעטן ניט אין קליינע אַרבעטער־וואַרשטאַטן, נאָר אין גראַנדיעזע אונטערנעמונגען, — אָפּט „גיגאַנטן", — האָבנט ביי האַנט מיט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציעס.

ווי מען זאָל זיך ניט באַציִען צו די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון פון סאָוועטישן עקספּערימענט, און ווי ביטער ס'זאָלן ניט זיין נאָך ביז היינט די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די דורכשניט-אַרבעטער אין ראַטן־פאַרבאַנד, — דאַרף מען אָבער אָנערקענען די גרויסע וויכטיקייט פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון די דאָרטיקע יידן. לאָמיר איצט אַריבערגיין צו די פאַקטן און ציפערן, אַזוי ווי זיי זיינען אונז געגעבן פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן פון די אָפיציעלע קוואַלן, וואָס קאָנען אונז געבן די פאָרשטעלונג וועגן די אויסערלעכע און אינעווייניקסטע ענדערונגען אין דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד.

2.

נייע אַרבעטער קאַדרען

אין די ערשטע יאָרן, פאַר דער אינדוסטריאַליזירונגס־תּקופה, זיינען די אַרבעטער, די פּראָלעטאַריער, געווען הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט די אָנגעשטעלטע. דאָס קאָן מען זען פון דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

	פאַר דער רעוואָלוציע	1926/27	1929/30
יידישע אינד. אַרבעטער	4%	12,6%	16,3%
יידישע אַרבעטער ביי קוסטאַרן	11%	3,7%	2,6%
יידישע אָנגעשטעלטע	10%	24,8%	27,8%

די צאָל אָנגעשטעלטע האָט דערגרייכט 27,8% פון דער זעלבסטשטענדיקער באַפעלקערונג, אין דער צייט ווען די אינדוסטריעלע אַרבעטער צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון דער האַנטווערקער־אינדוסטריע האָבן באַטראָפן 18,9%. אין 1930 האָבן זיך אָבער גיך אַנטוויקלט די אינדוסטריאַליזירונג־אַרבעטן, און אין דער צייט, ווען די אַרבעטער ביי די קוסטאַרן זיינען געוואָרן אַלץ ווייניקער, האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן די צאָל פון יידישע אַרבעטער אין דער גרויס־אינדוסטריע. די פּראָלעטאַריער האָבן אַזוי ווי געוואָלט אָניאָגן די צאָל פון די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. די פאָלגנדיקע טאַבעלע גיט אין אַבסאָלוטע ציפערן אָט דעם דאָזיקן פּראָצעס פון דעם וווּקס פון די יידישע אַרבעטער:

אין 1926 זיינען געווען — — — — 153 טויזנט אַרבעטער
„ 1930 „ „ — — — — 227 „ „
„ 1931 „ „ — — — — 242 „ „
„ 1935 „ „ — — — — 560 „ „

דאָס זעלבע בילד גיט אונז די סטאַטיסטיק פון די אָרגאַניזירטע אַר־בעטער און אָנגעשטעלטע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אויפן 1־טן אָקטאָבער 1925 האָט מען גערעכנט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען 38,308 יידישע מיטגלידער. פון זיי זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע — 21,637, צווישן די אָנגעשטעלטע פון קולטור־אַדמיניס-טראַטיווע און האַנדלס־אונטערנעמונגען — 12,309, אויפן טראַנספּאָרט און פאַרבינדונגס־אָרגאַנען — 1,504, פאַרשיידענע באַרופן — 1,155, און אין לאַנדווירטשאַפט און וואַלד־ווירטשאַפט — 703. מיט פינף יאָר שפּע־טער איז געווען דורכגעפירט אַ ספּעציעלע ציילונג צווישן די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס האָט באַוויזן צום יאָר 1930 — 208,347 יידן־מיטגלידער (11,79%) אין אוקראַינע און 61,172 (24,72%) אין ווייסרוסלאַנד. די סטאַטיסטיקער האָבן געפונען פאַר נויטיק אַליין צו באַמערקן, אַז די „דאַטן קאָנען זיך ניט באַרימען מיט דער אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט", באַזונדערס בנוגע ווייסרוסלאַנד אין יאָר 1929, — אָבער טראָץ דעם זיינען די טאַבעלן, וואָס מיר ברייגנען דאָ ווייטער, פון אַ גאַנץ גרויסן אינטערעס. (זע דאָס בוך „די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער אַלר. קאָמפּאַרטיי אין ציפערן", 1930, פאַרלאַג פון דער קאָמאַקאַדעמיע).

די צאָל פון די מיטגלידער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער פּראָצענט פון די יידישע מיטגלידער צווישן זיי איז געווען אין אוקראַינע:

פּראָפ. פאַראיין	אַלג. צאָל	% פון די יידן
נאָדל	19,075	66,84
גאַרבער	21,826	48,57
דרוקער	17,628	42,32
האָלץ-אַרבעטער	17,065	29,35
סאָוו. האַנדל. אָנגעשטעלטע	186,810	23,25
מעדיק. סאַנ. אַרבעטער	80,702	26,68
שפּייז אַרבעטער	62,918	27,06
טעקסטיל	17,471	23,10
קונסט-אַרבעטער	10,903	37,18
מעטאַליסטן	227,062	8,41

אַן אַנדערע פּאַרטײלונג צווישן די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראײנען באַמערקט זיך אין ווײסרוסלאַנד, וווּ דער באַדײט פון דער ײדישער אַרבעט איז פיל גרעסער, כאָטש די אַלגעמײנע צאָל אָרגאַני־זירטע אַרבעטער איז פיל קלענער אין פאַרגלײך מיט אוקראַינע.

פּראָפ. פּאַראײנען	אַלג. צאָל	% פון די ײדן
מעטאַליסטן	6,460	37,06
גאַרבער	6,030	73,12
שפּײז-אַרבעטער	7,053	44,53
טעקסטיל	4,744	35,43
נאָדל	4,912	85,95
דרוקער	2,861	70,26
האָלץ-אַרבעטער	9,020	35,17
מעד. סאַנ. אַרבעטער	2,862	32,39
סאָוו. האַנדל. אָנגעשטעלטע	29,261	34,41
קונסט-אַרבעטער	1,792	47,15

ווען מיר וועלן אַראָפּרעכענען פון דער צאָל מיטגלידער פון די פּראָפּ. פּאַראײנען אַזעלכע פּראָפּ. פּאַראײנען, ווי ראַטן־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, מעד. סאַנ. אַרבעטער, קונסט־אַרבעטער, וועלן מיר זען, אַז אויפן ערשטן פּלאַן שטײען די אָרגאַניזירטע ײדישע פּראָלעטאַריער אין נאָדל־פאַך, די גאַרבער און די דרוקער — פון אײן זײט, און אַז צווישן מעטאַליסטן פאַר־נעמען זײ אין אוקראַינע, וווּ ס'זײנען געווען גרויסע מעטאַלורגישע און מעכאַנישע פאַבריקן, אינגאַנצן 8,41%. אין ווײסרוסלאַנד דאַמאָלסט, פאַר דער אינדוסטריאַליזירונגס־תּקופה האָבן ניט עקזיסטירט קײן גרויסע פאַבריקן און די מעטאַליסטן זײנען געווען פאַרשפּרײט איבער קלײנע אונ־טערנעמונגען. און טראָץ דעם זײנען פאַראַן ידיעות אויך וועגן ווײס־רוסלאַנד, וואָס שטעלן פעסט, אַז אַפילו פאַרן יאָר 1929 האָט דער ײדי־שער אַרבעטער געפונען פאַר זיך אַ בכבודיקן פּלאַץ אין די גרעסערע אונ־טערנעמונגען.

י. לעשטשינסקי ברענגט אַרויס פון די אָפיציעלע קוואַלן אַ סטאַ־טיסטיק וועגן 52 פאַבריקן מיט מער פון 100 אַרבעטער אין ווײסרוסלאַנד און גיט אָן דעם פאָלגנדיקן פּראָצענט פון די ײדן אין זײ:

פאַבריקן מיט	צאָל פאַבריקן	אַלג. צאָל אַרבעטער	דערפון יידן־אַרבעטער	%
200—100	14	2,285	1,197	52,4
500—200	18	5,649	2,535	44,2
1,000—500	13	9,323	3,943	42,3
2,000—1,000	7	10,639	3,264	39,2

אין דעם זעלבן יאָר 1929, ווען די יידן האָבן אויסגעמאַכט אין אוקראַינע לגבי דער גאַנצער צאָל באַשעפטיקטע אין נאָדל־פאַך 67%, האָבן זיי אין דער באַרג־אינדוסטריע פאַרנומען ניט מער פון 0,8%. ווי ס'איז באַקאַנט, דער פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזירונג האָט געבראַכט, צווישן אַנדערע ענדערונגען, אויך דעם פאַקט פון דער פאַרשפּרייטונג פון די יידישע אַרבעטער איבער דעם גאַנצן שטח פון לאַנד. ס'זיינען אַריינגעדרונגען אין דער אינדוסטריע פילע שטעט, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם געוועזענעם תחום המושב, ווו ס'זיינען פון שטענדיק אָן געווען מער ווייניקער ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן, נאָר די לעצטע זיינען וואָס ווייטער „צעזייט און צעשפּרייט" געוואָרן אומעטום, ווו ס'זיינען פאַראַן גרויסע פאַבריקן: מאָסקווע, לענינגראַד, גאָרקי, אָדעס, קיעוו, כאַרקאָוו, אוראַל־געגנט. יידישע אַרבעטער, אָפט אין די טויזנטער זיינען באַשעפטיקט אין דעם מעטאַלורגישן גיגאַנט אין דניעפּראָפּיעטראָווסק, אויף דעם טראַקטאָרן־זאַוואָד אין כאַרקאָוו, אויף דעם לאָקאָמאָטיוו־זאַוואָד אין לוגאַנסק, אויף דעם שיף־בוי־זאַוואָד אין ניקאָלאַיעוו, אַפילו אין די קוילן־שאַכטעס אין דאָן־באַס און קוז־באַס אאַז"וו. ס'איז ניט לייכט געווען פאַר אַ דורכשניטלעכן יידישן אַרבעטער צוצופּאַסן זיך צו די נייע און שווערע באַדינגונגען, באַזונדערס אין דער אָנפאַנג־סטאַדיע פון בויאונג. ס'איז זייער שווער געווען צופּאַסן זיך צו דער נייער, פרעמדער, פיל־נאַציאָנאַלער סביבה און אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די זין פון פּויערים, וואָס זיינען צוגעוווינט צו אַזעלכע פּרימיטיווע לעבנס־אומשטענדן, וואָס זיינען שוין געווען איבערגעווינדעט פון דעם יידישן, אַפילו קליינשטעטלדיקן אַרבעטסמענטש.

י. קאַנטאָר דערציילט אין זיין אַרבעט „די אויפבוי־אַרבעט צווישן יידן", 1934, אַז „די ערשטע פּאַרטיעס פון דער יידישער יוגנט, וואָס זיינען געווען אַריבערגעפאָרן אין דניעפּראָ־פּיעטראָווסק און דאָן־באַס האָבן גע-

געבן א גרויסן אפפלוס", ד"ה פילע פון זיי האבן פארלאזן די ארבעטס־שטע־
לעס. פארוואס? וועגן דעם לייענען מיר ווייטער: „די אנגעקומענע יידישע
ארבעטער, הויפטזעכלעך, די יוגנט, זיינען אריינגעפאלן אין זייער שלעכ־
טע באדינגונגען בנוגע וווינונגען און דער מאטעריעלער לאגע. זיי האט
מען שטענדיק געשטעלט אויף די אומקוואליפיצירטע ארבעטן, וואס גיבן
זייער א קנאפן פארדינסט, וואס האט ניט געסטאיעט צום לעבן . . . ס'איז
געווען שטארק דער פאראורטייל, אז די יידן טויגן ניט פאר פיזישע אר־
בעטן . . . און אחוץ דעם, זיינען געווען פאלן פון אנטיסעמיטיזם, אפילו
פון איזדעקוועען זיך איבער די יידישע ארבעטער".

.3

דער וווקס פון דעם יידישן פראלעטאריאט

צום יאר 1931 זיינען געווען דורכגעפירט נייע אנקעטעס, וואס האבן
באוויזן דעם ווייטערדיקן וווקס פון די יידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע.
זייער צאל האט זיך פארטאפלט פאר די פינף יאר: 1926—1931. די
סטאטיסטיקער האבן אפילו אויסגערעכנט, אז פאר איין יאר (?), פון 1930
ביז 1931 איז די צאל יידישע ארבעטער אויסגעוואקסן אויף גאנצע 40%.
ל. זינגער („דער נאציאנאלער באשטאנד פון דעם פראלעטאריאט
אין פ.ס.ס.ר.", 1934) ברענגט אזא סטאטיסטישע טאבעלע:

צאל יידישע ארבעטער	1926	1931
אין אוקראינע	93,2 טויז.	195 טויז.
" ווייסרוסלאנד	25,2 "	52 "
" ר.ס.פ.ס.ר. און אנד.	34,6 "	95 "
צוזאמען	153,0 טויז.	342,0 טויז.

פאר דעם לעצטן יאר, 1931, האבן מיר צוויי טאבעלן, וואס גיבן א
בילד פון דער אלגעמיינער צאל פון יידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע
לויט זייער פארשפרייטונג איבערן לאנד, אויך וועגן דער פארטיילונג אי־
בער די וויכטיקסטע געביטן פון פאלקסווירטשאפט.

מיר נעמען ארויס די טאבעלן (ביי ל. זינגערן), ווייל זיי באווייזן דעם
פראצעס פון וווקס, וואס איז געווען פארבונדן מיט דעם ערשטן „פינפיאר־
פלאן".

אין 1931 האָט מען גערעכנט:

אין אוקראַינע — — —	384	טויזנט יידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע
„ ווייסרוסלאַנד — —	86,6	„ „ „ „
„ מאָסקווער געגנט —	119,7	„ „ „ „
„ לעני נגראַדער געג. —	68,7	„ „ „ „
„ קרימער אויט. רעפּוב.	9,4	„ „ „ „
„ צפון קאַווקאַז — —	18,1	„ „ „ „
„ אַנדערע טעריטאָריעס	100,5	„ „ „ „
צוזאַמען — — — — —	787,0	

די פאַרטיילונג לויט די פּראָצענטן אין פאַרשיידענע ווירטשאַפטס-געביטן פאַרן יאָר 1931 איז געווען אַזאַ:

	אין אינדוסטריע	טראַנספּאָרט	סאָוו. אַנשטאַלטן	אויפבוי-אַרבעט
אוקראַינע	51,7%	3,9%	35,5%	8,9%
ווייסרוסלאַנד	58,0	4,8	29,2	8,0
מאָסקווער געגנט	39,8	2,3	52,2	5,7
לעני נגר. געגנט	48,1	3,8	44,5	3,6
קרים	49,3	4,5	46,2	— —

לויט דער ציילונג פון די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פאַרן יאָר 1931 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין מאָסקווע האָבן די יידן אין די פאַראיינען באַטראָפן 55,801 (4,3%) און אין לענינגראַד — 46,7 טויזנט (5,6%). ס'איז אפשר אינטערעסאַנט אָנצוווייזן, אַז אין לעצטן פּונקט, אין לענינגראַד, האָבן די פרויען צווישן די יידישע פּראָפ. פאַראיינען-מיטגלידער באַטראָפן 19,092 (40,9%). די פּראָפ.-פאַראיין-ציילונג פון יאָר 1931, וועלכע איז אָנגענומען אַלס אַ מער פּינקטלעכע, האָט געגעבן פאַר אוקראַינער יידן-מיטגלידער — 240,372 (12,4%) און פאַר ווייסרוסלאַנד — 55,090 (23,2%).

צו דער דאָזיקער צייט איז שוין קלאָר געוואָרן דער שטייגנדיקער פּראָצעס פון דעם איבערברוך אין די אַזוי-גערופענע יידישע פּראָפעסיעס. אין 1929 האָבן אין ווייסרוסלאַנד די יידישע אַרבעטער באַטראָפן אין נאָדל-פאַך — 86,2 פּראָצענט, אין לעדער-פאַך — 73,4 פּראָצ', ביי די דרוקער 70,5 פּראָצ'. לויט אַנדערע דאַטן האָבן די יידן אין די פיר טראַדיציאָנעלע

יידישע פאכן (נאָדל, לעדער, דרוקער און שפּייז־אינדוסטריע) געבילדעט אין יאָר 1929:

אין אוקראַינע — — — — — — — — — 53,6 פּראָצ'
„ ווייסרוסלאַנד — — — — — — — — 59,7 „

פון יאָר צו יאָר אָבער האָט זיך פאַרקלענערט די צאָל אַרבעטער אין די יידישע פּראָפעסיעס און זיינען אויף זייער רעכענונג אויסגעוואַקסן נייע פאכן. באַזונדערס באַמערקט זיך דער וווּקס פון די מעטאַליסטן, וואָס האָבן, למשל, אין אוקראַינע געבילדעט:

אין 1926 — — — — — — — — — — 13,612
„ 1931 — — — — — — — — — — 51,600

און צווישן די מעטאַליסטן האָבן די יידן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף פאַרשיידענע בראַנזשעס, ווי מען קאָן זען פון דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

אין מאַשינען־בוי־אַרבעט האָבן געאַרבעט — — 23,300
„ לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען־בוי — — — 8,600
„ טראַנספּאָרט־מאַשינען־בוי — — — — — — 8,100
„ עלעקטראָטעכניק — — — — — — — — 4,000
„ דער שווערער מעטאַלורגיע — — — — — 7,600

י. קאַנטאָר, וועמען מיר האָבן שוין ניט איינמאָל ציטירט, שרייבט וועגן דעם אַריינדרינג פון די יידן אין פאַרשיידענע אינדוסטריעס פאָלגנ־דיקעס: „ס'איז ניטאָ כמעט קיין איין גרויסע פאַבריק, ווו ס'וואָלטן ניט זיין הונדערטער און אָפט טויזנטער יידישע אַרבעטער. ס'איז לייכט אין דעם זיך צו איבערצייגן, ווען מען באַזוכט אַזעלכע אינדוסטריעלע גיגאַנטן, ווי דער דינאַמאָ־זאַוואָד אויף סטאַלינס נאָמען, עלעקטראָ־זאַוואָד א"א אין מאָסקווע, רויטער פּוטילאָווער, סקאָראָכאָד א"א אין פּעטערבורג, סעל־מאַש, אוראַלמאַש, מאַגניטאָגאָרסק, כאַרקאָווער פּאַראַוואָזא־סטראָיטעלנער זאַוואָד אויפן נאָמען פון פּעטראָווסקי, אויפן נאָמען פון מאַרטי אאז"וו". (ז' 145).

בנוגע די מעטאַל־אַרבעטער אין אוקראַינע וועלן מיר ברענגען נאָך אַ פּאָר דאַטן: אין דער צייט, ווען אין 1926 זיינען דאָ יידן געווען

אינגאנצן 4%, האט זיך אין 1933 דער פראצענט אויפגעהויבן ביז 28,4%. און ס'זיינען פאראן אייניקע דאטן, וואס מאכן דעם אנטייל פון די יידן אין דער מעטאל־אינדוסטריע קאנקרעטער: פון זיי האבן געארבעט אין דער מעטאלורגיע 8,009 יידישע ארבעטער, אין מאשינען־בוי — 7,797, אין דער אויטא-אוויא-עלעקטראטעכניק — 6,114, אין דער כעמישער אינדוסטריע — 4,332 יידישע ארבעטער. און אין דער זעלבער צייט איז געפאלן די צאל פון די יידישע שניידער און שוסטער. אין דער צייט, ווען פאר דער רעוואלוציע האבן זיי געבילדעט ניט ווייניקער, ווען ניט מער, פון 50% פון אלע יידישע ארבעטער, איז זייער פראצענט צום יאר 1935 געפאלן ביז 23% אין אוקראינע און ביז 33% אין ווייסרוסלאנד.

מיר האבן געקאנט זייער פיל דערוואַרטן נייעס פאר דער כאראקטע־ריסטיק פון דעם אריינדרינג סיי אין דער אינדוסטריע און סיי אין דעם מלוכה- און פארטיי־אפאראט, — ווען די פאלקס־ציילונג פון 1939 וועט זיין סוף-כל־סוף פאנאנדערגעארבעט אויך בנוגע איינצעלנע פעלקער. ל. זינגער האט אין זיין ביכל, וואס איז ארויס אין 1941, כמעט ווי פארשפראכן אונז צו דערציילן, ווי אזוי עס זעט אויס די יידישע ארבעטערשאפט און דאס יידישע באאמטנטום ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. צום באדויערן, זיי־נען מיר פולקאם אנטוישט געווארן פון זיין ארבעט אין דער דאזיקער הינ־זיכט. ס'איז דער ביטערער צושטאנד פון דער סאוועטישער סטאטיסטיק, ווען נאך דער פאלקס־ציילונג פון 1939, מוז מען זיך שטיצן ניט אויף די אנגאבן צו דעם דאזיקן טערמין, נאר אויף גאנץ אלטע מאטעריאלן, וואס זיינען אונז שוין באקאנט פון פריער. ל. זינגער כאראקטעריזירט דעם פראצעס פון אינדוסטריאליזאציע פון דער יידישער ארבעט, ווי זי האט זיך פאנאנדערגעוויקלט אין די יארן 1936—1937, אפילו אין די יארן 1929—1930, — און ער טוט דאס דערפאר, ווייל שפעטערדיקע דאטן און ציפערן פארמאגט ער ניט (זז' 60-66 פון זיין ביכל). צום באדויערן, בנוגע ארבעטער האט ער ניט קיין אבסאלוטע ציפערן און ברענגט די אנ־גאבן נאר אין פראצענטן. ווען ער וויל אילוסטרירן דעם וווקס פון די פרא־פעסיעס, אין וועלכע עס זיינען פארנומען די יידישע ארבעטער, פארגלייכט ער די דאטן פון 1926 און פון 1936. און ער מישט צונויף די ציפערן וועגן ארבעטער און אנגעשטעלטע, — אפשר, בכיוון, און אפשר דערפאר, ווייל ער קאן זיי ניט פאנאנדערטיילן. טראץ דעם מוזן מיר אויסנוצן זיין

אַרבעט, ווייל קיין אַנדערע און מער נייע קוואַלן, וואָס שטאַמען פון סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען ניטאָ.

ל. זינגער אין זיינע „לפי־ערכדיקע אויסרעכענונגען" נעמט אָן די געמישטע צאָל פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע צום יאָר 1939 אין 71,2%. ער גיט די פאַרטיילונג פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע לויט די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און קולטור פאַר אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אָט איז די דאָזיקע טאַבעלע:

	אוקראַינע	ווייסרוסלאַנד
אין דער אינדוסטריע — — —	36,2%	45,1%
אין אַנדערע ווירטשאַפטס־צווייגן	20,4	18,2
אין אַנשטאַלטן — — — — — — —	43,4	36,7
	100%	100%

.4

אויספירן

כדי צו פאַרענדיקן דאָס בילד פון דעם גראַנדיעזן דראַנג פון די יידן אין דער גרויס־אינדוסטריע, איז כדאי צו ברענגען נאָך צוויי סטאַטיסטישע אילוסטראַציעס. זיי וועלן אונז אויפקלערן דעם פאַקט, אַז די נייע קאַדערן פון די יידישע אַרבעטער זיינען געקומען פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. ס'איז אויך וויכטיק צו זעען פון זיי, אַז צווישן דעם נייעם צופלוס דאָמינירן ניט אַלטע אַרבעטער אָדער געוועזענע בעלי־מלאָכות, נאָר טאַקע פולקאָמע פאָרשטייער פון אַ נייעם דור, אַ דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. אין 1932 האָט מען דורכגעפירט אַן אַנקעטע אין אוקראַינע, וואָס האָט באַוויזן, אַז 22,8 פּראָצענט פון די נייע אַרבעטער שטאַמען פון בעל־מלאָכהשע פאַמיליעס, 18,8 פּראָצ' פון אָנגעשטעלטע, 16,3 פּראָצ' פון לאַנדווירטן אאַז"וו. הענדלער האָבן שוין דאַמאָלסט ניט עקזיסטירט; אָדער זיי זיינען שוין אויסגעשטאָרבן, אָדער זיי האָבן ראַדיקאַל געענדערט זייער סאָציאַלן סטאַטוס.

די צווייטע טאַבעלע וועגן דעם עלטער פון די ניי־אויפגעקומענע אַרבעטער, ווייזט אונז אָן, אַז אַרבעטער, עלטער פון 30 יאָר, האָבן געבילדעט אינגאַנצן 22,6 פּראָצ'. די מערהייט פון די יידישע אַרבעטער זיינען געווען פיל יינגער:

די אַרבעטער צווישן 29—24 יאָר — — — — 12,9 פּראָצ׳
„ „ „ 23—18 „ — — — 36,3 „
„ „ ביז 17 „ — — — 28,2 „

די גאַנצע סטאַטיסטיק, וועלכע מיר האָבן אויסגענוצט (צווישן די קוואַלן דאַרפן מיר נאָך אָנגעבן די נומערן פון „עמעס” פון דעם 4/7 און 9/10 פאַר 1937) האָט צו טאָן הויפּטזעכלעך מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון דער קוואַנטיטעט פון די יידישע פּראָלעטאַריער אין רוסלאַנד און פון די ענדערונגען אין דעם אָנטייל פון די יידן אין דעם פאָלקסווירטשאַפטלעכן פּראָצעס. דאָס האָט גאָרניט צו זאָגן וועגן דער אינעווייניקסטער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וועגן זיין אָרגאַניזירטקייט, וועגן די אידעאישע און גייסטיקע טענדענצן פון זיין אַנטוויקלונג, אָדער וועגן זיין קולטורעלע און נאַציאָנאַלע באַדערפענישן אאַז”וו. ווען מיר נעמען אָן, אַז די צאָל פון די יידישע פּראָלעטאַריער האָט דערגרייכט מער פון אַ האַלבן־מיליאָן פון דער זעלבסטשטענדיקער יידישער באַפעלקערונג, מאַכן מיר נאָר אַ באַגרענעצטן אויספיר בנוגע דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער טראַנספאָרמאַציע, וואָס איז נעגאַנגען ביי די רוסישע יידן פאַר דער היינטיקער מלחמה. ווען מיר קומען צום צווייטן אויספיר, אַז די טראַדיציאָנעלע יידישע פאַכן גייען אונטער אין אַ געוויסן זין און אָנשטאָט זיי וואַקסט אויס אַ דור פון מער קוואַליפיצירטע און געשולטע אַרבעטער, אַרבעטער פון גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס וועלן איבערווינדן זייערע פּראָווינציעלע, קליינשטעטלדיקע געוואוינהייטן אינם קעסל פון דער גרויסער מאָטאָריזירטער און מעכאַניזירטער אינדוסטריע, — וואַרפן מיר אַביסל ליכט אויף די סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען אין דער יידישער אַרבעטער מאַסע. אָבער אונטערפירנדיק דעם סך־הכל, קאָנען מיר ניט פאַרגעסן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַפאַרבונג, וואָס גיט צו צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט די סיסטעם, וואָס הערשט אין לאַנד. מיט אַ געוויסן רעכט קאָנען מיר זאָגן, אַז אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, ביזן „נעפּ”, האָבן זיך נאָך אין רוסלאַנד איינגעהאַלטן געוויסע עלעמענטן פון אַ זעלבסטשטענדיקער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע און קלאַסן־באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער. צום סוף פון „מיליטערישן קאָמוניזם” איז שוין געווען אויסגעשלאָסן די עקזיסטענץ פון אַן אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַפילו פון אַ זעלבסטשטענדיקן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אָבער אין די צייטן פון „נעפּ”, פאַרבאַפט פון דעם אויפשוונג פון יידיש־נאַציאָ-

נאָלע שטימונגען אין דעם יידישן קאָמוניזם, האָט זיך באַמערקט אין גאַנץ ברייטע קרייזן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, — כאָטש זי איז שוין דאַמאָלסט געווען אָרגאַניזאַציאָנסלאָז, — אַ שטרעבונג צו פירן אַ געוויסע יידישע אויפקלערונגס־אַרבעט אין יידיש. אָבער אין דעם דריטן פעריאָד, וואָס האָט ליקווידירט די באַשיידענע „ליבעראַלע" טענדענצן פון „נעפּ" און וואָס האָט געעפנט דעם קאַפּיטל „אינדוסטריאַליזאַציע", זיינען כמעט פולקאָם פאַרשוווּנדן די לעצטע סימנים פון אַ יידישער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אָדער אַ יידישער קולטור-אַרבעט צווישן אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דערפאַר איז באַרעכטיקט די אָפּשאַצונג, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע איז געוואָרן איינער פון די אויסגעשפּראָכנסטע אַסימילירנדיקע פאַקטאָרן, צווישן אַנדערע, אין רוסלאַנד. מען מוז אָנערקענען, אַז דער מאַסן־אַריינדרינג פון די יידן אין דער אינדוסטריע און אין די מלוכה־אַנשטאַלטן, האָט אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער הינזיכט געשפּילט אַ וויכטיקע און פּראָגרעסיווע ראָלע, באַזונדערס נאָך די ביטערע יאָרן, וואָס האָבן פּאַופּעריזירט און דעקלאַסירט הונדערטער טויזנטער רוסישע יידן, — אָבער ס'וואָלט געווען אומזיסט צו זוכן אין דעם דאָזיקן פּראָגרעסיוון פּראָצעס באַווייזן פאַר דעם יידישן קולטורעלן, גייסטיקן און נאַציאָנאַלן אויפשוווּנג, — צווישן די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען, גלייך מיט אַנדערע טיילן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, פאַראורטיילט צו לעבן און צו אַרבעטן אונטער אַ שטענדיקן דרוק פון דער פּאָליטישער דיקטאַטור.

VI. די יידישע אינטעליגענץ און דער קולטור־פראָנט

1.

די באַאַמטן־אַרמיי

ס׳איז געווים מעגלעך דעם ניט־סימפּאַטישן אויסדרוק „באַאַמטער" פאַרבייטן מיט אַ מער פּשוטן באַגריף: „אָנגעשטעלטער", און אַזוי טאַקע טוט שטענדיק די סאָוועטישע פּרעסע. אָבער דער באַגריף „באַאַמטער" אַנטשפּרעכט ריכטיקער דער לאַגע און די פונקציעס, וועלכע ס׳פּילט אויס אין נייעם רוסלאַנד די פיל־מיליאָניקע אַרמיי פון די פאַרשיידענע אָנגעשטעלטע: דאָס זיינען, אייגנטלעך, קלענערע אָדער גרעסערע פאַרשטייער פון דער מלוכה אויף אַלע געביטן פוןווירטשאַפט, פּאָליטיק און קולטור. דאָס אַנטשפּרעכט אויך דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם ניי־אויפגעקומענעם שיכט אָנגעשטעלטע אין ראַטן־פאַרבאַנד, — און ניט צופעליק האָט מען זיי אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע גערופן „קאָמיסאַרן", ווייל אפילו דער אָנגעשטעלטער פון אַ באַנק אָדער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו, — שוין אָפּגערעדט פון די ריין-אַדמיניס־טראַטיווע אַנשטאַלטן, — האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט מער אָדער ווייניקער אַ טייל פון דער גרויסער דיקטאַטאָרישער מאַכט, פון דער רעוואָלוציע. דער־פאַר איז טאַקע ריכטיקער צו רעדן ניט וועגן פּשוטע אָנגעשטעלטע, נאָר וועגן די מלוכה־באַאַמטע אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט טאַקע אַ באַזונדערן זין, ווען מיר ריידן וועגן די סאָוועטישע יידן.

אין דער לעצטער צייט פאַר דער מלחמה איז אין סאָוועט־רוסלאַנד גע־ווען אַ נייגונג, אַנשטאָט „אָנגעשטעלטע", צו ריידן סתּם וועגן „אינטעליגענץ". (דאָס איז, לויט דער טעאָריע, דער דריטער שיכט אין דער מלוכה, וואָס שטיצט זיך אויף אַ „פאַרבאַנד פון אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ".) אין אַ געוויסן זין איז דאָס ריכטיק, ווייל, אייגנטלעך, די אַלטע טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונג וועגן דער אינטעליגענץ איז אָפּגעשטאָרבן. די געוועזענע „פרייע

באַרופן" עקזיסטירן שוין מער ניט אין לאַנד; אַ דאָקטאָר, אַפילו אַ זשורנאַליסט, זיינען געוואָרן מלוכה־באַאַמטע. אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט אונטערצושטרייכן, אַז ביי די יידן זיינען די „פרייע באַרופן" כמעט פאַרשוווּנדן: פאַר דער לעצטער רעוואָלוציע האָבן זיי געבילדעט ביז 10—8 פראָצ׳, און צום יאָר 1935 איז פון זיי געבליבן אינגאַנצן 0,3 פראָצ׳ פון דער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע קליינע אילוסטראַציע אונטערשטרייכט איינע פון די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון דער רעוואָלוציע אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון די יידן.

וואָס פאַר אַן אָרט האָבן פאַרנומען די אָנגעשטעלטע ביי יידן פאַר דער רעוואָלוציע? דאָס זיינען געווען אָנגעשטעלטע אין פאַרשיידענע פריוואַטע האַנדלס־ און ביוראָ־אונטערנעמונגען, אין די באַנקן, קרעדיט-קאַסעס און אין דער מאָגערער קאָאָפּעראַטיווער יידישער באַוועגונג, — די אַלע פריקאַזטשיקעס, קאַנטאָרשטשיקעס, בוכהאַלטערס אאַז"וו. דער דאָזיקער טיפּ פון אַן אָנגעשטעלטן איז בעת דער צייט פון דער רעוואָלוציע פולקאָם ליקווידירט געוואָרן. אַפילו אין די יאָרן פון „נעפּ" איז די צאָל פון די פריוואַט־אָנגעשטעלטע ניט אויפגעשטאַנען תחית-המתים. פאַרקערט, דער וווּקס פון די מלוכה־באַאַמטע (סיי די באַנקן, סיי די קאָאָפּעראַטיוון זיינען דאָך אַלע איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער מלוכה, געוואָרן נאַציאָנאַליזירט) האָט זיך פאַרגרעסערט פון יאָר צו יאָר אין זייער אַ גיכן טעמפּ. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער וווּקס פון די אָנגעשטעלטע אין פאַרגלייך מיט דעם וווּקס פון די אַרבעטער האָט אַרויסגעוויזן אַן אַנדער טענדענץ. אין דער צייט ווען די צאָל פון די אַרבעטער אין דער גרויסער אינדוסטריע האָט זיך גראַנדיעז אַנטוויקלט פאַר די „פינפיאָר־פּלענער" און דערגאַנגען דעם קליימאַקס אין די יאָרן 1937—1935, איז דער וווּקס פון דער באַאַמטן-אַרמיי געוואָרן באַמערקבאַר שוין אין די יאָרן 1927—1926. די באַאַמטע ביי יידן האָבן דאַמאָלסט דערגרייכט 24,7 פראָצ׳. אין 1930—1929 זיינען זיי געשטיגן ביז 28,1 פראָצ׳, אין 1935 — ביז 30 פראָצ׳ פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די אויפגאַבן און די פונקציעס פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרצווייגט און פאַרברייטערט, און האָט אַרומגענומען אַלץ מער געביטן פון לעבן, האָט דערפירט דערצו, אַז די מלוכה האָט באַדאַרפט האָבן פאַר זיך אַלץ מער און מער אָנגעשטעלטע און באַאַמטע.

די יידישע אינטעליגענץ און האלב־אינטעליגענץ, די פּעאיקע און רירעוודיקע, האָט זיך אַ שאָט געטאָן אין אַפּאַראַט, באַזונדערס אין די צייטן פון „נעפּ", נאָכן בירגער־קריג, ווען די גרעסערע טיילן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, פריער אָקופּירטע פון די דייטשן, זיינען צוריקגעקומען אונטער דער ממשלה פון דער ראַטן־רעגירונג.

לויט די דאַטן פאַרן יאָר 1929 האָט דער פּראָצענט פון די אָנגעשטעלטע ביי יידן צווישן די לוין־נעמער באַטראָפן:

אין אוקראַינע	55,7%
„ ווייסרוסלאַנד	46,3
„ מאָסקווע	78,2
„ לענינגראַד	68,1

פאַר די יאָרן 1926—1931 האָט זיך פאַרדאָפּלט די צאָל פון די אָנגעשטעלטע. לויט דער פאַרטיילונג פון די לוין־נעמער ביי יידן האָבן די אָנגעשטעלטע באַטראָפן אין 1931:

אין אוקראַינע	35,5%
„ ווייסרוסלאַנד	29,2
„ מאָסקווער ראַיאָן	52,2
„ לענינגראַד	44,5
„ קרים	46,2

דער וווּקס פון די יידישע באַאַמטע דריקט זיך אויס אין אַבסאָלוטע ציפערן, לויט די פאַרעפנטלעכטע אָפיציעלע ידיעות, אויף פאָלגנדיקן אופן:

אין 1926	241 טויזנט
„ 1930	335 „
„ 1935	558 „

ווען מיר ווען דאָ נעמען אין אכט, אַז צווישן די עלעמענטן, וועלכע זיינען פאַרמעל אריינגערעכנט געוואָרן אין פּראָלעטאַריאַט, זיינען פאַראַן פאַקטיש אויך אַ געוויסע, און אפשר אַ גאַנץ גרויסע, צאָל ביוראָ־אָנגעשטעלטע אין די פאַבריקן, וועלן מיר דאַרפן די 30 פּראָצ' נאָך אַביסל העכערן. דאָס גיט אונז די מעגלעכקייט צו פיקסירן, אַז די באַאַמטע פאַרנעמען איצט אין דער יידישער סאָציאַלער סטרוקטור דעם ערשטן אָרט, אַז אָרט, וועלכן ס'האָבן פאַרנומען פאַר דער רעוואָלוציע די הענדלער, וואָס האָבן דאַמאָלסט געביל־דעט 31 פּראָצ' פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקער באַפעלקערונג.

ל. זינגער ברענגט אין זיין אַרבעט פון יאָר 1941 אַ גאַנץ אינטערע־סאַנטע טאַבעלע וועגן דעם באַרופלעכן, פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער סאָוועטישער יידישער אינטעליגענץ, באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, — אָן דער צאָל פון די פאַמיליען-מיטגלידער, — וואָס ער האָט צוזאַמענגע־שטעלט אויפן סמך פון דער לעצטער פאָלקס־ציילונג, צום אָנהייב פון יאָר 1939. ער זאָגט אַליין, אַז די טאַבעלע איז „אָן אנשוילעכע, הגם ניט קיין פולע", — אָבער זי גיט אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם גרויסן וווּקס און פון דעם בונטן כאַראַקטער פון די יידן, סאָוועטישע אָנגעשטעלטע. כדי אונ־טערצושטרייכן די ענדערונגען און טראַנספאָרמאַציעס, וואָס זיינען פאַר־געקומען אין דער הינזיכט, ברענגט ל. זינגער אַ פּאָר ציפערן וועגן די יידן־אָנגעשטעלטע און פרייע פּראָפעסיעס מיט 42 יאָר צוריק, לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1897. די דאָזיקע ציפערן זיינען אינטערעסאַנט פון ריין-היסטאָרישן שטאַנדפונקט. ס'איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז אין 1897 האָט מען גערעכנט ביי יידן אין רוסלאַנד:

אַדוואָקאַטן (לאָיערס)	אַרום	500
שרייבער און אַרטיסטן	„	1,500
דאָקטוירים און אַנד. מעד. פּערסאָנאַל	„	4,500
רבנים	„	10,000
לערער און מלמדים	„	16,000
פריקאַזטשיקעס און קאַנטאָרשטשיקעס	„	10,000

צום אָנהייב פון 1939 גיט אָן ל. זינגער די פאָלגנדיקע טאַבעלע פאַר די יידן־סאָוועטישע אָנגעשטעלטע:

אינזשענערן, אַרכיטעקטאָרן און קאָנסטרוקטאָרן (אָן די אָנפירער פון די אונטערנעמונגען און צעכן)	25,000
מיטל-טעכנישער פּערסאָנאַל	60,000
אַגראָנאָמען	1,000
איבעריקער אַגראָטעכנישער פּערסאָנאַל (ערד־מעסטערס, ערד-איינאָרדענערס, אַגראָטעכניקער, זאָאָטעכניקער)	1,000
וויסנשאַפטלעכע טוער (פּראָפעסאָרן, לערער פון הויכשולן אאַז"וו)	7,000
לערער אין אָנפאַנגס- און מיטל-שולן	46,000

קולטור- און בילדונגס-טוער (זשורנאַליסטן, ביבליאָטעקערס, קלוב-פאַרוואַלטערס אד״גל) —	30,000
קונסט-טוער — — — — — — — — — —	17,000
דאָקטוירים — — — — — — — — — —	21,000
מיטל-מעדיצינישער פּערסאָנאַל (פעלדשערס, מע־דיצין-שוועסטער) — — — — — — — —	31,000
בוכהאַלטערס, חשבון-פירער — — — — —	125,000
סך-הכל — — — — — — — — — —	364,000

אין אַלגעמיין רעכנט מען אין רוסלאַנד 9 מיליאָן אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, און צווישן זיי אַ האַלבער מיליאָן יידן. כאָטש דאָס באַשטעטיקט ניט די רעאַקציאָנערע לעגענדע, אַז „יידן רעגירן אין רוסלאַנד״, זאָגט דאָס אָבער פאָרט עדות וועגן דעם, אַז אין דעם אַפּאַראַט פון דער ראַטן־פאַר־באַנדישער מלוכה שפּילן די יידן, און באַזונדערס אין די גרעסערע שטעט, אַ גאַנץ וויכטיקע ראָלע. דער טיפער אַריינדרינג אין דער פאַרצווייגטער מלוכה־פּאַרטיי־ און ווירטשאַפטס־סיסטעם, האָט פאַר די יידן גופא גאָר אַ גרויסן ווערט פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. דאָס איז וויכטיק אין סאָ־ציאַלער הינזיכט, ווייל צו זיין אַ באַאַמטער אין רוסלאַנד באַדייט צו פאַר־מאָגן אין די געגעבענע אומשטענדן מער אָדער ווייניקער אַ זיכערע פּאָזי־ציע (אויף וויפיל קאָן אַ מענטש, וואָס לעבט אונטער דער דיקטאַטור, זיין „זיכער״ מיט זיך און מיט זיין אַמט...) ווען די געוועזענע הענדלער און זייערע קינדער וואָלטן אין יענער צייט, ווען ס׳איז נאָך ניט איינגע־פירט געוואָרן די אינדוסטריאַליזאַציע, ניט געקאָנט ווערן קיין באַאַמטע, וואָלט פאַר זיי געבליבן די איינציקע פּערספּעקטיוו אויסצוגיין פון הונגער און נויט. דאָס זעלבע איז שייך דער אינטעליגענץ און די „פרייע באַרופן״. די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג, און די יידן בתוכם, האָט זיך אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט אין די ערשטע 10 יאָר פון דער רעוואָלוציע ביז צום אָנהייב פון דער אינדוסטריאַליזאַציע.

2.

דער קריזיס פון דער יידישער קולטור

ווי ס'איז באַקאַנט, פאַר די ברייטע שיכטן פון דער דעמאָקראַטישער יידישער אינטעליגענץ זיינען די דערגרייכונגען אויף דעם קולטור-פראָנט נאָך פיל וויכטיקער, ווי די דערפאָלגן אויף דעם סאָציאַלן געביט. ניט צופעליק, איז דער „קולטור-קאָנגרעס" אין פאַריז (1936) געווען דער קלי-מאַקס פון דער איינהייט־פראָנט־באַוועגונג ביי יידן און דער פונקט, ווו פיל סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן האָבן פאַרקויפט זייער בכורה פאַר דעם לינזן־טאָפּ (פאַר אַן אילוזאָרישן לינזן־טאָפּ!). און נאָך דער היטלער-סטאַלין-פּאַקט פון 1939 איז ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן הימל געפאַלן, און די שטורעם-בליצן האָבן באַלויכטן דעם אָפּגרונט, צו וועלכן די לייכט־גלויביקע מיטלויפער זיינען דערפירט געוואָרן דורך דער נאַאיווער האָפע־נונג אויף צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמוניסטן אויף דער באַגרענעצטער באַזע פון „קולטור-רענעסאַנס"... ווען דער אייזערנער פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָפּ סאָוועט־רוסלאַנד פון דער וועלט, האָט זיך אויף אַ ווײַלע אויפ־געהויבן, האָט מען דערזעען, אַז דאָרטן איז שוין „נאָך אַלעמען", אַז דער „רענעסאַנס" איז שוין לאַנג אַוועק, אַז מיט דער יידישער קולטור האַלט זייער און זייער שמאָל, אַז אויף אַלע געביטן ליגט דער שטן פון אַ טיפן אינעווייניקסטן קריזיס.

נאָך מיט 10—8 יאָר צוריק זיינען פאָרמעל געווען גאַנץ גרויס די דערגרייכונגען. פאָרמעל זיינען געווען זייער שטאַרק די פּאָזיציעס פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער שול, פון דעם יידישן בוך. פאָרמעל זיינען נאָך געווען אויף דער וועלט נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, יידישע ראַטן, יידישע געריכטן, — און אויך דער „סימבאָל" פון דער יידישער מלוכה־שקייט: בירא־בידזשאַן. די „יידישיסטן" פון דער גאַנצער וועלט האָבן פאַרבונדן זייערע שענסטע האָפענונגען מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אויפן יידישן קולטור־פראָנט אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער פאַקטיש איז יאָר-איין, יאָר־אויס געוואָרן אַלץ שטאַרקער די קולטור־ירידה, און בהדרגה האָט זיך אויסגעוועבט אפילו ביי די יידישע קאָמוניסטן דער שטאָלץ, מיט וועלכן זיי האָבן פריער גערעדט וועגן דער יידישער קולטור. זיי האָבן אַליין אויך שוין פאַרלאָרן דעם גלויבן...

די לעצטע דאטן וועגן דער תקופה פון באַרג־אַרויף פון דער יידישער קולטור באַציען זיך, אַפּנים, צום יאָר 1932. דאַמאָלסט האָבן די סטאַ־טיסטיקער גערעכנט אין אוקראַינע 1,469 יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, הויפּטזעכלעך שולן: פאָרשולן, מיטעלע און העכערע שולן, ווו ס'האָבן זיך געלערנט 160 טויזנט שילער. אין ווייסרוסלאַנד האָט מען אין 1933—1932־טן לערן־יאָר געציילט 339 קולטור־ און בילדונג־אינסטיטוציעס מיט 36,501 שילער. דאַמאָלסט האָט מען אויך ניט געקאָנט דערגיין ביי די אָנפירער פון דער יידישער בילדונג, ווי שטייט עס מיט דער יידישער שפּראַך און מיט דער געפאַר פון רוסיפיקאַציע. דאַמאָלסט איז אויך ניט געווען קלאָר, ווער האָט גענומען די אויבערהאַנט אין דעם שטילן, אָבער ערנסטן קאַמף — צווישן די „נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע" טענדענצן — און די טענדענצן פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" (דער שעמעוודיקער פּסעוודאָנים פון דער אַסימילאַציע) און דער אָפענער אַסימילאַציע. ערב דער וועלט־מלחמה איז דאָס בילד געוואָרן קלאָרער און בולטער.

אָבער פריער נאָך אַ פּאָר דאַטן.

ווען מיר קוקן אַריין אין דער סאָוועטישער סטאַטיסטיק פאַר די יאָרן 1936—1935, וועלן מיר זען, אַז אין דעם דאָזיקן לערן־יאָר האָבן זיך אין די טעכניקומס געלערנט 32 טויזנט יידן און אין די אַנדערע הויכ־שולן — „וווזן" נאָך 62 טויזנט. אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז צווישן די זעלבסטשטענדיקע יידן פאַרן יאָר 1935 האָבן די מלוכה־פּענ־סיאָנערן, איינשליסלעך סטיפּענדיאַנטן־סטודענטן, געבילדעט 9 פּראָצ'. דער דראַנג צו וויסנשאַפט איז, אַלזאָ, זייער גרויס, און מען דאַרף ניט פאַר־געסן, אַז אחוץ די 94 טויזנט סטודענטן, האָבן מיר געהאַט אין דערזעלבער צייט אין פאָלקס־ און מיטל־שולן נאָך 424 טויזנט יידישע שילער. דאָס זיינען די קאַדרעז, פון וועלכע עס רעקרוטירט זיך אַ גרויסע אַרמיי מלוכה־באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, אַ גרויסע צאָל אינטעליגענץ און האַלב־אינ־טעליגענץ, וואָס מאַכט דורך איר קאַריערע און גרייט זיך צו צו דעראָבערן וויכטיקע סאָציאַלע פּאָזיציעס.

ל. זינגער, אין זיין אַרבעט פון יאָר 1941 פאַררופט זיך אויף די זעל־ביקע ציפערן. נייע ידיעות וועגן די יידן אין די שולן פאַרמאָגט ער ניט. און כאָטש ער רעדט אין דעם קאַפּיטל וועגן דער יידישער קולטור, — דער־

מאַנט ער גאָרניט, — מיט אַנדערע ווערטער, ער פאַרגעסט שוין אינגאַנצן וועגן אַ קליינינקער פראַגע, וועלכער מען האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אָפּגעגעבן גרויס אויפמערקזאַמקייט: וועגן דער יידישער שפּראַך אין די שולן. און אַזוי ווי מיר האָבן פריער ניט געוווּסט, ווייסן מיר אויך איצט ניט, וויפיל יידישע קינדער אין די פאָלקס־שולן אָדער אין די ניט־פולע און פולע מיטל-שולן לערנען זיך אין דער יידישער שפּראַך. מיר קאָנען זיך נאָר פאָרשטעלן, אַז די צאָל פון אַזעלכע קינדער ווערט אַלץ קלענער מיט יעדן יאָר, אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע, רוסיפיקאַציע און אפשר אויך אוקראַיניזאַציע אַאַז״וו דאָמינירן אין דער שול, וואָס יידישע קינדער באַזוכן.

אויב מיר ריידן שוין וועגן דער פּאַקטישער לאַגע פון דער יידישער קולטור, שטויסן מיר זיך טאַקע אָן ביי דעם זעלבן זינגערן אויף אייניקע דאַטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער לעצטער צייט, צו ערב דער איצטיקער מלחמה. ער דערמאָנט, און מיט שטאָלץ, אַז צו יאַנואַר 1939 זיינען גע־ווען גאַנצע 10 יידישע מלוכהשע טעאַטערס. ער שרייבט ווייטער, אַז די ביכער־פּראָדוקציע אין יידיש האָט באַוויזן אין יאָר 1939 — 339 נעמען (אין 1913 — 73 נעמען). ער קאָנקרעטיזירט די דאָזיקע ביכער־פּראָ־דוקציע, און מיר דערוויסן זיך, אַז „די רייכסטע אוצרות פון מאַרקסיזם-לעניניזם״ זיינען אַרויס אין יידיש. דהיינו: די געשיכטע פון דער אַלפּאַר־טיישער קאָמפּאַרטיי, דער קורצער קורס איז אַרויס אין 1938—1939 — 45,2 טויזנט עקזעמפּליאַרן און אין 1941 — נאָך 35 טויזנט, און סטאַ־לינס ביכער — אין 10 און 15 טויזנט עקזעמפּליאַרן, און סטאַלינס ביאָ־גראַפיע — אין 50 טויזנט עקזעמפּליאַרן. און דאָס רופט זיך „די אַנט־וויקלונג פון דער יידישער קולטור״, און דאָס איז די ביכער־פּראָדוקציע אין יידיש . . . ל. זינגער שרייבט אויך, אַז „אין פּסטר דערשיינען איצט 5 יידישע צייטונגען, דערין 3 טעגלעכע״. דאָס איז געשריבן אין 1941, — אין דער צייט, ווען דער „עמעס״, אויף וויפיל אונז איז באַקאַנט, האָט אויפגעהערט צו דערשיינען סוף 1938. און אויב ערגעץ אין ביראָ־בידזשאַן אָדער אין אַ פאַרוואָרפענער פּראָווינץ איז נאָך פון צייט צו צייט אַרויס־געגאַנגען אַ יידיש בלעטל, — טאָ פאַרוואָס האָט זינגער אָדער אַן אַנדער מחבר דאָס קיינמאָל ניט דערמאָנט, ניט ציטירט? פון יאָר 1939 אָן, בנוגע צייטונגען אין יידיש, איז סאָוועט־רוסלאַנד אַריינגעגאַנגען אין אַ

סטאַדיע פון איזאָלאַציע, אַזוי אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, — אַז, מיר מיינען, — און ניט נאָר מיר, — אַז די ידיעה פון זינגערן וועגן די 5 צייטונגען איז אַ . . . מיספאַרשטענדעניש. אָדער אפשר האָט ער אין זינען די צייטונגען, די בלעטלעך, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין ווילנע, קאָוונע, ריגע נאָך דער סאָוועטישער אָקופּאַציע פון די מזרח־פּוילישע פּראָווינצן, פון ליטע און לעטלאַנד. הייסט דאָס, אַז דאָס איז דער אויסדרוק פון דער „סאָוועטישער יידישער קולטור״? און דערפאַר טאַקע האָט זינגער שעמעוודיקערהייט ניט געוואָלט אָנרופן די דאָזיקע צייטונגען מיט זייער היימלעכן נאָמען?

מיר וועלן זיך ווייטער ניט פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור. מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט פעסטשטעלן אייניקע פאַקטן, וועלכע מען קאָן ניט באַשטרייטן, וואָס באַווייזן אונז די גייסטיקע דעגראַדאַציע, צו וועלכער עס איז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה דערפירט געוואָרן דער יידישער קולטור־פראָנט אין רוסלאַנד, און דעקן אויף אייניקע אורזאַכן, וואָס האָבן געבראַכט צו דער דאָזיקער לאַגע:

1) שוין 25 יאָר ווי אַלע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אַמאָל באַרימט געמאַכט דעם נאָמען פון רוסישן יידנטום אין דער גאַנצער וועלט, — בונדיזם, ציוניזם, אויטאָנאָמיזם, פאָלקיזם, טעריטאָריאַליזם, דעם רעליגיעזן געדאַנק און זיינע פילע וואַריאַציעס, — זיינען מיט געוואַלט אויסגעמעקט געוואָרן פונם לעבן, — און זייערע פאָרשטייער, וואָרטזאָגער און פירער זיינען פאַרניכטעט געוואָרן.

2) אַלע אידעאָלאָגיעס, ד״ה אַלע אויסדרוקן פון גייסטיקן לעבן, פון שעפערישע זוכענישן, פון דעם זעלבסטשטענדיקן געדאַנק, — זיינען ברוטאַל פאַרבאָטן דורך דער דיקטאַטור, — און דערפאַר אַליין איז אוםפאַרמיידלעך אויסגעטריקנט געוואָרן דער פּראָצעס פון קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין רוסלאַנד. די איזאָלאַציע פון אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק, דער געוואָלטזאַמער איבעררייס פון אַלע פאַרבינדונגען מיט די יידישע קיבוצים, ווי ס׳איז ווייטער געגאַנגען דאָס יידישע קולטור־לעבן, — ווי פוילן, די פאַראייניקטע שטאַטן, פּאַלעסטינע אאַז״וו, — האָבן געבראַכט דערצו, אַז די רוסישע יידן האָבן אויפגעהערט צו פילן זיך, אַלס אַן אָרגאַנישער גליד פון דער אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע, אַלס אַ טייל פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו.

3) מיט דער ליקווידאַציע פֿון דער יידסעקציע פֿון דער קאָמפּאַרטיי אין רוסלאַנד (1930) איז די אַנטוויקלונג געטריבן געוואָרן אין דער ריכ־טונג פֿון אַסימילאַציע. די יידישע נאַציאָנאַל-געשטימטע קאָמוניסטן מיט זייערע פּרווון און כּוונות צו שאַפֿן אין די באַדינגונגען פֿון דיקטאַטור און פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער אומפֿרייהייט אַ נייעם טיפּ יידישן קאָ־לעקטיוו, — אַ „יידישע סאָוועטישע נאַציע", — וואָס האָט געזוכט איר „קאָנסאָלידאַציע" אין אַן אייגענער יידישער מלוכה אין די ראַמען פֿון סאָ־וועט־רוסלאַנד, — פֿריער אין קרים (ביז 1928), נאָכדעם — אין ביראָ־בידזשאַן — די דאָזיקע יידיש־געשטימטע קאָמוניסטן מיט זייערע אייגנ־אַרטיקע און קינסטלעכע נאַציאָנאַלע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס, — האָבן באַקומען פֿון דער דיקטאַטור דעם זעלבן קלאַפּ, ווי פֿריער — מיט דער הילף פֿון יידישע קאָמוניסטן האָבן באַקומען דעם פֿאַרניכטנדיקן קלאַפּ אַלע אַנדערע יידישע אידעאָלאָגיעס און ריכטונגען. די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע אין סאָוועט-רוסלאַנד איז צוגלייך מיט אַנדערע אידעאָלאָגיעס פֿאַרוועלקט, — ווי ס'איז פֿאַרוועלקט און פֿאַרבאָטן יעדער פֿרייער, זעלבסט־שטענדיקער געדאַנק, יעדער אויסדרוק פֿון דעם פֿרייעם מענטשלעכן אומ־אָפּהענגיקן גייסט, — וואָס גייט ניט „אין שפּאַן" מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער מלוכה און דיקטאַטור.

4) אין די יאָרן 1936—1939 איז געווען אויף אַזאַ ראַדיקאַלן אופֿן דורכגעפֿירט די רייניקונג פֿון דער אַזוי־גערופֿענער יידישער אַרבעט, — אַז אַן גוזמאות קאָן מען זאָגן, אַז אין דער יידישער „פּאָליטיק", געזעל־שאַפֿטלעכקייט, זשורנאַליסטיק און וויסנשאַפֿט, אין דער קולטור־ און ביל־דונג־אַרבעט איז ניט געבליבן כּמעט קיין איינציקער וויכטיקער אויטאָריטע־טער נאָמען. מען דאַרף ניט צו-הויך באַווערטן דעם קולטור־ניוואָ און די געזעלשאַפֿטלעכע קוואַליפֿיקאַציעס פֿון די מענטשן, וואָס האָבן אין משך פֿון 10—15 יאָר פֿאַרווירקלעכט די „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט" אויף דער יידישער גאַס. זיי זיינען אויך געווען גענוג דעמאָראַליזירט און קאָ־רומפּירט, און פֿאַר דער מיטאַרבעט אין דעם אַפּאַראַט האָבן זיי געמוזט צאָלן מיט „פּערדישע צינזן" פֿון דער צופּאַסונג צו די ערגסטע פֿאָרמען, צו דעם בלוט און שמוץ פֿון דעם טעראָר. אָבער די ליקווידירטע קאָמוניסטן האָבן פֿאַרגעשעטעלט מיט זיך אַ גייסטיקע „אַריסטאָקראַטיע" אין פֿאַרגלייך מיט די נאָמענלאָזע מענטשן, וואָס זיינען געוואָרן זייערע יורשים.

5) ס'איז אויך וויכטיק אונטערצושטרייכן דעם גרויסן פארנעם פון דער ליקווידאציע, וואס האט ארומגעכאפט אלע אנפירנדע צענטרען פון דער „יידישער ארבעט": מאסקווע, לענינגראד, מינסק, קיעוו, אדעס, כאר־קאוו, דניעפראפעטראוווסק, וויטעבסק, סמאלענסק, וויניצע, באברויסק, בערדיטשעוו, האמעל, — און בירא־בידזשאן, — און פיל־פיל קלענע־רע, ניט־אינדוסטריעלע שטעט און שטעטלעך. אין דעם פייער פון דער ליק־ווידאציע איז פארניכטעט געווארן ניט נאר דער דור מענטשן, וואס האבן זיך אויסגעפורעמט נאך פאר דער רעוואלוציע אדער וואס האבן אנטייל גענומען אין דעם בירגער־קריג. די מאשין פון טעראר האט ניט געשא־נעוועט דעם צווייטן און דעם דריטן דור קאמוניסטן, וואס האבן געמאכט זייער קאריערע שוין אין דער סטאלין־תקופה. און אלס פיינד פון פאלק, אלס שפיאנען, פאשיסטן, טראצקיסטן, בוכארינצעס, נאציאנאל־דעמא־קראטן און „אידעאליזאטארן פון בונד" זיינען געפאלן ניט נאר קאמו־ניסטן, וואס זיינען געקומען פון אנדערע פארטייען (די געוועזענע בונ־דיסטן, ציוניסטן, אנארכיסטן אאז"וו), נאר אויך די קליינע צאל „אלטע באלשעוויקעס", וואס האבן אנטייל גענומען אין דער יידישער ארבעט.

6) די קולטור־ירידה האט זיך אויסגעדריקט אויך נאך אין פאל־גענדיקע זאכן, וועלכע ס'לוינט דא פארפיקסירן:

א) די יידישע וויסנשאפט, באזונדערס די יידישע געשיכטע, איז פאר־ווערט געווארן;

ב) פון 1933—1932 איז מער ניט ארויס קיין איין־איינציקע וויסנ־שאפטלעכע ארבעט אויף יידיש, — באזונדערס אויפן געביט פון דער גע־שיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג;

ג) מיר האבן צוזאמענגעשטעלט א צעטל פון 25 ביכער, — אלץ, וואס איז געווען ווערטפולעס ביז דעם יאר 1932, — באזונדערס אויפן געביט פון דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, — וואס זיינען קאנפיסקירט געווארן אין רוסלאנד, — און זייערע מחברים זיינען פאראורטיילט צום שווייגן. מיר קענען דא אנרופן די נעמען פון סאסים, אסתר, ליטוואקאוו, ראפעס, קירזשניץ, בוכבינדער, אגורסקי, דימאנטשטיין, ליבערבערג, עריק, שפראך, דונעץ, בארנשטיין, יודעלסאן, צבי פרידלאנד, װאלאברינסקי, שוין אפגערעדט פון די געציילטע אומפארטייאישע וויסנ־שאפטלער אין סאוועט־רוסלאנד, ווי ישראל צינבערג א"א, וואס זיינען

געווען פאראורטיילט צו פארענדיקן זייערע יאָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן;

ד) ערב דער מלחמה, פון סוף 1938, האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער קאַפּיטל פון דער ליקווידאַציע פון דער אַזוי־גערופענער יידישער אַרבעט. ס'זיינען פאַרמאַכט געוואָרן די יידישע צייטונגען „עמעס" און „אָקטיאַבר". ס'זיינען פאַרמאַכט געוואָרן „קאָמערד" און „געזערד". ס'איז ליקווידירט געוואָרן די אַרבעט פון „אָרט" און „דזשאָינט" אין רוסלאַנד, — וואָס האָט בײַ די דאָרטיקע באַדינגונגען געהאַט אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. ס'איז אויך געווען פאַרניכטעט די אַרבעט פון די יידישע סעקטאָרן פון די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס אין קיעוו און מינסק.

דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכּל פון די גרויסע און שיינע אילוזיעס, וואָס די יידישע וועלט האָט פאַרבונדן מיט די יידישע קולטור־אויפטוען אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס בילד פאַרבעסערט זיך גאָרניט דורך דעם, וואָס די יידישע קלאַסיקער: מענדעלע, שלום־עליכם און אויך פּרץ (צו וועמען עס הערשט נאָך ביז איצט אַ געוויסער אומצוטרוי), — האָבן וווינרעכט אויף די ביכער־פּאָליצעס, — אָדער דורך דעם, וואָס אין לאַנד עקזיסטירט אַ מחנה שרייבער און דיכטער, וואָס „לעקן אונטער" דעם „בעל־הבית", באַגריסן טויט־שטראָף, און אַרבעטן אויף די סאָציאַלע באַשטעלונגען פון דער דיקטאַטור. די שיינע ליטעראַטור איז ניט בכּוח אויסצופילן שעפעריש און פּרוכטבאַר איר פונקציע אין דער אַטמאָספער פון אומפרייהייט און פאַרשקלאַפונג.

VII. באַלאַנס פון ביראָ־בידזשאַן

.1

דער ניט־געלונגענער יובל

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן צוגאַנג פון אונזער געזעל־
שאַפטלעכער מיינונג צום ביראָ-בידזשאַנער פּראָבלעם איז שטענדיק געוועזן
דאָס, וואָס יעדעס מאָל, ווי נאָר עס שווימט אַרויס די דאָזיקע פראַגע, הויבט
זיך אויף אַ פּרינציפּיעלע דיסקוסיע; ציוניסטן קעמפן מיט אַנטי־
ציוניסטן, פּראָ־סאָוועטיסטן — מיט אַנטי־סאָוועטיסטן, טעריטאָריאַ־
ליסטן — מיט אַנטי־טעריטאָריאַליסטן, און קיינער פון די אָנטיילנעמער פון
אַזאַ דיסקוסיע וויל גאָר ניט וויסן, און ווייסט טאַקע ניט, — וואָס שטעלט
מיט זיך פאָר פּראַקטיש, קאָנקרעט, היינט-צו־טאָג די ביראָ־בידזשאַנער
געשיכטע. וויכטיק איז איבערצוחזרן די „פּרינציפּיעלע דיסקוסיעס”, און
וואָס איז אַזוינס ביראָ־בידזשאַן — דאָס לאָזט מען איבער אָן אַ זייט.
אַזוי־אַרום האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז אין דער יידישער סביבה, אָן
אויסנאַם פון ריכטונגען, אָפּעריִרט מען ניט מיט דעם רעאַלן ביראָ־בי־
דזשאַן, נאָר מיט אַ ריי לעגענדעס וועגן אים. די פּראַקטישע סך־הכּלן
פון ביראָ-בידזשאַן, לויט אונזער מיינונג, זיינען פיל וויכטיקער און אַנט־
שיידנדיקער פאַר דעם עצם ענין, ווי די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע סך־
הכּלן. „פאַקטן זיינען אַן עקשנותדיקע זאַך” — זאָגט אַ באַקאַנט שפּריכ־
וואָרט, און צו די פאַקטן ווען מיר טאַקע גלייך איבערגיין. ס'איז אפשר
די צייט, אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם באַלאַנס פון די יידישע נצחו־
נות און מפּלות אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויפצודעקן די ווירקלעכע לאַגע אין
ביראָ־בידזשאַן און אַזוי-אַרום אַנטקעגן צו שטעלן דער קאָמוניסטישער
פּראָפּאַגאַנדע — דעם טרוקענעם סך־הכּל: אייניקע ציפערן און פאַקטן.
אַלעמען האָט זיך עס געוואָרפן אין די אויגן, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד

איז מען גאָרניט געווען גענייגט צו פייערן 10 יאָר ביראָ־בידזשאַן, ווען דער יובל איז אויסגעפאַלן אין די יאָרן 1939—1938. ווי עס ווייזט אויס, וואָלט מען דאָרטן גערן פאַרגעסן וועגן דעם יובל. דאָס דערקלערט זיך הויפּטזעכלעך דערמיט, וואָס צו דער דאָזיקער צייט האָט זיך אַנטפּלעקט דער פולער און אַנטגילטיקער דורכפאַל פון דער גאַנצער ביראָ־בידזשאַנער אונטערנעמונג. און נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, אַז אין פאַרלויף פון דער בלוטיקער „רייניקונג" אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1939—1936 זיינען שוין אַלע שעפער און בויער פון ביראָ-בידזשאַן „ליקווידירט" געוואָרן, — נאָך גוט, אַז ניט דערשאָסן געוואָרן ווי „פיינט פון פאָלק". ס'איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען: ליטוואַקאָוו, מערעזשין, ליבערבערג, כאַווקין, קאַטעל, יעקב לעווין, העללער, וואָלאָברינסקי, — און ירחמיאל־ווײַנשטיין און אסתּר פרומקין, און דער קאָמיסאַר פאַר די יידישע ענינים, דער איינ־ציקער „אַלטער באָלשעוויק" צווישן די „יידסעקן" — דימאַנטשטיין אַליין, — כּדי עס זאָל פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך ווערן די נייגונג פון די עפּי־גאָנען פון יידישן קאָמוניזם זיך ווי־ניט־איז אַרויסצודרייען פון דעם אום-אַנגענעמען יובל . . . אָבער לאָמיר שוין איבערגיין, נאָך דער קורצער הקדמה, צו דעם עצם ענין.

אויפן ביראָ־בידזשאַנער קאַלענדאַר זיינען פאַראַן דריי דאַטעס — ווי מען זאָגט עס אין רוסלאַנד — פון „אַלוועלטלעכער היסטאָרישער באַדײַ־טונג": 1) דער 28־טער מערץ 1928, ווען ביראָ־בידזשאַן איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, ווי אַ באַזונדערער אַדמיניסטראַטי־ווער ראַיאָן; 2) דער 7־טער מאַי 1934, ווען דער ראַיאָן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט; 3) דער 29־טער אויגוסט 1936, ווען ביראָ־בידזשאַן איז דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט דערקלערט גע-וואָרן פאַר אַ „יידישער נאַציאָנאַלער מלוכהשאַפט". דערצו מוז מען נאָך צוגעבן, אַז דער 22-טער פאַראַגראַף פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע (1936) באַשטעטיקט פאַר ביראָ־בידזשאַן דעם טיטל פון דער אָפיציעלער פאַרשטייערשאַפט פון דער „סאָוועטישער יידישער נאַציע" (ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער „עמעס"). דאָס איז די אָפיציעלע היסטאָריאָגראַפיע פון ביראָ־בידזשאַן, וואָס מוז עדות זאָגן, אַז די שאַפונג פון אַ יידישער רעפּובליק אין ראַטן־פאַרבאַנד גייט מיט יעדן יאָר פאָראויס. אַזוי האָבן אויך דעם ענין פאַרגעשטעלט אין זייערע רעדעס

און אַרטיקלען די פּאַראַנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן. אויך קאַלינין האָט באַשטעטיקט די אָפּטימיסטישע ווערסיע, דערקלערנדיק פייערלעך אין דעם דעקרעט פון 29-טן אויגוסט 1936: „צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק ווערט רעאַליזירט זיין הייסער ווּנטש צו שאַפן פאַר זיך אַ היימאַט, אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשאַפט". אויסער דער טעריטאָר־ריעל־נאַציאָנאַלער באַדייטונג פון בירא־בידזשאַן, שטעלט זיך דער דער־מאָנטער דעקרעט אָפּ אויף זיין קולטור־ראָלע: ס'ווערט פּראָקלאַמירט, אַז די „יידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פון סאָוועטישער יידישער קולטור פאַר דער גאַנצער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג".

כדי אָבער צו רעאַליזירן אַ יידישע רעפּובליק אויפן אמור, איז נויטיק געווען איין פאָרבאַדינג: די געגנט דאַרף באַוווינט ווערן פון יידישע מאַסן. ס'מוזן דאָרטן זיין יידן. צום 10-יאָריקן יובל פון בירא־בידזשאַן האָבן די מאַכט־האָבנדיקע אָרגאַנען געמיינט אַהין אַריבערצופירן 100 טויזנט יידן. איצט אָבער קאָן מען מיט דער פולסטער זיכערקייט קאָנסטאַטירן: יידן פאָרן ניט קיין בירא־בידזשאַן, יידן ווילן ניט און קאָנען ניט אַהין אַרי־בערוואַנדערן . . . אלזא, די ערשטע פראַגע איז: ווי האַלט עס מיט דער יידישער איינוואַנדערונג קיין בירא־בידזשאַן?

2.

קיין בירא־בידזשאַן און צוריק

צום סאַמע אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בי־דזשאַן, אין יאָר 1928, האָבן זיך דאָרטן געציילט 34 טויזנט נפשות (קיין יידן זיינען צווישן זיי ניט געווען). אין אַפּריל־יוני 1929 האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידן איבערוואַנדערער פון קאַזאַן, מינסק און סמאָלענסק, — אינגאַנצן 650 מאַן. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער עמיגראַ־ציע ווערט פון די אָפיציעלע סטאַטיסטישע קוואַלן פאַרפיקסירט אויפן פאָלגנדיקן אופן: 1929 — ביז 1,000 איינוואַנדערער, 1930 — אַרום 1,500 (אין דעם יאָר ווערן געשאַפן די ערשטע קאָלווירטן), אין 1931 — אַרום 3,000 (ס'הויבן זיך אָן צו שאַפן די ערשטע אינדוסטריעס). אָבער איר וועט אומזיסט זוכן ווייטערדיקע סטאַטיסטישע דאַטן פאַר די יאָרן 1932, 1933, 1934 — למשל, אין דעם אויספירלעכן אַלמאַנאַך „יידן אין

ראטן־פארבאנד״, וואס עס האט ארויסגעלאזן אין 1935 דער „קאמערד״, דער פאקטישער אנפירער מיט דער יידישער קאלאניזאציע. די מחברים טיילן פשוט מיט, אז אין יאר 1932 איז אנגענומען געווארן א פלאן ארי־בערצופירן 25 טויזנט יידן, עס איז אבער פון דעם פלאן גארניט גע־ווארן. פארקערט, אינמיטן זומער 1932 האט מען געמוזט אפשטעלן די איינוואנדערונג צוליב פארפלייצונגען, שלעכטן קלימאט, גוס־רעגנס אאז״וו. אויך בנוגע דעם יאר 1933 ווערט נעפלדיק מיטגעטיילט וועגן בלויזע מפלות. נאך דעם אלעמען שטעלט די אייגנארטיקע סאוועטישע סטאטיס־טיק א פונקט און ברענגט ניט מער קיין ידיעות וועגן דעם גאנג פון דער יידישער עמיגראציע קיין בירא־בידזשאן.

מיר זיינען געצוווּנגען צו ווענדן זיך צו אן אנדער מקור, און מיר געפינען טאקע א פאר ציפערן אין א בראשור „בירא־בידזשאן״, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון די אויסלענדישע קאמוניסטן (אין ווילנע) פאר פראפאגאנדע־צוועקן. און דארטן געפינען מיר די פאלגנדיקע פיל־זאגנדיקע מיטטיילונג: צום 1־טן אקטאבער 1933 זיינען אין בירא־בידזשאן פון 19 טויזנט איבערוואנדערער געבליבן אינגאנצן 7,000 (ז׳ 36). ווו זיינען אהינגעקומען די איבעריקע? די איבעריקע 12 טויזנט יידן זיינען פון בירא־בידזשאן אנטלאפן, וווהין די אויגן טראגן. מיר נעמען אן פאר גוט־געלט, אז ניט אלע אומגליקלעכע איבערוואנדערער האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן, און אז עס זיינען דארטן טאקע געבליבן 7,000 יידן. דער אלמא־נאך „יידן אין ראטן־פארבאנד״ באהויפטעט, אז פון דאן אן מערקט זיך אן איבערברוך צום גוטן. פון מאסקווע ווערט באשטימט א „פעסטע אויס־געהאלטענע אנפירונג״ (עס רעדט זיך דא וועגן ליבערבערג און כאווקין, וואס מען האט זיי „ליקווידירט״ אין די יארן 1936—1937) און דער אנ־פירונג גיט זיך איין צו הויבן דעם לעבנס־ניווא פון די איבערוואנדערער און, — און דאס איז דאס וויכטיקסטע, — אפצושטעלן דעם סטיכישן לויפן פון בירא־בידזשאן. לויט די ידיעות פון „קאמערד״, האבן אין יאר 1934 אריינגעוואנדערט 5,000 מענטשן, אין 1935—1936 — 6,270, אין 1936 — 5,128.

אויף וויפיל די ציפערן אנטשפרעכן דער ווירקלעכקייט, איז שווער צו זאגן. אויב פון 1934 ביז 1936 וואלטן קיין בירא־בידזשאן אריינגעוואנ־דערט 16,398 יידן, וואלט צום יאר 1937 אין בירא־בידזשאן געדארפט זיין

צוזאמען מיט די 7,000 איבערגעבליבענע פון די פריערדיקע יארן — ניט ווייניקער, ווי 23,000 יידן. איז פארוואס עפעס האט דער פארזיצער פון בירא-בידזשאן, ליבערבערג, קומענדיק אין אויגוסט 1936 מיט א באריכט אין מאסקווע, אפגעשאצט די צאל יידישע איבערוואנדערער אויף 18 טויזנט? דערפאר, אפשר, וואס דאס אנטלויפן האט זיך ניט אפגעשטעלט, און ניט ווייניקער ווי 5,000 יידן האבן פאר די יארן פארלאזן בירא־בידזשאן? נאר, לאמיר פרווון אויפקלערן די פראגע וועגן דער איינוואנדערונג פאר די ווייטערדיקע יארן — 1936 און 1937, פאר וועלכע ס'איז פאראן אין דער קאמוניסטישער פרעסע א פאר ציפערן. אין 1936 זיינען, לויט די פאראנענע דאטן, געווען אפילו נאך מער איבערוואנדערער: ניט 5,128, נאר 6,758. עס שטעלט זיך די פראגע: צי זיינען די אלע איבערוואנדערער — יידן? יעדנפאלס, איז זיך שווער פארצושטעלן, אז די צאל יידן-איבערוואנדערער האט אין יאר 1936 דערגרייכט מיטאמאל זעקס־זיבן טויזנט. אויב דער איינוואנדערונגס־פלאן, נאך די פריערדיקע דורכפאלן, וואלט אין דער אמתן אויסגעפילט געווארן כמעט אויף דריי־פערטל, — וואלט ניט געהאט קיין זינען דער טומל, וואס די יידישע קאמוניסטן האבן אויפגעהויבן דווקא אין יאר 1936, רופנדיק צו הילף אזא אויטאריטעטפולן ארגאן, ווי דער קאמיסאריאט פאר אינערן־ענינים.

ווי האט עס אבער געהאלטן מיט בירא-בידזשאן אין יאר 1937, אין דעם לעצטן יאר, פאר וועלכן מיר פארמאגן מער־ווייניקער אפיציעלע ציפערן? דעם יאר האט מען צונויפגעשטעלט פארשיידענע פלענער אריבערצופירן 14 אדער 17 טויזנט יידן. וואס עס האט זיך אויסגעלאזט פון די אלע פלענער, ווייסט קיינער ניט. ווען מען האט אנהייב 1938 געפרוווט אונטערצופירן א סך־הכל פארן יאר 1937, איז גענומען געווארן א „רונדע", אבער א גאנץ צווייפלהאפטע צאל — 3,000 איבערוואנדערער־יידן („עמעס", 1938, 15/2). לויט צופעליקע ידיעות אין דער פרעסע, קאן מען אורטיילן, אז אויך אין יאר 1937 איז די איבערוואנדערונג געגאנגען זייער לאנגזאם. וועגן דער מפלה אויף דעם איבערוואנדערונגס-פראנט זאגט עדות דער דורכפאל פון באזונדערע פלענער. אזוי האט די געווערב־קאאפעראציע געזאלט באקומען 1,170 איבערוואנדערער, זי האט אבער באקומען בלויז 142; דער וואלד־געווערב־פארבאנד האט אנשטאט 1,250 איבערוואנדערער, באקומען 237 . . . ס'איז אן ספק, אז אין די יארן

1937—1936 האָבן מיר ווידער געהאַט צו טאָן מיטן לויפן פון ביראָ־בידזשאַן. וועגן דעם האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן אויף אָנדייטונגען אין „עמעס" (זע נר' פון 8/5 1937), ווו ס'איז מיטגעטיילט, אַז ניט נאָר איז „דער פּלאַן ניט געווען פאַרווירקלעכט, נאָר פאַראַיאָרן, ד"ה 1936, איז געווען אַפילו אַ געוויסער אָפּפלוס פון איבערוואַנדרער". אין דעם זעלבן נומער „עמעס" האָט באַשטעטיקט די זעלביקע בילד דער קאָמיסאַר דימאַנשטיין: „דער אָפּפלוס פון אַלטע איבערוואַנדרער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַראַיאָרן, איז נאָך ביז היינטיקן טאָג (ד"ה ביז מאַי 1937) זייער גרויס. דער דאָזיקער פאַקט איז די גאַנצע צייט פאַרשוויגן געוואָרן". משמעות, די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ, אַז ס'איז שוין אוממעגלעך געוואָרן ווייטער צו פאַרשווייגן דעם אָפּפלוס פון די ביראָ־בידזשאַנער איבערוואַנ־דערער. מיר וועלן זיך נאָך אויף אַ ווײַלע אומקערן צו דער דאָזיקער פראַ־גע, ווען מיר וועלן האַלטן ביי דער באַשרייבונג פון דעם יידישן שטעטל ביראָ־בידזשאַן, וואָס איז אויסגעוואַקסן לעבן די ברעגן פון אַמור. איצט וועלן מיר פּרוּוון צו באַלייכטן די לאַגע נאָך דעם יאָר 1937.

ל. זינגער, וועמען מיר האָבן שוין ניט איין מאָל דערמאָנט, אין זיין אַרבעט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1941, גיט אונז אַ גאַנץ אויסשעפּנדיקן בילד פון דער פאַרטיילונג פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, לויט דער ציילונג פון יאָר 1939, — אָבער וועגן ביראָ־בידזשאַן, וועגן די צאָל יידן, וואָס וווינען דאָרטן צו דער צייט פון דעם צענזוס, גע־פינען מיר ביי אים קיין איין־איינציקן וואָרט ניט. ער באַנוגנט זיך מיט דער פאַרטיילונג לויט די איינצעלנע רעפּובליקן, און אַזוי ווי ביראָ־בידזשאַן איז נאָך ניט פאַרוואַנדלט אין אַ רעפּובליק און געפינט זיך נאָך אין דעם סטאַטוס פון אַן „אויטאָנאָמער געגנט", — פאַרשווייגט אונזער סטאַטיס־טיקער דעם גאַנצן ענין. דערפאַר דערוויסן מיר זיך, אַז אין קירגיזיע זיי־נען צום יאַנואַר 1939 געווען 2 טויזנט יידן, אין טורקמעניע — 3 טויזנט און אין טאַדזשיקסטאַן — 5 טויזנט, — אָבער וויפיל יידן וואוינען אין דער „יידישער אויטאָנאָמער געגנט" — וועגן דעם געפינען די סטאַטיסטי־קער פאַר איבעריק צו טיילן זיך מיט דעם יידישן לייענער. יאָ, ס'איז באַ־קאַנט די אַלגעמיינע צאָל פון דער ביראָ-בידזשאַנער באַפעלקערונג. פון „פּראַוודאַ" (פון 2/6 1939), ווו ס'זיינען געווען פאַרעפנטלעכט די סך־הכּלן פון דער לעצטער ציילונג, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז צום 17־טן

יאנואר 1939 האָבן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געוווינט 108,419 נפשות, פון זיי אין די שטעט — 71,634 און אין דאָרף — 36,785. אָבער לויט די דאָזיקע ציפער קאָן מען גאָרניט זאָגן וועגן דער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין בירא־בידזשאַן. ווען די „פּראַוודאַ" האָט פאַר־עפנטלעכט די אַלגעמיינע סך־הכּל, האָט מען נאָך געקאָנט טראַכטן, אַז די אַלרוסישע ציילונג איז נאָך ניט פאַנאַנדערגעאַרבעט לויט די איינצלנע פעלקער און נאַציעס, און מיט דעם האָט ·מען געקאָנט דערקלערן דעם סומאַרן כאַראַקטער פון די ציפערן. אָבער ווען ל. זינגער האָט פאַרעפנט־לעכט זיין בוך, האָט ער שוין געהאַט אין זיין רשות אַלע צאָלן בנוגע יידן, — און ווען ער האָט זיך געמאַכט אין דער הינזיכט ניט וויסנדיק און ניט דערציילט אונז, וויפיל יידן עס זיינען געווען אין בירא־בידזשאַן צום אָנ־הויב 1939, הייסט דאָס, אַז דערצו זיינען געווען געוויסע גרונדן, — און געוויס שוין גרונדן פונם מלוכהשן כאַראַקטער.

.3

די קלאָגעדיקע קאָלווירטן

דער סאַמע שוואַרצער פלעק אויפן נעפלדיקן פּאָן איז דאָך דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער עמיגראַציע. פון אָנ־הויב אָן איז דאָס שאַפן פון קאָלווירטן אין בירא־בידזשאַן געווען אַ שלאָג־אויפגאַבע. קאַלינין אַליין, דער פּאַטראָן פון בירא-בידזשאַן, האָט פון אָנ־הויב אָן געוואָרנט קעגן לאָזן אויסוואַקסן יידישע קליינשטעטלעך. אין פולן הסכּם מיט דער הערשנדיקער אידעאָלאָגיע פון די יידישע קאָמוניסטן, האָט ער אויפגעוויזן, אַז די יידישע קאָלווירטן מוזן אומבאַדינגט ווערן די נאַטירלעכע באַזע פון דער יידישער רעפּובליק, און ס'איז פאַרשטענד־לעך פאַר זיך אַליין, אַז דער געדאַנק צו בויען און אַנטוויקלען יידישע לאַנד־ווירטשאַפט אין בירא־בידזשאַן איז געווען דער גרונד־יסוד פון דעם גאַנצן פּלאַן, וואָס האָט מיט זיך פאַרביטן דעם פריערדיקן „קרימער פּראָיעקט" (1926—1928). דערפון האָט זיך דאָס גענומען די שטרעבונג אין דער ערשטער ריי צו קאָלאָניזירן ערד־אַרבעטער פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַ־ינע, וואָס האָבן זיך שוין באַזעצט אויף ערד און וועלכע האָבן שוין גע־האַט אַ געוויסע דערפאַרונג און אויסדויער. שוין פון יאָר 1930 האָט מען

פיבערהאפט אָנגעהויבן צו שאַפן די ערשטע קאָלווירטן. וואָס פאַר אַ רע־זולטאַט האָט מען צו פאַרצייכענען נאָך צען יאָר אַרבעט אין דער ריכטונג?

מען מוז דאָ פריער פאַר אַלץ באַמערקן, אַז פאַר די פאַרהעלטניס־מעסיק גוטע יאָרן 1936—1934 האָבן אין קאָלווירטן אַריבערגעוואַנדערט אינגאַנצן 200 משפחות, ד"ה פאַר צוויי יאָר זיינען געקומען אינגאַנצן עט־לעכע הונדערט יידן-ערדאַרבעטער („עמעס" פון 10־טן און 12־טן נאָ־וועמבער 1936). וואָס ס'איז שייך 1936, האָבן מיר פּינקטלעכע דאַטן, אַז מען האָט געפּלאַנט אַריבערצובריינגען אין די קאָלכאָזן 600 משפחות און געקומען זיינען אינגאַנצן 129. ס'איז דעריבער ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי קומען די אָנפירער צו אַן אויספיר, אַז דער פּלאַן פון לאַנדווירט־שאַפטלעכער איבערוואַנדערונג איז אין יאָר 1936 דערפילט געוואָרן אויף 66 פּראָצענט (זע „עמעס" 1936, 11/12). פון אַ פאַרטיילונגס־טאַבעלע פון איבערוואַנדערער לויט פּראָפעסיעס פאַרן יאָר 1937, קאָנען מיר זען, אַז פאַר דעם דאָזיקן יאָר האָבן איבערגעוואַנדערט נאָר 136 קאָלווירטניקעס, — דאָס איז, משמעות, די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע איבערוואַנדערונג פאַרן יאָר 1937 („עמעס", 15/2 1938). פאַרן יאָר 1937 האָט מען פאַר־עפנטלעכט אייניקע צאָלן וועגן ביראָ־בידזשאַן, ווי ס'איז געווען אָנגע־געבן, אַז אין יאָר 1937 זיינען געווען 15 איבערוואַנדערישע קאָלכאָזן, אין וועלכע עס וווינען אַרום 500 משפחות (צי זיינען דאָס אַלץ יידן?); דערצו ווערט אין דעם אָפיציעלן אַרטיקל פון גאָספּלאַן־פאַרזיצער ב א ר אַ ן צו־געגעבן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג: „די קוואַליטעט פון די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן איז אַזוי שלעכט, אַז מען ווייסט אַפילו ניט די פּינקטלעכע צאָל פאַמיליעס" („עמעס", 27/6, 1937).

אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז צום 10־יאָריקן יובל פון ביראָ־בידזשאַן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פולקאָמער קראַך פון אַלע פּלענער, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין דער יידישער רע-פּובליק. אין יאָר 1938 איז עס אויך קלאָר געוואָרן פאַר די אָפיציעלע קרייזן. אין אַן אַרטיקל געווידמעט דער פרילינגס־פאַרזיי־קאַמפּאַניע פון 1938, געפינען מיר פאָלגנדיקע שורות אין באַצוג צו די יידישע קאָלווירטן: „אייניקע קאָלווירטן האָט מען געבויט אויף אַזעלכע ערטער, ווו עס איז ניטאָ קיין פּאַסיקע אַקער־ערד. אַ טייל קאָלווירטן האָט מען פאַררוקט שטאַרק ווייט, אַן שום וועגן . . . פי האָט מען געבראַכט ווינטער־צייט,

ניט צוגעגרייט פאַר זיי קיין שטאַלן און פוטער . . . די מערהייט איבער־וואַנדערישע קאָלווירטן פון דער געגנט באַשטייט פון קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן זיך ביז איצט בכלל ניט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און ס'זיינען ניטאָ קיין אַגראָנאָמען און קיין אינסטרוקטאָרן, כּדי זיי צו לערנען. מען רעדט וועגן גרינוואַרג, וואָס די קאָלווירטן דאַרפן ברענגען אין שטאָט. אָבער דערצו איז נייטיק וואָס גיכער אָנצוהייבן צו בויען גרינוואַרג־שפּייכ־לערס, אַז עס זאָל ניט טרעפן, ווי ביז איצט, אַז גרינוואַרג איז יאָ געווען, אָבער ווו זי צו האַלטן איז ניט געווען" („עמעס", 26/3, 1938). צו דער פאַכמענערישער, אָבער פּעסימיסטישער כאַראַקטעריסטיק פון די יידישע (און מסתמא ניט נאָר יידישע) קאָלווירטן אין ביראָ־בידזשאַן וועלן מיר נאָך צוגעבן אַן אויסצוג פון אַן אַנדער באַשרייבונג, וואָס איז געשריבן געוואָרן כּמעט אין עפּישן סטיל: „שטייען די בהמות און פערד אַ גאַנץ יאָר, סיי אין פרעסט, סיי אין רעגנס, אונטערן פרייעם הימל און שטאַרבן אויס . . . ניטאָ קיין אָפּדאַכן, ווו צו האַלטן די תּבואה און די גערעטעניש ווערט פאַרניכטעט". דאָס קאָן מען לייענען אין „עמעס" פון 27/6, 1937.

אָבער ווי אַזוי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג ווייטער? פאַר אונז ליגט אַ סאָוועטישע בראָשור פון א. גילמאַן: „וואָס דאַרף וויסן אַן איבער־וואַנדערער וועגן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט?", — וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין יאָר 1939. לויט די צעזייטע און צעשפּרייטע ידיעות שטעלן מיר צונויף אַ טאַבעלע פון 16 יידישע קאָלכאָזן, וואָס האָבן דאַ־מאָלסט עקזיסטירט. ווי עס פירט זיך ביי די סאָוועטישע סטאַטיסטיקער, פעלן פאַר 6 קאָלכאָזן ידיעות וועגן דער צאָל משפּחות, פאַר 9 קאָלכאָזן פעלט די צאָל פון נפשות און פאַר 5 קאָלכאָזן פעלן ידיעות וועגן דער גרויס פון פאַרזיי־שטח. און ווער ווייסט, אויף וויפל עס אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקייט די ידיעות, וואָס זיינען שוין יאָ פאַראַן? אָט איז די טאַ־בעלע פון די יידישע קאָלכאָזן אין ביראָ־בידזשאַן אין יאָר 1939:

נאָמען פון קאָלכאָז	צאָל פון די ווירטשאַפטן אָדער משפּחות	צאָל נפשות	דער פאַרזיי-שטח אין האַ
„וואַלדהיים"	77	325	360
20 יאָר אָקטאָבער	44	144	42
אויף קיראָווס נאָמען	67	275	381
אויף קאַהאַנאָוויטשס נאָמען	47	235	335
„עמעס"	22	80	—
רויטער אָקטאָבער	74	169	1,327
אויף קיראָווס נאָמען	22	—	820
אויף סמידאָוויטשעס נאָמען	33	120	679
„רויטער שטערן"	31	—	650
„סטאַלינעץ"	—	—	300
אויף קויבישעווס נאָמען	11	—	228
סטאַלינדאָרף	—	—	—
„זאַריאַ"	—	—	—
„ניי-לעבן"	—	—	830
„איקאָר"	—	—	—
„סטאַלינס רוף"	—	—	—

פון די דאָזיקע קאַרגע און מאָגערע ידיעות קאָן מען מאַכן נאָר איין באַשיידענעם אויספיר: אַז צום יאָר 1939 האָט זיך די לאַגע ניט פאַרבעסערט און ניט פאַרגרעסערט. ס'איז אפשר ווינשנסווערט צוצוגעבן צו דעם בילד נאָך אַ שטריך, אַז 6 קאָלכאָזן פון דעם סטאַלינישן ראַיאָן שטייען אָפּ זייער ווייט פון דער אייזנבאַן (פון 175 ביז 285 קילאָמעטער).

ל. זינגער פּאַטערט אָפּ דעם ענין ביראָ־בידזשאַנער יידישע ערד־אַרבעט מיט זייער מאָגערע און צווייפלהאַפטע דאַטעס און מיט זייער פייערלעכע דעקלאַראַציעס, — ביידע זיינען פּרעטענציעז און אינהאַלטלאָז. אין זיין אַלגעמיינער טאַבעלע וועגן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט טראַגט ער אריין על חשבון פון ביראָ־בידזשאַן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי גאַנצע 3,000 יידישע קאָלווירטישע משפּחות און פאַרשרייבט אַזוי־ארום אויף ביראָ־בידזשאַן גאַנצע 12 פּראָצענט פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג. דאָס איז אומפאַרשעמט — ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. ווען ער דאַרף דעשיפרירן די ציפערן פון זיין טאַבעלע, וואָס דערציילט אויסשליסלעך וועגן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, — און וויל כאַראַקטעריזירן די קאָנקרעטע לאַגע אין ביראָ־בידזשאַן דערציילט ער, אַז די געגנט פאַר־

מאַגט ביי (?) 60 קאָלכאָזן, פון זיי ייִדישע — 18. הייסט דאָס, אַז די „פינקטלעכע" ציפער — 3,000 משפחות האָט מסתמא אַ שייכות צו דער אַלגעמיינער, ניט צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. אָבער אונזער סטאַטיס־טיקער פאַרלירט ניט דעם מוט און געפינט דאָ טאַקע, אין הסכּם מיט די „דערפאָלגן" פון די ייִדישע קאָלווירטן אין ביראָ־בידזשאַן דעם פּאַסיקן פּלאַץ צו ציטירן דעם דעקרעט פון 29־טן אויגוסט 1936, וואָס האָט אונ־טערגעשטראָכן, אַז „די העלדישע אַרבעט פון די ייִדישע איבערוואַנדערער לייקנט אָפּ אין דער פּראַקטיק דעם דורותדיקן בורזשואַז-בעל־הבתּישן ליגן וועגן דער ניט־פעאיקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו באַהערשן די אַרבעט אויפן געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט". וואָס איז דאָס — ביטע־רע איראָניע, אָדער זעלבסט-אָפּנאַרעריי? . . . און ווער האָט געשריבן די ציטירטע דעקלאַראַציע: ליטוואַקאָוו? ליבערבערג? און ווו געפינען זיך איצט זייערע ביינער?

4.

דאָס ייִדישע קליין־שטעטל ביים אַמור

מיר האָבן זיך אויספירלעך אָפּגעשטעלט אויף די קאָלווירטן כאָטש עס אַנטשפּרעכט אינגאַנצן ניט זייער באַדייטונג אין דער ייִדישער רע־פּובליק. מיר האָבן עס געטאָן, כּדי מיט קלאָרקייט דעמאָנסטרירן דעם חורבן פון ביראָ־בידזשאַנער לאַנדווירטשאַפט־פּלענער. אַזוי־אַרום, אויב ייִדן וואַנדערן שוין אַריבער קיין ביראָ-בידזשאַן, טאָ פאָרן זיי הויפּטזעכלעך אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן (פריער די סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ) אין באַ־דינגונגען, צו וועלכע זיי זיינען מער צוגעוואוינט, — אין קליינשטעטל־דיקע באַדינגונגען. פאַר וואָס קאַלינין האָט מורא געהאַט, איז פולשטענדיק מקוים געוואָרן.

נאָך אין האַרבסט 1936 האָט דער טוער פון „קאָמערד" טראָצקי (שפּעטער האָט ער אויסגעבעסערט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף טראָיצקי) מיט האַרץ אויסגערופן: „אויב מען זאָל ווייטער פירן די ליניע, באַדייט עס, אַז מיר שאַפן נייע קליינשטעטלעך" („עמעס" פון 23/9 1936). צו דער צייט האָט זיך שוין אָבער אַרויסגעוויזן, אַז קיין אויסוואַל איז ניטאָ. עס זיינען ניטאָ קיין שאַנסן איבערצובערענגען ייִדן־קאָלווירטניקעס קיין

ביראָ־בידזשאַן. דאָס באַדייט, אַז די, וואָס שטעלן זיך ניט פאָר אַ יידישע רעפּובליק אָן אַן ערנסטער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזע, אָן אַ קאָמפּאַקטער מאַסע ערד־אַרבעטער, מוזן זיי זיך אָפּזאָגן פון דער ביראָ־בידזשאַנער אי־דעע. איין צייט האָט זיך געדוכט, אַז די יידישע קאָמוניסטן וועלן קומען צו אַזאַ אויספיר. עס האָבן אָבער גענומען די אויבערהאַנט עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט געזעען קיין וועג אויף צוריק. זיינען מיר איצט עדות אויף דעם, ווי מען מאַכט פון דער נויט אַ טוגנט, — וואָס איז אַגב זייער אָפט אין ראַטן־פאַרבאַנד. די יידישע עמיגראַציע קיין ביראָ־בידזשאַן טראָגט אַן אויסשליסלעך־שטאָטישן, קליין-שטעטלדיקן כאַראַקטער: ס׳פאָרן בעלי־מלאָכות, דעקלאַסירטע, נעכטיקע לופט־מענטשן, סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, טיילווייז אַרבעטער. עס ווערן קאָמאַנדירט ספּעצן, לערער, פאַרטיי־טוער, שרייבער. אויב ס׳גיט זיך ניט איין מיט יידישע הענט צו באַקעמפן די טאַיגע, אויסצוואָרצלען אַ וואַלד, קעמפן מיט דער ערד, מיטן קלימאַט, מיט די אינסעקטן, — משמעות ווערט דער באָדן אין אַמור־געגנט צו־געפּאַסט צום לעבן מיט דער הילף פון קאָרעער, כינעזער, רוסישע און סי־בירישע פויערים און, הויפּטזעכלעך, מיט טויזנטקעפּיקע קאָנצלאַגערניקעס אַטריאַדן. (וועגן דעם האָט דער ערשטער דערציילט אַ ד אָ ל ף ה ע ל ד, ווען ער האָט באַזוכט ביראָ־בידזשאַן אין שליחות פון דער יידישער אַרבע־טערשאַפט פון אַמעריקע אין 1936). אויב אַזוי, טאָ לאָמיר בויען אַ טיפּיש יידיש קליינשטעטל מיט האַנטווערקערישע און פאַבריק־אונטערנעמונגען, קאַנצעלאַריעס, און פאַרטיי־ און פּאָליציי־אַנשטאַלטן. און אַזוי איז אויס־געוואַקסן אַ שטעטל ביראָ־בידזשאַן. סוף 1936 האָט עס געהאַט אַ באַפעל־קערונג פון 18—19 טויזנט („עמעס" פון 5/12 1936), אין 3 חדשים אַרום — שוין 20 טויזנט („עמעס", 27/3 1937). די צאָל צוואַנציק טויזנט איז אפשר נאָענט צו דער ווירקלעכקייט, אָבער גיט ניט קיין ענט־פער אויף דער פראַגע, וואָס אונז אינטערעסירט: וויפיל יידן האָבן זיך באַזעצט אין 10 יאָר אין שטעטל ביראָ-בידזשאַן? ס׳איז דאָ אַ גרונט צו שאַצן די צאָל אין 15—16 טויזנט.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויסאַרבעטן פון 3־טן פינפיאָר־פּלאַן 1938—1942, האָט זיך אין דער סטאַטיסטישער אַרבעט פון די ראַטן־אָרגאַנען אין ביראָ־בידזשאַן געמערקט אַ בעסערונג. מען האָט געמוזט פעסטשטעלן אייניקע סך־הכלן. געווען איז עס אין יוני 1937. די פאַר־

אנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן האָבן אָבער געפונען פאַר פּאַסיקער צו איגנאָרירן די ניט־אָנגענעמע ציפערן, וואָס האָט מיטגעטיילט דער ביראָ־בידזשאַנער גאָספּלאַן. דימאַנטשטיין, למשל, האָט געשריבן, אַז אין בירא-בידזשאַן זיינען פאַראַן „אַרום 3 צענדליק טויזנט יידן" („עמעס", 11/9 1937), מיט צוויי חדשים שפּעטער האָט ער דעם ציפער פּרעציזירט אויף 29 טויזנט („עמעס", 7/11 1937). אין דער אמתן אָבער — לייענען מיר אין דער סטאַטיסטישער טאַבעלע פון גאָספּלאַן („עמעס", 3/6 1937), אַז יידן האָבן אינמיטן פון 1937 אויסגעמאַכט אין בירא־בידזשאַן 18 טויזנט פון 76,500 פון דער גאַנצער בירא־בידזשאַנער באַפעלקערונג, ד"ה 23,8%. שוין די אַבסאָלוטע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַ נישטיקע. די פּראָצענטועלע פאַרהעלטעניש צו דער איבעריקער באַפעלקערונג איז אָבער אַזאַ, אַז עס נעמט אָפּ דעם חשק צו ריידן וועגן דער „יידישער מלוכה" אויפן אמור.

עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך ידיעות וועגן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער בירא־בידזשאַנער באַפעלקערונג צום סוף פון דעם 2־טן פינפיאָר־פּלאַן. די ידיעות זיינען אַזוי צעשמעטערנדיק, אַז זיי ווערן אין ראַטן-פאַרבאַנד פולקאָם פאַרשוויגן.

צום סוף פון צווייטן פינפיאָר־פּלאַן האָבן אין בירא־בידזשאַן געאַרבעט 29,7 טויזנט מענטשן. דאָס זיינען די אַזוי־גערופענע „זעלבסטשטענדיקע" עלעמענטן, אַקטיווע אַרבעטנדיקע. פאַרגלייכנדיק די אַלגעמיינע צאָל בירא־בידזשאַנער איינוווינער — 76,500 מיטן אַקטיוון עלעמענט 29,700, באַקומען מיר די מוראדיקע צאָל פון אַזוי־גערופענע „ניט־זעלבסטשטענדיקע" — קינדער, אַרבעטסאומפעאיקע, אַלטע לייט א"אַ, וואָס זיינען „איזשדיווענצעס", לעבן אויף יענעמס חשבון. זיי באַטרעפן 46,800. ווען מיר ווען אָנווענדן דיזעלבע פּראָפּאָרציע בנוגע יידן, וועלן מיר פעסטשטעלן, אַז פון די 18 טויזנט בירא-בידזשאַנער יידן זיינען אין בעסטן פאַל נאָר 12—10 טויזנט יידן זעלבסטשטענדיקע. און דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכל: צום 10-יאָריקן יובל פון בירא־בידזשאַן האָט מען געשאַפן 12—10 טויזנט ווירטשאַפטלעך־אַקטיווע עלעמענטן. זאָלן טאַקע אָביעקטיווע מענטשן אורטיילן, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן די בירא־בידזשאַנער פּלענער, וועגן וועלכע מען האָט געשטורעמט איבער דער גאַנצער וועלט,

וואָס דאַרפֿן שאַפֿן דאָס נייעסטע, און דאָס שענסטע בלעטל פֿון דער יידישער געשיכטע.

און נאָך אַ טרוקענער סך-הכּל, וועלכן מען דאַרף האָבן אין זינען, ווען מען רעדט וועגן די בירא־בידזשאַנער „דערגרייכונגען”. פֿאַר די ערשטע 10 יאָר פֿון דעם דאָזיקן עקספּערימענט, פֿאַר וועלכע מיר האָבן אַרויסגעבראַכט מער־ווייניקער „פּינקטלעכע” ציפֿערן וועגן דער גרויס פֿון דער איבערוואַנדערונג, — באַקומען מיר אַזאַ בילד: אין יאָר 1929 האָבן איבערגעוואַנדערט 1,000 יידן, אין 1930 — 1,500, אין 1931 — 3,000, אין 1932 — 9,000, אין 1933 — 3,500, אין 1934 — 5,000, אין 1935 — 6,200, אין 1936 — 5,000, אין 1937 — 3,000 — צוזאַמען האָבן איבערגעוואַנדערט אין בירא־בידזשאַן — 37,200 יידן. און אַזוי ווי צום סוף פֿון דעם ערשטן צענדליק יאָר זיינען פֿאַרבליבן, ווי מיר האָבן אויבן באַוויזן, אַן ערך 18 טויזנט, — הייסט דאָס, אַז דער אָפּפֿלוס האָט פֿאַרכאַפּט גאַנצע 50% פֿון די אומגליקלעכע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען געווען געצוווּנגען, נאָך אַ מהלך פֿון 9,000 קילאָמעטער, אומקערן זיך צוריק מיט די ווייבער און קינדער, מיט זייער קאַרגן האָב־און־גוטס. יעדער, וואָס וועט אַריינטראָגן אַזוי־אַרום אין דעם „אַקטיוו” פֿון דער יידישער רעפּובליק 18 טויזנט יידן, האָט ניט קיין רעכט צו פֿאַרגעסן דעם „פּאַסיוו”, וואָס איז גלייך אויף גלייך מיט דעם דאָזיקן „אַקטיוו”.

לויטן מינימאַלן וואַריאַנט פֿון דריטן פּינפּיאָר־פּלאַן זעט מען פֿאָראויס אַריבערצופֿירן קיין בירא־בידזשאַן 100 טויזנט מענטשן, — נאַטירלעך, ס׳האַנדלט זיך דאָס מאָל ניט נאָר וועגן יידן, ווייל פֿון די 100 טויזנט טיילט מען איין: 30 טויזנט אין די קאָלווירטן, — וווּהין יידן גייען כּמעט בכלל ניט. מען האָט שוין די לעצטע צייט אָפּילו איבערהויפּט ניט געשריבן וועגן דעם, וויפֿיל יידן מען וועט אַריבערשלעפּן אין די דאָזיקע מקומות. ס׳זיינען שוין אין דער הינזיכט אַלע אילוזיעס צערונען.

.5

היימישע און אויסלענדישע מאָס־מיטלען

מען האָט איינצייט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפֿט אַרויסגערוקט אַ שטאַרק־ווירקנדיקן אָבער אַ היימישן מיטל צו לייזן דעם קריזיס פֿון דער

ייִדישער עמיגראַציע קיין בירא־בידזשאַן: עס זאָלן וועגן דער ייִדישער אי-
בערוואַנדערונג זאָרגן די אָרגאַנען פון דעם אינערן־מיניסטעריום און פון
דער געהיימער פּאָליציי. צום ערשטן מאָל האָבן מיר וועגן דעם געהערט
פון גענ. אַדאָלף העלד נאָך זיין רייזע אין בירא־בידזשאַן. ס׳האָט זיך דאָ־
מאָלסט ניט געוואָלט גלויבן אין דעם, אָבער באַלד האָט עס באַשטעטיקט
דער קאָמיסאַר אַליין, דימאַנטשטיין, און שוואַרץ אויף ווייס דערקלערט,
אַז „דעם איבערוואַנדערונגס־עניין, דאָס ווערבירן, אָפּקלייבן, טראַנספּאָר-
טירן וועלן איבערנעמען מלוכה־אָרגאַנען“ (ס׳איז פאַרשטענדלעך — וואָ־
סערע!) („עמעס“, 5/11, 1936). גלייך נאָכדעם האָט דערזעלבער די־
מאַנטשטיין אויפגעקלערט די סיבות, וועלכע האָבן געשטויסן דעם „קאָמ־
ערד“ איבערצוגעבן די זאַך דער גע־פּע־או, ווען ער האָט אונטערגעשטראָכן
די ספּעציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס עס ליגט אויף מענטשן, „וועלכע
מען שיקט אויף אַרבעט אין גרעניץ־ראַיאָנען“. („עמעס“, 27/3, 1937).
מיט איייניקע חדשים שפּעטער איז געווען פאַרעפנטלעכט, אַז קאָנקרעט
פאַרנעמט זיך שוין מיט דער איבערוואַנדערונג אין בירא־בידזשאַן אַ „ספּע־
ציעלע פאָלקאָמאינערן־בריגאַדע“ („עמעס“ 20/6, 1937). נאָכדעם זיי־
נען אָבער אַריבער אַ פּאָר יאָר, אין וועלכע מען האָט אָנגעווענדט אַזעלכע
שטאַרק־ווירקנדיקע מיטלען, זינט די אָרגאַנען פון דער ייִדישער סאָוועטי־
שער „געזעלשאַפטלעכקייט“ האָבן אַזוי גערן איבערגעגעבן די טשעקיסטן
זייער איינציקע אויפגאַבע בנוגע בירא־בידזשאַן. די רעזולטאַטן זיינען די
זעלביקע, ווי מיר האָבן געזען. מיט איין קלאַפּ איז אָבער דערגרייכט
געוואָרן נאָך אַ רעזולטאַט: דער „קאָמערד“ און דער „געזערד“ זיינען
געוואָרן איבעריק און מען האָט זיי פאַרמאַכט . . .

פאָראויסזעענדיק, אַז די היימישע הייל־מיטלען וועלן ניט פאַרבעסערן
די לאַגע, האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן און אויך די סאָוועטישע מאַכט גע־
האַט אין זינען אָנצוּווענדן אַ מער ווירקזאַמען אויסלענדישן מיטל. ווען
די סאָוועטישע ייִדן ווילן און קאָנען ניט פאָרן קיין בירא־בידזשאַן, איז
אפשר אַ פּלאַן צוציען אַ מאַסן־עמיגראַציע פון אַנדערע לענדער: פּוילן,
ליטע, לעטלאַנד, דייטשלאַנד אאַז״וו, ווו די לאַגע אין רעזולטאַט פון נויט
און אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אינגאַנצן אומדערטרעגלעך. אין ראַטן-
פאַרבאַנד האָט מען שוין זינט 1931 גאָרניט געהאַט קעגן דעם, אַז
אַזאַ פּלאַן זאָל דורכגעפירט ווערן. מען האָט אפילו אָפּגעשלאָסן אַ ספּע־

ציעלן פערטראג מיטן „אגראדזשאינט" בנוגע אריינפירן קיין ביראָ־בי־דזשאַן 1,000 יידן פון פוילן, ערשטע פּראָבע פון דעם ווייטגייענדיקן אי־מיגראַציע־פּלאַן.

מען האָט גערעכנט, אַז פון דעם וועט פיל געווינען דער מאָראַלישער פּרעסטיזש פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט דאַמאָלסט געהאַלטן כּסדר אין פּאַלן. דער דאָזיקער פּלאַן האָט טאַקע געגעבן די מעגלעכקייט פאַרשיידענע „פריינט פון ראַטן־פאַרבאַנד" אין אויסלאַנד צו פירן פּראָפּאַגאַנדע. עס האָט זיך אָבער אין אַ יאָר אַרום, — צו האַרבסט 1937, — אַרויסגעוויזן, אַז די ראַטן־מאַכט וועט אויפן ווייטן מזרח קיין אויסלענדישע יידן ניט אַריינלאָזן. ס'איז שוין געגאַנגען די סדרה פון כאַפּן „שפּיאָנען און דיווער־סאַנטן".

אייניקע פירער פון ביראָ־בידזשאַן זיינען אויך באַשולדיקט געוואָרן אַלס „יאַפּאָנישע אַגענטן". אויסלענדער, אַפילו יידן, האָט מען געשטעלט אונטער אַ חשד. און פון דעם פּלאַן צו קאָלאָניזירן ביראָ־בידזשאַן, אויב ניט מיט רוסישע, איז מיט פּוילישע יידן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ זייפן־בלאָז. (ווער ווייסט, אפשר אין דער צייט פון דער מלחמה און שפּעטער וועט מען מיט פּוילישע, ליטווישע און ענלעכע פּליטים פּרוּוון אויסצופילן דעם פּלאַן, וואָס ס'האָבן די רוסישע, סאָוועטישע, ניט געקאָנט און ניט גע־וואָלט אויספילן...)

.6

די אומגליקלעכע איבערוואַנדערער

די בויער פון ביראָ־בידזשאַן זיינען געבליבן פּנים על פּנים מיטן פולקאָמענעם קראַך פון אַלע זייערע גרויסע האָפענונגען און פּלענער. צען יאָר אַרבעט און מי, האָבן געפירט צו דער שאַפונג פון אַ טיפּיש קליינ־שטעטל, וועלכן ס'איז אוממעגלעך אַרויסצושטעלן פאַרן סימבאָל פון דער יידישער מלוכהשאַפט. קנאַפּע דערגרייכונגען! אָבער אויסער דעם, וואָס יידן ווילן ניט פאָרן אין עק וועלט, קומט דאָ נאָך צו אַ נייע צרה, — די באַדינגונגען אין ביראָ־בידזשאַן זיינען אַזוי שלעכט, אַז ס'זיינען אַנט־לאָפן כּסדר די, וועלכע זיינען שוין דאָרטן אַריינגעפאַלן. און אַנדערש קאָן עס גאָרניט זיין. מען לויפט צוריק אין רוסלאַנד, אין אוקראַינע, אין ווייס־

רוסלאַנד, און מען פאַרשפּרייט זיך אין די שטעט פון ווייטן מזרח. מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דער טאַיגע, וועגן קלימאַט, אינסעקטן, גוס־רעגנס, פאַרפלייצונגען אאַז״וו, וואָס זיינען אַ שטער צו דער צופּאַסונג צו די אַרטיקע באַדינגונגען. אָבער ס׳איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער שטער, וועלכן די ראַטן־מאַכט האָט ניט געקאָנט באַזייטיקן אין משך פון די אַלע יאָרן: מיר ריידן אין דער ערשטער ריי וועגן דעם קאַטאַסטראָפאַלן מאַנגל אין וואוינונגען, וואָס רופט אַרויס דאָס מאַסנווייזע אַנטלויפן. אין אַלע מיטטיילונגען וועגן בירא־בידזשאַן לייענט מען וועגן דעם, אַז די דער־שיינונג האָט אָנגענומען אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער, און אַז אַלע בוי־פּלענער (און פּלענער, ברוך־השם, האָט מען גענוג!) פאַלן דורך איינער נאָכן אַנדערן.

ס׳איז גענוג צו ברענגען איין כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע. מען האָט געפּלאַנעוועט אויסצובויען 900 הייזער. שפּעטער האָט מען דעם פּלאַן פאַרקירצט ביז 596 הייזער, צום סוף יאָר האָט מען אויסגעבויט נאָר 178 הייזער, אָבער אויך די האָט מען ניט געקאָנט פאַרענדיקן. און מען האָט געקאָנט באַוווינען נאָר — 55 הייזער. אַנשטאָט 900 און שפּעטער 600 — אינגאַנצן 55. („עמעס״, 29/10, 1936). דאָס זעלבע איז אין דער „רעזידענץ״, אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן. אַרבעטער — איבערוואַנ־דערער מיט פאַמיליעס פון 6—5 מענטשן וואַלגערן זיך אין איין צימערל, לעבן אין קאַלטע באַראַקן, ווו עס איז ניט צו באַקומען קיין געקאָכטע וואַסער. וווינען אַזוי ניט איין אָדער צוויי חדשים, ניט 6 חדשים, נאָר אַ יאָר און צוויי („עמעס״, 29/10, 1936). ווען די סאָוועטישע פּרעסע האָט געבראַכט אַזעלכע שרייענדיקע בילדער, האָבן זיי משמעות צו שרעקלעך געווירקט, — און מען האָט אויפגעהערט צו דרוקן אַזעלכע זאַכן און מען רעדט נאָר אויף אַלגעמיינע טעמים, — וועגן דער „ביוראָקראַטישער באַ־ציאונג צו איבערוואַנדערער״. אין דער זעלבער צייט האָט מען געפּרוּווט געפינען אַן אויסוועג פון דעם פאַרשאַלטענעם קרייז. מען האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגלעכע מיטלען, כּדי צו אָרגאַניזירן די בוי־אַרבעטן. מען האָט גע־זאָרגט וועגן בוי־מאַטעריאַלן, — ס׳זיינען דאָך דאָ אַרום און אַרום גוואַל־דיקע וואַלד־רייכטימער. אָבער מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ערנסטע מניעה: ניטאָ קיין בוי־אַרבעטער קאַדרען. פּרוּווט מען צוציען אַזעלכע אַרבעטער, ווי איבערוואַנדערער. נאָר אָט האָבן מיר לויט דער סטאַטיסטיק

פאַרן יאָר 1937 גאַנצע 3,000 אַרבעטער יידישע איבערוואַנדערער. וויפיל ס'זיינען פאַראַן צווישן זיי בוי־אַרבעטער? אינגאַנצן 145 („עמעס, 15/2, 1938). בויען דאַרף מען אָבער הונדערטער הייזער און געביידעס. האָט מען באַשלאָסן אַריינצופירן טויזנטער בוי־אַרבעטער צייטווייליק פון אַנ־דערע געגנטן, אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן סיי שווער, סיי טייער, און קיין סמעטע האָט דאָס ניט פאַראויסגעזען, — און דער פּלאַן איז אין אַלגעמיין געווען אַ פאַנטאַזיע („עמעס", 5/12, 1936). אַזוי האָט זיך אין דעם בוי־ און וווינונג-ווען געשאַפן אַ פאַרפישופטער קרייז. אין גאַנץ רוסלאַנד ווייסט מען וועגן דעם, — צי דאַרף מען זיך וווּנדערן, אַז קיינער, באַזונדערס קיין פאַמיליע־מענטשן, וואַגן ניט צו פאָרן אין דער יידישער רעפּובליק.

ס'איז אָבער פאַראַן דאָמאָלסט אַ רעטעניש. ס'איז באַקאַנט פון דער פּראָפּאַגאַנדע און פון דער סאָוועטישער רעקלאַמע, אַז אין בירא־בידזשאַן איז אויפגעבויט געוואָרן אַ באַנהאָף־געביידע, אַ געביידע פאַרן יידישן טע־אַטער אאַז"וו. פרעגט זיך, ווי אַזוי האָט מען פאַרווירקלעכט אין לעבן אַזעלכע פּלענער, ווען עס פעלן הייזער פאַר די אַרבעטער און שטאַלן פאַר די בהמות און פערד און פאַר גרינוואַרג אין די דערפער? דער ענטפער קלינגט פשוט און קלאָר: דעם באַנהאָף און דעם יידישן טעאַטער האָט מען אויפגעבויט מיט דער ביליקער אַרבעטס־קראַפט פון די קאָנצלאַגער־ניקעס. עס האָט טאַקע באמת געפעלט אַזאַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: די „יידישע רעפּובליק", וואָס איז אויפגעבויט אויף די ביינער פון די קאָנצ־לאַגערניקעס.

7.

אויספירן

ס'בלייבט אונז איבער צו מאַכן אַ סך־הכּל פון דעם עקספּערימענט אין בירא־בידזשאַן:

1) דער פּלאַן אַריבערצופירן 100 טויזנט יידישע משפחות איז אַנט־גילטיק דורכגעפאַלן. ס'האָט זיך פון אים אויסגעלאָזט אינגאַנצן אַן איבער־וואַנדערונג פון 16—18 טויזנט יידן פאַר 10 יאָר צייט.

2) אַנשטאָט אַ יידישער רעפּובליק מיט אַ מער אָדער ווייניקער

לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזע איז אַרויסגעקומען אַ טיפּיש קליין-שטעטל אויף די ברעגן פון אַמור.

3) די יידישע קאָלווירטן פאַרמאָגן אַ באַפעלקערונג פון 3 ביז 4 הונדערט משפחות און פירן אַ נעבעכדיקע עקזיסטענץ.

4) ס'האָט זיך מיט דער פולסטער קלאָרקייט אַרויסגעוויזן, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן אינגאַנצן ניט בדעה צו פאַרלאָזן זייערע וווינערטער און צו לאָזן זיך קיין ביראָ־בידזשאַן.

5) די שווערע באַדינגונגען פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין ביראָ־בידזשאַן, — סיי אין דאָרף, סיי אין שטאָט, — און פריער פאַר אַלץ די אומפעאיקייט פון דער מאַכט צו אָרגאַניזירן דאָס בויען און באַפרידיקן די דירה־נויט פון די איבערוואַנדערער, האָבן געפירט צו אַ מאַסנווייזן אַנט־לויפן פון די שוין־געקומענע יידן. (ביראָ־בידזשאַן האָבן פאַרלאָזן אַרום 20—17 טויזנט מענטשן, ד"ה 50% פון אַלע איבערוואַנדערער).

6) די ליגנערישקייט פון רעקלאַמירן די ביראָ־בידזשאַנער „דער־גרייכונגען", וואָס עס האָבן געטאָן די יידישע קאָמוניסטן און די ראַטן־מאַכט, ווערט בולטער מיט יעדן טאָג סיי אין ראַטן-פאַרבאַנד, סיי אויסער זיינע גרעניצן.

7) פונקט אַזאַ ליגן איז אַרויסצורוקן ביראָ־בידזשאַן אַלס אַ יידי־שע רעפּובליק און דאָס צוטיילן איר אַ מין „פאָרשטייערשאַפט" פון יידישן פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד. די דערפאַרונג באַווייזט בולט, אַז דאָרטן האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן ניט קיין יידישע מלוכהשאַפט, ניט קיין „קול־טור-צענטער".*)

---

*) וואָס איז נוגע דער ראָלע פון ביראָ-בידזשאַן, ווי אַ „צענטר פון דער יידישער קולטור" איז אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ ציטאַט פון ל. זינגערס ביכל: „אויף יעדע 1,000 איינוווינער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט לערנען זיך 153 קינדער און יוגנטלעכע אין די אָנפאַנגס-שולן, ניט-פולע מיטלשולן און מיטל-שולן, אויף יעדע 1,000 איינוווינער קומט אויס דורכשניטלעך 1,121 ביבליאָטעק-ביכער און אויף יעדע 2,5 טויזנט — אַ קלוב". ס'איז זייער שיין, — אָבער דאָס כאַראַקטעריזירט די קולטור-בויאונג אין אַלגעמיין און ניט דאָס יידישע קולטור. וועגן דער יידישער קולטור — קיין איין-איינציק וואָרט. „די פּערספּעקטיוון פון ווייטערדיקן וווּקס פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור אין דער געגנט זיינען דירעקט פאַרבונדן מיטן פאַרנעם פון דער יידישער איבערוואַנדערונג אַהין" — באַמערקט מעלאַנכאָליש דער מחבר . . .

8) די מיליאָנען רובל, וואָס די ראַטן־מאַכט האָט אויסגעגעבן אויף דעם לופט־פּלאַן פון אַ יידישער רעפּובליק אין ביראָ־בידזשאַן, זיינען אַרויס־געוואָרפן. מען האָט זיי פאַרטאַכלעוועט. מען קאָן זאָגן „שעדיקעריש", ווייל נאָר „שעדיקער" האָבן געקאָנט פאָרזעצן די פאַרווירקלעכונג פון דעם פּלאַן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין פאַלשקייט און זינלאָזקייט סיי פון אַלגעמיין מלוכהשן, סיי פון ספּעציעל־יידישן שטאַנדפּונקט.

VIII. „שונאים פון פאָלק“

1.

דער „אונטערלעקער“ און דער מסור

אין פרילינג 1937 איז אין סאָוועט-רוסלאַנד געווען אַ מאָדע צו באַשולדיקן איינע די אַנדערע אין אונטערלעקעריי.

אייגנטלעך איז ניט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי קאָן מען באַשולדיקן אין „אונטערלעקעריי“ דאָרטן, ווו די גאַנצע סיסטעם איז דערפירט געוואָרן צו אַזאַ לאַגע, אַז אַלע, וואָס ווילן נאָר לעבן, מוזן אָן אַ מאָס און אָן אויפהער „אונטערלעקן“ דעם זעלבסטהערשער, דעם „בעל־הבית“... אָבער אַזוי ווי נאָך זייער אַ סך זאַכן זיינען אונז ניט פאַרשטענדלעך אין ראָטן־לאַנד, בלייבט אונז נאָר צו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט: מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן באַשולדיקן איינע די אַנדערע אין „אונטערלעקעריי“. צווישן אַנדערע, איז אַלס אונטערלעקער דערקלערט געוואָרן אויך דער באַקאַנטער שרייבער דוד בערגעלסאָן.

אָנגעהויבן האָט זיך דער ענין אַזוי: דעם 27־טן מערץ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „עמעס“ אַ באַריכט וועגן דער אַרויסטרעטונג פון בערגעלסאָנען אין אָדעס, ווו ער האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון ביראָ־בידזשאַן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז בערגעלסאָן האָט ניט געזשאַלעוועט קיין ווערטער, כדי צו מאָלן די גרויסע „דערגרייכונגען“ אין דעם יידישן אויטאָנאָמען געגנט, כאָטש דאָן איז שוין כמעט פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז מיט דער בויאונג פון ביראָ־בידזשאַן גייט עס מיט די פוטער אַראָפּ. אָבער די באַרימערייען און די איבערטרייבונגען האָבן ניט באַגענגט קיין „באָלשעוויסטישע“ קריטיק פון דעם רעדאַקטאָר פון „עמעס“. די קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס וועגן בערגעלסאָנס אַרויסטרעטונג איז אָפּגע־

דרוקט געוואָרן אָן וועלכע ניט איז באַמערקונגען. בערגעלסאָן איז נאָך בערגעלסאָן און בירא־בידזשאַן איז נאָך בירא־בידזשאַן.

עס זיינען אָבער פאַרלאָפן נאָך א 9—10 טעג, און דאָס בילד ענדערט זיך מיט אַמאָל אויף גאַנצע 100 פּראָצענט: עס האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה „כאַוווקיניאַדע" אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דער גרויסער, דער „געניאַלער" כאַוווקין, דער אַלמעכטיקער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון בירא־בידזשאַן, איז מיט איין מאָל געפאַלן און האָט מיטגעשלעפּט צוזאַמען מיט זיך זיין גאַנץ „אַרטעל". דער רעדאַקטאָר פון „עמעס", דער באַקאַנטער ליטוואַקאָוו, האָט אויסגענוצט די לאַגע, כּדי דערטרינקען אין דעם גרויסן וויר־וואַר אויך בערגעלסאָנען. דעם 6-טן אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון כאַוווקינען, און שוין דעם 9־טן אַפּריל האָט ליטוואַקאָוו דערציילט די פּיקאַנטע געשיכטע וועגן בערגעל־סאָנען.

עס לוינט צו ברענגען בוכשטעבלעך דעם זאַץ פון דעם אַנטשפּרעכנ־דיקן אַרטיקל פון „עמעס" (לייטאַרטיקל, נומ' 81):

„די חניפה און אונטערלעקעריי איז דערגאַנגען אַזוי ווייט; דער גייסט, וואָס כאַוווקין האָט איינגעפּלאַנצט, איז געווען פון אַזאַ מין, אַז דער שרייבער ח' דוד בערגעלסאָן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מין פּראָ־פעסיאָנעלן „מזמור לכאַוווקין"־זאָגער און האָט זיך אַפילו דערלויבט אָנצושרייבן אין אַן אויסלענדישן זשורנאַל, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין ראַטן-פאַרבאַנד געטראָפן א גרויס גליק: דער צופאַל האָט אים צוגע־שיקט אַזאַ געניאַלן מענטשן, ווי דער ח' כאַוווקין. בערגעלסאָן האָט זיך דערלויבט אַזוינס צו שרייבן — און כאַוווקין האָט דאָס מיט פאַרגעניגן, פאַרשטייט זיך, אָראָפּגעשלונגען!... ווי זאָגט מען: קאָמענטאַרן זיינען דאָ איבעריק".

עס פאַרשטייט זיך, אַז די געשיכטע מיט כאַוווקינען האָט פאַרשאַפט כמעט אַלע יידישע קאָמוניסטן זייער פיל עגמת־נפש. ליטוואַקאָוו אַליין איז אויך ניט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז אים וועט מען ניט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און דעריבער טאַקע איז ער אַרויסגעטראָטן מיט זיין סענסאַציע וועגן בערגעלסאָנען דעם אונטערלעקער. זיין חשבון איז גע־ווען גאַנץ ריכטיק געבויט: ערשטנס, וועט ער אַריינציען אין דעם ענין

כאַװקין אויך דוד בערגעלסאָנען און אָפּציען פון זיך די אויפמערקזאַמקייט. צװייטנס, װעט ער טאַקע אונטערשטעלן אַ פּיסל זײַן אַלטן קענער.

װי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, האָט די „באָמבע" פון ליטװאַקאָװן אויפגערודערט די גאַנצע יידישע שרייבער־משפּחה. ס'זײַנען פאַראַן ניט װייניק שרייבער, װאָס האָבן זייער פיינט דעם פּיל־פּנימדיקן בערגעלסאָנען, און זיי האָבן טאַקע מיט גרויס אינטערעס געװאַרט, װי װעט ער זיך אַרויסדרייען פון דער מיאוסער מעשה . . .

פאַר בערגעלסאָנען איז טאַקע געקומען אַ בייזע שעה. כּדי זיך צו ראַטעװען, האָט ער זיך געמוזט װענדן צו זײַנע . . . „גױאישע" פאַרבינדונגען, װאָס ער האָט פון פאַראויס אָנגעקניפּט אין די רוסישע קאָמוניסטיש־ליטעראַרישע קרייזן. עס איז סוף־כּל־סוף פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די יידישע שרייבער, אויף װעלכער ס'האָט זיך אויסגעשפּילט דער עפנטלעכער קאַמף צװישן די צװיי יידישע קאָמוניסטישע „ריזן": ליטװאַקאָװן און בערגעלסאָנען. די סטראַטעגיע פון בערגעלסאָנען האָט זיך טאַקע באַרעכטיקט. אים איז געלונגען „איבערצוכיטרעװען" ליטװאַקאָװן, און ער האָט די שלאַכט געװוּנען.

װי די מאָדע איז, האָט בערגעלסאָן אָנגעהויבן מיט קלאַפּן זיך אין האַרצן, מיטן „על-חטא". דער מאָמענט איז געװען טאַקע אַ געפערלעכער. כאַװקין איז שוין אַפּנים געװען אַרעסטירט, און האָבן עפּעס געמיינזאַמעס מיטן אַרעסטירטן כאַװקינען האָט פאַר בערגעלסאָנען גאָר ניט געלוינט. דערפאַר האָט בערגעלסאָן, ערשטנס, דערקלערט, אַז ער האָט געמאַכט אַ „פעלער", װען ער האָט געזאָגט: „איך באַװוּנדער זײַן גאָניאַליטעט"; צװייטנס, האָט בערגעלסאָן פעסטגעשטעלט, אַז זײַן דערקלערונג װעגן כאַװקינס גאָניאַלקייט איז ניט געװען קיין עפנטלעכע, נאָר זי איז געװען אויסגעדריקט אין אַ פּריװאַטן בריװ צו אַ שרייבער נאָך מיט אַ יאָר צוריק, און דער דאָזיקער שרייבער האָט אָן זיין, בערגעלסאָנס, װיסן געגעבן פון דעם בריװ אַן אויסצוג אינם זשורנאַל „נײַ־לעבן", װאָס װערט אַרויסגעגעבן פונם „איקאָר" אין ניו־יאָרק . . . („עמעס" פון דעם 23־טן מאַי).

װי מיר זעען, איז די היסטאָריע פון דער מעשה אַ גאַנץ פאַרדרייטע געשיכטע, װי עס דריקט זיך אויס אַ פערסאָנאַזש בײַ שלום־עליכמען.

געכאַפּט בײַ דער האַנט, האָט זיך בערגעלסאָן געדאַרפט דרייען, װי אַ חנוכּה־װערפל, און געפּרוּװט זיך אַרויסדרייען פון אַ װאָס פאַר אַ ניט

איז פֿאַרבינדונג מיט כּאַווקינען און אַרויסקריכן פֿון דער בלאַטע, אין וועלכער עס האָט אים מיט פֿאַרגעניגן געוואָלט דערטרינקען ליטוואַקאָוו.

דאָס האָט זיך בערגעלסאָנען איינגעגעבן. מען קאָן זיך אָבער לייכט פֿאָרשטעלן, אַז בערגעלסאָן האָט זיך געקאָנט אַרויסדרייען פֿון די ערנסטע באַשולדיקונגען ווען זיין פֿאַרבינדונג מיט כּאַווקינען ניט אַזוי מיט דער הילף פֿון די „תּירוצים", וואָס ער האָט געבראַכט אויף דער יידישער שרייבער־פֿאַרזאַמלונג, ווי מיט דער קראַפֿט פֿון די „פּראָטעקציעס", וועלכע ער האָט באַקומען פֿון וויכטיקע גויאישע באַקאַנטע. די לעצטע האָבן געזאָגט דאָרטן ווו מען דאַרף, מען זאָל אים לאָזן צו־רו און ניט טשעפּען.

איצט איז אָבער אַריינגעפֿאַלן אין אַ קלעם ליטוואַקאָוו אַליין, און אין „עמעס" (פֿון 23־טן מאַי) איז ער געצוווּנגען געווען צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַן אַרטיקל מיט אַנטשולדיקונגען און דערקלערונגען, געשריבן אין אַ זייער מעסיקן און שטילן טאָן, וואָס דאָס אַנטשפּרעכט גאָרניט דעם געוויינטלעכן בייסנדיקן כּאַראַקטער פֿון ליטוואַקאָווס פֿעדער. אַפּנים די בעלי־בתּים האָבן געהייסן זיך איבערבעטן.

ליטוואַקאָוו שרייבט, אַז דער גאַנצער ענין „בערגעלסאָן דער אונטערלעקער" איז אייגנטלעך אַ בלבול, אַ מיספֿאַרשטענדעניש. דער „עמעס" האָט באַנוצט אַ „ניט געהעריקן אויסדרוק", ווען ער האָט אָנגערופֿן בערגעלסאָנען „מזמור־לכאַווקין־זאָגער". דער „עמעס" האָט געמאַכט אַ „פֿעלער" און איצט באַמיט ער זיך גוט צו מאַכן דעם דאָזיקן פֿעלער: ניט בערגעלסאָן איז שולדיק, נאָר כּאַווקין, ווייל דער דאָזיקער כּאַווקין האָט „מיט זיין סיסטעם פֿון פּאָליטישן שאַנטאַזש אויסגענוצט בערגעלסאָנס נאָמען, האָט אַרומגערינגלט בערגעלסאָנען מיט אָפּנאַרעריי" אאַז"וו. ליטוואַקאָוו ענדיקט דעם אַרטיקל מיט אַ פֿייערלעכער אָנערקענונג פֿון דער „גרויסער באַדייטונג פֿון בערגעלסאָנס שעפֿערישער אַרבעט"... אַזוי כּשרט ליטוואַקאָוו דעם אונטערלעקער בערגעלסאָן, און מאַכט זיך גאָר ניט ווויסנדיק, וועך עס האָט דאָס אייגנטלעך אין „עמעס" געוואָרפֿן די סענסאַציאָנעלע באָמבע אויף בערגעלסאָנען.

ווען מיר וועלן דעם גאַנצן ענין באַפֿרייען פֿון דער נעץ פֿון קאָמוניסטישע אינטריגעס, וועלן מיר מוזן קומען צום אויספֿיר, אַז אין דעם פֿאַל האָט בערגעלסאָן געשפּילט די ראָלע פֿון אַן אונטערלעקער און ליטוואַקאָוו — די ראָלע פֿון אַ מסור . . . וואָס עס איז שענער און בכבודי־

קער — דאָס וועלן מיר שוין לאָזן באַשטימען פאַר די יידישע קאָמוניסטן! . . .

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר חדשים און דער שטערן פון דעם רעדאַקטאָר פון „עמעס” האָט זיך אויסגעלאָשן. ליטוואַקאָוו איז דערליידיקט און בערגעלסאָן — ניט נאָר ער לעבט, נאָר ער האָט אויפגעבליט אַלס פּובליציסט אויף די שפּאַלטן פון „עמעס”. אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דעם ווי ליטוואַקאָוו איז, נאָך 16 יאָר אַרבעט, אַראָפּגענומען געוואָרן פון רעדאַקטאָר־פּאָסטן, האָט בערגעלסאָן אין אַרטיקל „דער יום־טוב פון די וואַלן” („עמעס”, פון 20־טן אָקטאָבער) געשריבן, אַז „די לענין־סטאַלינישע פּאַרטיי האָט אונז דערפירט צו אונזער איצטיקן גליקלעכן לעבן און האָט אונז געלערנט צו זיין וואַכזאַם און אויפדעקן די שונאים פון אונזער לאַנד, וואָס זיינען אויך די שונאים פון יעדן פון אונז”. די לעצטע ווערטער, וועלכע מיר שטרייכן דאָ אונטער, קאָן מען פאַרשטיין נאָר אַלס אַן אויסדרוק פון דעם נקמה־געפיל איבער דעם זיג, וואָס בערגעלסאָן האָט סוף־כל־סוף אָפּגעהאַלטן איבער זיין פּערזענלעכן שונא — איבער ליטוואַקאָוון. ער פרייט זיך, אַז זיין שונא איז דערקלערט אַלס שונא פון פאָלק . . .

2.

די „ניט־אַנטוואָפּנטע” בונדיסטן

סוף נאָוועמבער פון יאָר 1937 זיינען אין מאָסקווע פאָרגעקומען וויכטיקע זיצונגען פון „געזערד”, ביי וועלכע עס זיינען בייגעווען פיל פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ. אַ פאָרטראָג אויף דער זיצונג האָט געהאַלטן דער יידישער קאָמיסאַר דימאַנשטיין. נאָכדעם זיינען אַרויסגעטראָטן די אָרטיקע טוער.

קיין פּראָמינענטע קאָמוניסטן זיינען שוין אויף די זיצונגען ניט געווען, ווייל זיי זיינען שוין אַפּנים געווען אַרעסטירט אָדער אויסגעהרגעט. דערפאַר איז אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט אויף די זיצונגען, געווען ניט אינטערעסאַנט. אין דער „יידישער אַרבעט” האָט שוין געהערשט אַ בין־השמשות־צייט. וויכטיק איז אָבער פעסטצושטעלן איין זאַך, אַז סיי די אָנפירער פון „געזערד”, סיי די פּראָווינציעלע טוער האָבן כמעט גאָרנישט ניט גערעדט וועגן די פראַגן פון יידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד און וועגן

דעם פולן דורכפאַל פון דעם בירא־בידזשאַנער בלאָף, וואָס האָט זיך צו דער צייט באַזונדערס קלאָר אַרויסגעוויזן. ניט די „דערגרייכונגען“, און ניט די „דורכפאַלן“ האָבן שוין קיינעם ניט אינטערעסירט. פאַר אַלע רעדנער איז געשטאַנען נאָר איין־איינציקע אויפגאַבע: ווי אַזוי אַרויסצווייזן אַזוי פיל איבערגעגעבנהייט דעם „פירער“ און דעם „פאָטער פון די פעלקער“ — אַז זייער לעבן נאָך די זיצונגען זאָל אויך זיין גאַראַנטעוועט און געזיכערט. און דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז אַלע קאָמוניסטן האָבן אין איין קול גערעדט און געשריען, אַז זיי זיינען גליקלעך, — גליקלעך אָן אַ סוף מיט דעם, וואָס די „געפּעאו“ האָט געכאַפּט און געפייניקט זייערע חברים.

דער „עמעס“, וואָס האָט דאַמאָלסט נאָך עקזיסטירט און געגעבן די נויטיקע דירעקטיוון, האָט טאַקע אויסגעשפּראָכן דעם געדאַנק מיט די פאָלגענדיקע שיינע ווערטער: „מיר דאַרפן זיין גליקלעך, וואָס דער חבר יעזשאָוו (דער דאַמאָלסדיקער הויפּט פון דער „געפּעאו“), דער רומפולער סטאַלינישער פאָלקסקאָמיסאַר, האָט אויפגעדעקט די פאַרברעכערישע, פיינטלעכע גרופּן, וועלכע זיינען אַריינגעקראָכן אין אונזערע רייען“ („עמעס“, פון 22-טן נאָוועמבער). דער אָרימער „עמעס“ פילט זיך „גליקלעך“ מיט דער בלוטיקער רייניקונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט כמעט די גאַנצע משפּחה פון די יידישע קאָמוניסטן אין לאַנד. דער אָרימער „עמעס“, — וואָס קאָן ער נאָך אויסדריקן, אחוץ אַ דאַנק דעם דיקטאַטאָר, וואָס היינט דערלויבט ער נאָך אים, דעם נאָמענלאָזן רעדאַקטאָר, צו לעבן אויף דער וועלט. „בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט, איידער... אַ הונט, וואָס איז שוין געפּגרט“, — קאָן מען אין דעם פאַל פּאַראַפראַזירן דעם באַקאַנטן שפּרוכוואָרט.

וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אויף דער זיצונג פון „געזערד“ ביי אַזעלכע אומשטענדן, — איז דאָס, אַז צווישן די „אויסוואורפן“, מיט וועלכע מען פירט אַ ביטערן קאַמף אין סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען צוזאַמען מיט די טראָצקיסטן און בוכאַרינצעס, אַמאָל אין אַ נאָווינע אָנגערופן געוואָרן אויך די געוועזענע בונדיסטן, וואָס זיינען אַריבער צום קאָמוניזם נאָך אין יאָר 1921, — אָנגערופן אונטערן טיטל: די „ניט־אַנטוואָפנטע בונדיסטן“.

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז וועגן דעם „בונד“ און די בונדיסטן

האָט מען זיך דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובּילײ זײַנעם (1937—1897). און אויף זײער אײגענעם נוסח צו דערמאָנען אַ יובּילײ, האָבּן די סטאַליניסטן נאָך אײן מאָל אײנגעשלאָסן די בּונדיסטן אין דער רײ פון די „שונאים פון פאָלק". אָבּער אַלע װײסן, אַז בּײ סטאַלינען, װי אַמאָל בּײ לענינען, קומט גאַרנישט פאַר אַזױ זיך, אָן אַ צװעק און אָן אַ ציל. װען אויף די זיצונגען פון „געזערד" רעדט מען װעגן בּונדיסטן, איז אויף דעם פאַראַן אַן אורזאַך: מען װיל עמיצן כאַפּן בּײ דער האַנט, מען װיל „דעמאַסקירן", „ארונטעררײסן די מאַסקע". און אַזױ װי צװישן די איבּערגעבּליבּענע רעשטלעך פון די יידישע קאָמוניסטן זײַנען שוין אויסגעשעפּט אַלע, װעלכע מען קען פאַרצײכענען אַלס טראָצקיסטן און בּוכאַרינצעס און בּאַשולדיקן אין „שפּיאָנאַזש" אאַז"װ, — האָט מען זיך גענומען פאַר די ניט־אַנט־װאָפּנטע בּונדיסטן.

פון „עמעס" פון 24־טן נאָװעמבּער 1937 דערװײסן מיר זיך, װי אַזױ מען גײט־צו צו דער דאָזיקער פראַגע. מען בּאַשולדיקט עטלעכע פירער פאַר אַלע „פעלערן", „דורכרײסן" און „אָפּנײגן" אין דער „געזערד"־אַרבּעט. מען שרײבּט װעגן די „פאַרבּיסענע שונאים פון פאָלק", װאָס האָבּן אויס־גענוצט די „אָפּגעטעמפּטע בּאָלשעװיסטישע װאַכזאַמקײט" און װאָס האָבּן דאָ און דאָרט צוגעלײגט זײער „בּאַנדיטישע האַנט". אַזױ האָט געשריבּן מיט זײַן הילצערנעם לשון דער „עמעס" און האָט צוגעגעבּן, — אַז דער פּרעזידיאום פון „געזערד" איז ניט געשטאַנען אויף דער בּאָלשע-װיסטישער הײך. קורץ: „אין דער אָנפירונג גופא איז װײט ניט אַלץ אין אָרדענונג. ניט אַלע מיטגלידער פון פּרעזידיאום זײַנען פּעאיק אָנצופירן מיט דער אַרבּעט, װאָס איז זײ אָנגעטרויט".

דער לעזער פאַרשטײט שוין, אַז דאָס איז אַלץ נאָר אַ הקדמה, און ער פרעגט זיך: װעמען מײנט מען דאָ? װעמען האָט מען שוין געכאַפּט? װו איז דער מענטש, װאָס דאַרף טראָגן די פאַראַנטװאָרטלעכקײט און אויף װעמען עס דאַרף זיך אויסלאָזן דער שפּיל? װעגן דעם לײענען מיר אַבּיסל װײטער פאָלגענדעס: „דער מיטגליד פון פּרעזידיאום פון צענטראַל־ראַט פון „געזערד", ר. װײנשטײן, האָט אין זײַן רעדע ניט נאָר ניט אויפגעדעקט די אמתע אורזאַכן פון דער צערודערטער געזערדישער אַרבּעט, נאָר האָט אַפילו ניט געפונען פאַר נױטיק אָפּצושטעלן זיך אויף דער פראַגע װעגן

דער באַלשעוויסטישער וואַכזאַמקייט אין דער אַרבעט פון די „געזערד״-אָרגאַניזאַציעס״.

דאָס איז געווען אייגנטלעך דער ערשטער „סיגנאַל״, ווי די באָלשע־וויקעס רופן דאָס אָן, וואָס איז געווען געריכטעט קעגן וויינשטיינען. מען דאַרף זיך מודה זיין, אַז מען האָט גאָרנישט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען אויף די זיצונגען פון „געזערד״, ווען דער גאַנצער „פאַרברעכן״ פון וויינשטיינען האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין דער אויבנ־דערמאָנטער אַרויסטרעטונג. מען האָט פאַרשפּראָכן דונערן און בליצן, און אויסגעלאָזט האָט זיך מיט אַ שטילן קוויטשל. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, דעם 27־טן נאָוועמבער, איז דער „עמעס״ אַרויסגעטראָטן מיט אַ נייעם, ספּעציעלן באַריכט וועגן די זיצונגען פון „געזערד״.

פּעך און שוועבל שיט דער דאָזיקער באַריכט אויפן „בונד״ און אויף די געוועזענע בונדיסטן. און אַ ספּעציעלער אַרטיקל איז געווידמעט דעם אָנפירער פון „געזערד״, ר. וויינשטיינען, וועלכער ווערט שוין באַשולדיקט ניט אין דעם, אַז ער איז „ניט פעאיק״ אויסצודריקן די געהעריקע „באָל־שעוויסטישע וואַכזאַמקייט״, נאָר גאָר אין אַנדערע זאַכן: אין קאָנטר־רעוואָלוציע. איידער מיר וועלן געניער דערקלערן דעם ענין, וועלן מיר ברענגען אַן אויסצוג פון „עמעס״, וואָס דערציילט אונז וועגן דעם ריכטיקן אינהאַלט פון וויינשטיינס אַרויסטריט אויף דער דאָזיקער זיצונג פון „געזערד״. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס, וואָס מען האָט באַריכטעט אין זיין נאָמען אין „עמעס״ פון 24־טן נאָוועמבער, איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. גאָר אַנדערע זאַכן האָט אַרויסגעזאָגט וויינשטיין.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ צעמישעניש עס איז געוואָרן אויף דער זיצונג, ווען מען האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס וויל אייגנטלעך וויינשטיין. מיר גיבן איצט איבער דאָס וואָרט דעם באַריכט־אָפּגעבער פון „עמעס״. ער שרייבט: „אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם צענטראַל־ראַט פון „געזערד״ האָט וויינשטיין עפנטלעך אידעאַלי־זירט דעם „בונד״. ער האָט עפנטלעך דערקלערט מיט אַ געוויסן שטאָלץ, אַז ער האָט דערצויגן איינעם אַ געוועזענעם מיטגליד פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, אַ דעמאַסקירטן שונא פון פאָלק, מיט וועלכן ער האָט געהאַט אַ שטענדיקע נאָענטע פאַרבינדונג. עפנטלעך האָט ער אויך

געזאָגט, אַז דאָס דעמאַסקירן אייניקע שונאים פון פאָלק איז געווען פאַר אים אַ גרויסער קלאַפּ". אַזוי גיט איבער דער „עמעס" דעם אינ־האַלט פון דער רעדע, מיט וועלכער עס איז אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע דעם 24־טן נאָוועמבער רחמיאל וויינשטיין, „דער געוועזענער אָנפירער פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בונד". ניט אַלץ איז, געוויס, פאַרשטענדלעך אויך אין דעם דאָזיקן זאַץ, און מיר וועלן פרוּוון העלפן דעם לעזער און מאַכן אים אַ ביסל קלאָרער דעם עצם ענין.

וואָס האָט, אייגנטלעך, פּאַסירט? מ'האָט דערקלערט אַלס אַ שונא פון פאָלק אַ געוועזענעם מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", מיט וועלכן וויינשטיין איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג. כאָטש דער נאָמען פון דעם שונא פון פאָלק ווערט ניט אָנגערופן, איז פאַר אַלע־מען קלאָר, אַז מען מיינט דאָ די באַרימטע געוועזענע בונדיסטקע אסתּר פרומקין. פאַרוואָס מען האָט זי ניט אָנגערופן מיטן נאָמען, פאַרוואָס האָט מען פאַרקאָנספּירירט און פאַרהיימלעכט דעם פאַקט, וואָס מען האָט זי „ליקווידירט", — ווייסט קיינער ניט, — אָבער אַזוי זיינען די אָנגענומענע מידות אין קרעמל. אָבער יעדער, וואָס ווייס וויינשטיינען, זיין ראָלע אין דעם אַלטן „בונד" און זיינע באַציאונגען מיט אסתּר פרומקין, — און וואָס ווייס וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע זיי ביידע, — רחמיאל און אסתּר, — טראָגן פאַר דער שפּאַלטונג פון „בונד" אין רוסלאַנד, — קאָן לייכט פאַרשטיין, אַז רחמיאל וויינשטיין האָט אַנדערש ניט געקאָנט האַנדלען, ווען צו אים איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז אסתּר איז אין געפענגניס, און אַז אסתּר איז שוין טויט. אַלץ, וואָס איז ביי אים געבליבן פון זיין מענטשלעכן ערן־געפיל, האָט זיך געמוזט „צעבונטעווען". מען קאָן פאַר־שטיין, אַז וויינשטיין האָט זיך דערמאָנט אויף זיין אייגענער פאַרגאַנגענ־הייט אין „בונד" און האָט „עפנטלעך" דערקלערט זיין פּראָ־טעסט, ניט־מורא־האָבנדיק פאַר די פאָלגן, וועלכע עס מוז אין סטאַלינס מדינה ברענגען יעדער פּראָטעסט, און באַזונדערס אַזאַ פּאָליטיש־קלאָרער פּראָטעסט, וואָס איז געריכטעט קעגן דער גאַנצער טעראָ־ריסטישער סיסטעם.

און דער „עמעס" האָט געמאַכט אַלע קאָנסעקווענצן פון דער אָפּאָ־זיציאָנעלער אַרויסטרעטונג פון וויינשטיינען, — וואָס האָט, געוויס, אויפ־

גערודערט דאָס גאַנצע יידישע וועלטל מיט זיין מוטיקער האַנדלונג. דער „עמעס" האָט געשריבן: „די דאָזיקע אַנטי־פּאַרטייאישע, בונדיסטישע, פיינטלעכע אַרויסקריכונג איז ווייט ניט קיין אומדערוואַרטעטע זאַך פאַר אַזאַ פּאַרשוין ווי וויינשטיין". (דעם 24־טן נאָוועמבער איז וויינשטיין נאָך גע־ווען באַצייכנט אַלס אַ „חבר"", דעם 27־טן — איז ער שוין געוואָרן אַ „פּאַר־שוין"). — „דאָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון זיין גאַנצן בונדיסטישן, נאַ־ציאָנאַליסטישן תּוך, דאָס ציט זיך פון יענעם נידערטרעכטיקן, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס ער האָט געפירט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן קעגן אונזער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע". און דער אַרטיקל פון „עמעס" ענדיקט זיך מיט אַן אַדמי־ניסטראַטיווער פּאַראָרדענונג: „די נאַציאָנאַליסטישע מאַסקע פון וויינ־שטיין דאַרף אַראָפּגעריסן ווערן. שוין לאַנג צייט!"

נאָך דעם איז אַלץ געגאַנגען כּשורה. דער טראַגישער עפּילאָג האָט ניט געלאָזן אויף זיך וואַרטן. וויינשטיין איז געווען אַריינגעזעצט אין דער תּפיסה, און דאָרטן איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען נאָך אַן ענלעכע ידיעה: אסתּר איז אויך געשטאָרבן אין געפענגנים. און נאָך אַ בונדיסט, אַן אַרבעטער, יענקל לעווין, וואָס איז שטענדיק געווען אסתּרס אַ חסיד, איז אויך דעמאַסקירט און ליקווידירט געוואָרן. וועגן דעם האָבן מיר געפונען די פאָלגענדיקע אינפאָרמאַציע. נאָך דעם, ווי מען האָט אין בירא־בידזשאַן דעמאַסקירט דעם „יאַפּאַנישן שפּיאָן" כאַווקין, האָט מען געזוכט נייע מענטשן. פון „עמעס" (24־טן מאַי 1937) האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז י. לעווין איז באַשטימט פון מאַסקווע אַלס „צווייטער סעקרעטאַר פון דעם געגנט־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי". עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז צו דער פּראַקטישער אַרבעט איז לעווין ניט געקומען. אויף די זעלבע זיצונגען פון „געזערד" סוף 1937 האָט מען דערציילט, אַז דער „צענטראַל־ראַט פון „געזערד" האָט געשיקט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַלס זיינעם אַ פאָרשטייער אַ ניט־אַנטוואָפּנטן בונדיסט", אַ „בורזשואַזן נאַציאָנאַליסט", וואָס איז איצט ברוך השם דעמאַסקירט און ליקווידירט. דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסט איז געווען דער סטאָליער יענקל לעווין...

די בונדיסטן, וואָס האָבן אין 1920—1921 געשפּאָלטן דעם „בונד" און איבערגעגאַנגען פון סאָציאַלדעמאָקראַטיע צום קאָמוניזם, האָבן דורכ-

געלעבט זייער ביטערע אנטוישונגען אונטער די פליגלען פון דער דיקטא־טור. מען קאָן איצט פעסטשטעלן, אַז פון די אידעאָלאָגן פון דעם אַלטן „בונד" איז קיינער ניט אוועק צו די קאָמוניסטן: קאָסאָווסקי, מעדעם, ליבער, אבראמאָוויטש, יודין, פ. ראָזענטאַל, ערליך, ליטוואַק א"א זיינען געבליבן טריי דער אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג צו דעם רוסישן עקספּערימענט. ס'איז אויך ניט ריכטיק צו מיינען, אַז די יידישע אַרבעטער פון „בונד" זיינען אין די מאסן אריינגעגאַנגען אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ניין, די יידסעקן האָבן ניט איין מאָל נאָך דער שפּאַלטונג פון „בונד" מיט אַנט־ריסטונג קאָנסטאַטירט, אַז די אַרבעטער זיינען געבליבן „אין דרויסן" און צו זיי ניט אַריבער.

אָבער טראָץ דעם האָט זיך אין דער בונדישער באַוועגונג אויס־געטיילט אַ גאַנץ ברייטער פליגל, וואָס האָט דורכגעפירט די שפּאַלטונג און אַריבער צו די קאָמוניסטן. דאָס זיינען געוועזן אַזעלכע בונדיסטן, — אַ חוץ די מער־באַקאַנטע, ווי ווײַנשטיין, אסתר און ראַפעס, — וואָס האָבן אייגנט־לעך געמאַכט זיך אַ נאָמען הויפּטזעכלעך אין דער „יעווסעקציע" אויף פאַר־שיידענע געביטן פון דער „יידישער אַרבעט", ווי טשעמעריסקי אָדער מע־רעזשין. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פון דער דיק־טאַטור צו אַלע פּראָזעליטן, צו אַלע „געוועזענע", — אַז מען האָט די בונ־דיסטן קיינמאָל ניט צוגעלאָזן צו דער ערנסטער פּאָליטישער אַרבעט, אַז מען האָט זיי געהאַלטן אין די הינטערגעסלעך און ניט געלאָזט מאַכן אַ קאַ־ריערע. און כמעט פון ערשטן מאָמענט אָן האָט מען זיי געהאַלטן אונטער דעם חשד, אַז זיי „אידעאַליזירן" זייער „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע" פאַר־גאַנגענהייט, „אידעאַליזירן" דעם „בונד", דעם פּרינציפּיעל־אויסגעהאַל־טענעם קעגנער פון באָלשעוויזם און פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ווען מען וויל זיין אָביעקטיוו, דאַרף מען אָנערקענען, אַז ניט נאָר אין די טיפענישן פון הארצן, נאָר טאַקע אין די רעדעס און אין די ביכער פון די געוועזענע בונדיסטן האָט זיך שטענדיק געפילט אַ טענדענץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן זי געשטעמפּלט מיט דעם ווערטל: „אידעאַליזאַציע פון בונד". אָט נעמט אסתרן: ערב דעם אריינטריט אין דער קאָמפּאַרטיי האָט זי אין דעם מינסקער „וועקער" געשריבן: „וואָס עס זאָל ניט געשען מיטן נאָמען פון „בונד", מיט דער פאָרם פון „בונד", — דער בונדיזם וועט לעבן ביז וואַנען ס'וועט לעבן די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג. דער

בונדיזם וועט לעבן — און וועט זיגן". און די זעלבע נאָטע האָט זיך שטאַרק געפילט אין דער רעדע, וואָס וויינשטיין האָט געהאַלטן אין דער זעלבער צייט: „מיר גייען אַריין, — האָט ער געזאָגט, — (אין דער קאָמפּאַרטיי) מיט אַ באַשטימטן געפיל פון אומצופרידנהייט. מיר גייען אַריין מיט אונ־זער געשיכטע. כאָטש אין דער דאָזיקער געשיכטע זיינען געווען פעלערן, אָבער מיר ווייסן ניט פון קיין פעלער, פאַר וועלכן מיר זאָלן זיך שעמען. אונזער געשיכטע איז אונז טייער. באַציט זיך צו איר מיט אַכטונג. מיר בעטן אייך, אַז איר זאָלט אַכטן אין אונז גופא אונזער אַכטונג צו אונזער ריינער פאַרגאַנגענהייט".

די קאָמוניסטן האָבן טאַקע קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין די בונ־דיסטן זייער „ריינע פאַרגאַנגענהייט", און דער קאַמף מיט די „געוועזענע" האָט זיך אָנגעהויבן פון ערשטן טאָג אָן און האָט קיינמאָל ניט אויפ־געהערט. דאָס, וואָס מען האָט נאָך ווי עס איז געקאָנט אָראָפּשלינגען אין די יאָרן פון „נעפּ", איז געוואָרן אומדערטרעגלעך פאַר דער דיקטאַטור אין די שפּעטערדיקע יאָרן. כמעט די גאַנצע גרופּע פון עטלעכע צענדליק גע־וועזענע בונדיסטן, — וואָס האָבן פאַקטיש אָנגעפירט מיט אַלע צווייגן פון דער יידישער אַרבעט, — האָט מען ביסלעכווייז ליקווידירט. די פּאָר היסטאָריקער, ווי סאָסיס, קירזשניץ, בוכבינדער האָט מען דעמאַסקירט, און זייערע ביכער האָט מען קאָנפיסקירט. מען האָט אויך קאָנפיסקירט די אַרבעטן פון אסתּרן וועגן לענינען און וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און אויך די בראָשור פון יענקל לעווין וועגן דעם „יוגנט־בונד". דער קאַמף קעגן „בונד" אין די רייען פון דער קאָמפּאַרטיי האָט פון פאַל צו פאַל אָנגענומען אַזעלכע מאַסשטאַבן, אַז מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהערט צום „בונד", — זיינען אויך געווען באַשולדיקט אין דעם, וואָס זיי זיינען „ניט־אַנטוואָפּנטע בונדיסטן". און דאָס, וואָס איז געווען נאָך דערלויבט אין רוסלאַנד אין 1920—1921 פאַר אסתּרן און רחמיאלן, — האָט אין 1937 געמוזט אומפאַרמיידלעך ברענגען מיט זיך: געפענגניס און — טויט. אויף אַזאַ דראַמאַטישן אופן האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט און פאַרענדיקט דער 16־יאָריקער ראָמאַן צווישן די באָלשעוויקעס און די בונדיסטן, וואָס האָבן אַזוי שרעקלעך באַצאָלט פאַר דעם פאַרראַט, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, — בנוגע זייער „ערשטער ליבע", בנוגע דעם „בונד", בנוגע די אידעאַלן פון מענטשלעכקייט און פרייהייט.

3.

די קאַריערע פון אַ יידישן קאָמיסאַר

צוויי טעג בוכשטעבלעך האָבן געפעלט דימאַנשטשטיינען, כּדי צו פייערן זיין 20־יאָריקן קאָמיסאַרישן יובל: דעם 18־טן יאַנואַר, 1918, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס דער קאָמיסאַר פאַר די יידישע ענינים אין סאָוועט־רוסלאַנד, — און דעם 16־טן יאַנואַר, 1938, איז ער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן „אין דעם מיסט־קאַסטן פון דער געשיכטע". אין משך פון די 20 יאָר האָט זיך פאַר אונזערע אויגן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאַריערע פון אַ מענטשן, וואָס איז געווען ניט אַ פּשוטער סאָוועטישער קאָמיסאַר, נאָר — אייגנטלעך — דער „איינציקער פאָרשטייער" פון דעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, דער אָנערקענטער „עקספּערט" ביי דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן. דימאַנשטשטיין, דער איינציקער „אַלטער באָלשעוויק" צווישן דער גאַנצער גרויסער צאָל יידסעקן, — האָט פאַרנומען די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין דער יידישער אַרבעט: ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון צ. ב. פון די יידסעקציעס, נאָכדעם דער פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביי דעם צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי, ווייטער — דער פאָרזיצער פון ראַט פון „געזערד" אאַז"וו. אָבער וואָס פאַר אַ פּאָסטן ער זאָל ניט האָבן פאַרנומען און וואָס פאַר אַ פליכטן ער זאָל ניט האָבן אויסגעפילט, — איז ער שטענדיק געווען דער קאָמיסאַר פאַר די יידישע ענינים. אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן: „דער קאָמיסאַר", און אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען דימאַנשטשטיינען, וועלכן מען דאַרף ניט צונויפמישן מיט פאַרשיידענע פּיל־צאָליקע יידן־קאָמיסאַרן אין רוסלאַנד. אַלס אַ וואַריאַציע פון דעם באַקאַנטן בונדישן לידל, קען מען זאָגן: „דער קאָמיסאַר איז איינער, און ווייטער קיינער". דאָס איז אָן ספק געווען דימאַנשטשטיין.

איך געדענק אים: מיט רויטע בעקעלעך, מיט בלאָנדע געקרייזלטע האָר, מיט בלויע אויגן, — ווי אַן אויסדרוקסלאָז שעפּסעלע האָט דימאַנשטשטיין אויסגעזען, ווען ער האָט געהאַלטן זיין „באַגריסונגס־רעדע" אויף דער 12־טער בונדישער קאָנפערענץ אין מאָסקווע אין 1920. די קאָמוניסטיש־געשטימטע מערהייט האָט געפונען פאַר נויטיק איינצולאַדן דעם יידישן קאָמיסאַר צו דער קאָנפערענץ, און ער האָט „באַגריסט" די שפּאַלטונג פון

„בונד", האָט פּריילעך גערופן דעם עולם וואָס שנעלער צו ליקווידירן דעם „בונד" און קומען מיטאַרבעטן אין יידישן קאָמיסאַריאַט. וווּ זיינען זיי איצט די געוועזענע בונדיסטן, וואָס האָבן דאַמאָלסט אַפּלאָדירט דימאַנט־שטיינען? זיי זיינען כמעט אַלע באַשולדיקט אין „אידעאַליזאַציע פון בונד" און דעמאַסקירט און ליקווידירט אַלס „פיינט פון פאָלק". און וווּ איז איצט אַליין דער אַלטער באָלשעוויק דימאַנטשטיין?

אָבער ווער קען זיך ערנסט נעמען צום האַרצן דעם סוף פון דער קאַ־ריערע פון דעם יידישן קאָמיסאַר, — ווען סטאַלין האָט פאַרניכטעט און אויסגעהרגעט די גאַנצע אַלטע גוואַרדיע פון די תּלמידים און מיטקעמפער פון לענינען? אין פאַרגלייך מיט זינאָוויעוון און קאַמעניעוון, בוכאַרינען און ריקאָוון, — איז דאָך דימאַנטשטיין אַ פּשוטער נול. מען קען זיך נאָר וווּנדערן, וואָס דער יידישער קאָמיסאַר האָט זיך אַזוי לאַנג געהאַלטן. די סיבה פון דעם ליגט אין דעם וויכטיקן פאַקט, וואָס דימאַנטשטיין איז די אַלע יאָרן געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון סטאַלינען. מיר האָבן איצט שוין פאַרגעסן, אַז סטאַלין איז שטענדיק געווען דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר די נאַציאָנאַלע ענינים אין דער ראַטן־רעגירונג און אַזוי אַרום האָט דער יידישער קאָמיסאַר שטענדיק אָפּגעשפּיגלט די קראַפט און ווירקונג פון סטאַלינען. ביז וואַנען פאַר די אַלטע באָלשעוויקעס איז ניט געקומען דער ביטערער סוף.

ווען דימאַנטשטיין איז געקומען צו דער מאַכט און האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" אויף דער יידישער גאַס אין רוסלאַנד, — איז נאָך פּוסט און פּאַסט געווען צווישן די יידישע קאָ־מוניסטן. די יידסעקציע איז נאָך ניט געווען אויף דער וועלט. די יידן־באָלשעוויקעס זיינען געווען פולקאָם אַסימילירט און ניט גערעכנט זיך פאַר יידן. די יידישע אַרבעט איז פאַר זיי געווען נאָך גאָר אַן אומבאַקאַנט לאַנד, אַ נעפּלדיקע זאַך. איינס איז קלאָר געווען נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע: צווישן רוסישע יידן הערשן פאַרשיידענע ריכטונגען, קעמפן קעגנגעזעצ־לעכע פּאַרטייען, אַרבעטן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אַלע זיינען זיי נים־באָלשעוויסטיש אָדער קעגן־באָלשעוויסטיש. דאַרף מען, הייסט דאָס, אויסוואָרצלען פון די יידישע מאַסן דעם בונדיזם, ציוניזם, פאָלקיזם, די רעליגיע, און דערקלערן אַלע ריכטונגען און פּאַרטייען אַ בירגער־קריג. פאַר דעם צוועק האָבן זיך דעם 8-טן יאַנואַר 1918 פאַרזאַמלט

אין פעטערבורג (היינט לענינגראַד), אין סמאָלני אינסטיטוט, אין דער באָלשעוויסטישער פעסטונג, — זעקס יידן, און זיי האָבן געשאַפן דעם יידישן קאָמיסאַריאַט.

ווער זיינען זיי געווען די נייע אַפּאָטראָפּסים פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד? דימאַנטשטיין, דאָבקאָווסקי, אַגורסקי, קאַנטאָר, שאַפּירא... קיינער פון זיי איז ניט געווען פאַרבונדן מיט די רוסישע יידן, מיט זייער לעבן און קאַמף. דאָס זיינען אַלץ געווען לאַנגיאָריקע עמיגראַנטן. דימאַנטשטיין האָט פיל יאָרן פאַרבראַכט אין פּאַריז. די אַנדערע זיינען געקומען פון לאָנדאָן, פון ניו־יאָרק. זיי האָבן קיינמאָל קיין אָנטייל ניט גענומען אין דער יידישער עפנטלעכער אַרבעט. זיי זיינען געווען פולקאָם פרעמד דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און חוץ דימאַנטשטיינען זיינען זיי אפילו באָלשעוויקעס אויך ניט געווען. דאָבקאָווסקי — אַ לינקער עס־ער, אַ מאַקסימאַליסט, אַגורסקי און שאַפּירא — אַנאַרכיסטן. און ווען זיי האָבן שוין געשאַפן דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, האָבן זיי טאַקע ניט געוווּסט: וואָס טוט מען ווייטער, און פון וואָס הייבט מען אָן? מען דאַרף געדענקען, אַז קיין יידישע אַרבעטער זיינען ניט געווען דאַמאָלסט ביי די באָלשעוויקעס און די יידישע אינטעליגענץ האָט זיי באָיקאָטירט, די יידישע שפּראַך האָבן זיי ניט געקענט, און אַ צייטונג אַרויסגעבן איז געווען אוממעגלעך. כאָטש געלט איז געווען אַ סך, — אָבער שרייבן יידיש האָט קיינער פון זיי ניט געקענט. עס איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

די מאַסן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך זיינען כמעט אין גאַנצן געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון „בונד" און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. מען האָט אין פּעטערבורג גערופן אַ פאַרזאַמלונג, — זיינען געקומען בונדיסטן און שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די קאָמיסאַרן. כדי אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, האָט מען ניט געפונען שרייבער־באָלשעוויקעס און מען האָט אַרויסגעלאָזן אַן „אומפּאַרטייאישע" צייטונג (דאָס איז געווען „די וואַרהייט"). עס זיינען נאָך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים ביז וואַנען מען האָט צוגעצויגן צו זיך אַ פּאָר יידישע אינטעליגענטן. דאָס זיינען געווען ש. ניגער, דניאל טשאַרני, ווענדראָף. זיי האָבן רעדאַגירט די אויסגאַבן און געלערנט עברי מיט די באָלשעוויקעס. אָבער אויך די דאָזיקע אינטעליגענטן זיינען לאַנג ניט געבליבן אין דעם יידישן קאָמיסאַריאַט.

עס האָט זיי אַליין דאָרט אויסגעזען פרעמד און אומגעמיטלעך (זע וועגן דעם די ביכער: „די יידישע קאָמיסאַריאַטן און די יידישע קאָמ. סעקציעס", מינסק, 1928, און ש. אַגורסקי: „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָ־מוניסטישער באַוועגונג", 1926). מיט דער „דיקטאַטור" אויף דער יידי־שער גאַס האָט אָנגעפירט דימאַנטשטיין.

דער סוף פון דימאַנטשטיינען איז געקומען פלוצלונג. אָבער אַ פּאָר „סיגנאַלן" זיינען שוין געווען אויך פריער. עס לוינט זיך דאָ פעסטצו־שטעלן, אַז אין אַ קריטישער שעה, אין 1930, ווען סטאַלין האָט מיט אייזן און בלוט דורכגעפירט די קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט דימאַנטשטיין אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „זשיזן נאַציאָנאַל־נאָסטיי" (דאָס לעבן פון די נאַציעס), אין וועלכן ער האָט זיך אַרויסגע־זאָגט קעגן אַ „דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזירונג" אין די נאַציאָנאַלע ראַ־יאָנען. פאַר דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג האָט מען דימאַנטשטיינען „אַרויסגעפירט" פון דער רעדאַקציע פונם זשורנאַל. ער האָט באַלד „אָנ־ערקענט" זיין פּאָליטישן „פעלער", און צו ווייטערע פאָלגן איז ניט דער־גאַנגען. דימאַנטשטיין איז אויף ווייטער געבליבן סטאַלינס אויג אין די יידישע ענינים. עס זיינען פאַרלאָפן נאָך יאָרן און יאָרן. דער יידישער קאָמיסאַר האָט אַרויסגעגעבן פיל ביכלעך און געוואָרן אַ גאַנצער מומחה אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער איז אָפט אַרויסגעטראָטן אויך מיט אַק־טועלע אַרטיקלען אין „עמעס" — באַזונדערס ווען מען האָט געדאַרפט אויספילן די אָדער אַנדערע דירעקטיוון. פון זיינע אַרטיקלען האָבן מיר זיך דערוווּסט צום ערשטן מאָל וועגן דעם, אַז מערעזשין אָדער קאַטעל זיינען ליקווידירט אַלס „פיינט פון פאָלק". אין באַצוג צו פּראַקטישע פראַגן, איז דימאַנטשטיין געווען דער פּאַקטישער פירער פון „געזערד", ד"ה דער ענין בירא־בידזשאַן איז געשטאַנען אין זיין רשות. ווען די וויכטיקסטע טוער פון די געוועזענע יידסעקן זיינען שוין ליקווידירט געוואָרן — ליבער־בערג, באַווקין, שפּראַך, צבי פרידלאַנד, לעוויטאַן, ליטוואַקאָוו א"אַ, — איז דימאַנטשטיין נאָך אַלץ געשטאַנען פעלזן־פעסט. עס האָט זיך געדוכט, אַז זיין סטאַליניזם איז פון אַזאַ סאָרט, אַז ער איז געזיכערט. אָבער ווער אין סאָוועט־רוסלאַנד קען זיין זיכער אין זיין מאָרגנדיקן טאָג?

פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אין „עמעס" די ערשטע קויל, געריכטעט קעגן דימאַנטשטיינען, אַלס דעם רעדאַקטאָר פון דעם רוסישן אָרגאַן פון

„געזערד" — „טריבונא". עס האָט געקלונגען אַביסל אומגעלומפּערט, אָבער די באַשולדיקונג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין נומער 15 פון דער „טריבונא", אויף דעם טיטל־זייטל, האָט דימאַנטשטיין דורכגעלאָזן „אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאַרקריפּלונג" פון די לאָזונגען, און אין דעם נומער 17 פון דעם דאָזיקן זשורנאַל האָט ער אָפּגעדרוקט אַ „שעדלעכע" רעצענזיע איבער אַן איבערזעצונג פון דעם אוקראַינישן דיכטער שעוו־טשענקאָ אויף יידיש. די „שעדיקערײַ" האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס איינער פון די איבערזעצער, דער שטעל־פאַרטרעטער פון דעם פאָל־קאָמבילד אין אוקראַינע, אַ געוויסער כווילאַ, איז צו דער צייט שוין געווען דעמאַסקירט אַלס אַ „פיינט פון פאָלק". אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען קלייניקייטן, — כאָטש דער פאַקט אַליין פון די אַרויסטרעטונגען קעגן דעם יידישן קאָמיסאַר האָבן „סיגנאַליזירט" אַ געוויסע געפאַר פאַר אים. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע אַרטיקלען אין דעם נומער 19 פון „טריבונא" (און אויך אין „עמעס") האָט דימאַנטשטיין געפונען דעם סוף פון זיין 20-יאָריקער קאַריערע.

דער „עמעס" האָט געשריבן שוין ניט וועגן דעם, אַז ביי דעם יידישן קאָמיסאַר „האָט ניט געסטאַיעט באָלשעוויסטישער מוט", כדי צו אָנערקע־נען זיין „פעלער", —ניין, דער „עמעס" האָט געזאָגט קלאָרע דיבורים אויפן אַדרעס פון דימאַנטשטיינען: „די „טריבונא" איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ טריבונע פאַר קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע, נאַציאָנאַליסטישע, בונדיסטישע קאָנטראַבאַנדע". וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שאַרפע באַ־שולדיקונג קעגן דעם יידישן קאָמיסאַר? ווי אַזוי איז דער אַלטער באָל־שעוויק, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקעמפט קעגן „בונד" און קעגן נאַ־ציאָנאַליזם, פלוצלונג געוואָרן אי אַ בונדיסט, אי אַ נאַציאָנאַליסט, און דערצו נאָך אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער? אויף דעם פאַל דימאַנטשטיין װעלן מיר זיך אָפּשטעלן, ווייל ער איז פּרינציפּיעל גאַנץ אינטע־רעסאַנט און ווייל ער איז געווען פאַרבונדן מיט איינער פון די אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן אין רוסלאַנד: מיט דער פראַגע פון די וואַלן אין סטאַ־לינס פּאַרלאַמענט.

דאָס איז נאָך געווען אין האַרבסט, 1937, ערב די וואַלן. אין „עמעס" (פון 11־טן סעפּטעמבער) האָט דימאַנטשטיין, אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן, אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר געדאַנקען: „מיר זיינען, פאַרשטייט זיך, קעגן

יעטווידע וואַלן לויטן נאַציאָנאַלן סימן, מיר זיינען קעגן נאַציאָנאַלע וואַלן. דאָס וואָלט געווען דער שעדלעכסטער נאַציאָנאַליזם. אָבער מיר זיינען פאַר דעם, אַז ביים ווײַלן דעפּוטאַטן זאָל מען נעמען אין אַכט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. דאָס דאַרפן זיין מענטשן, נאָענטע צו די נאַציאָנאַלע מאַסן לויט זייער טעטיקייט, לויט זייער שפּראַך, לויט זייער באַקאַנטשאַפט מיט זייער לעבן און שטייגער אאז"וו". צו דעם האָט דימאַנטשטיין נאָך צוגעגעבן פאָלגענדיקס: „מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די טויער צווישן די נאַצמינדערהייטן לויט דער קולטורליניע אָדער לויט דער אַנטשפּרעכענדיקער ליניע פונם צענטער זאָלן אויסגעווײַלט ווערן אין נאַציאָנאַליטעטןראַט און זאָלן זיך אַליין באַטראַכטן פאַר פאָרשטייער פון באַשטימטע נאַצמינדערהייטן, און פאַר אַזוינע זאָלן אויך די ווײַלער זיי האַלטן".

דימאַנטשטיין האָט אויך פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז אין די וואַלקאָמיסיעס פון אוקראַינע און ווייסרולאַנד זאָלן זיין פאַרגעשטעלט דער „געזערד" און די ליטעראַטור- און קולטור־אָרגאַניזאַציעס פון די נאַצמינדערהייטן. אין דער „טריבונאַ" האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז עס איז „באַזונדערס וויכטיק", אַז דער קאַנדידאַט „זאָל אָבליגאַטאָריש קענען די מוטער־שפּראַך פון דער באַפעלקערונג, פון וועלכער ער איז אַרויסגערוקט געוואָרן" (נומער 19). דער לעצטער זאַץ איז געווים געווען דיקטירט דורך דעם, וואָס אייניקע יידן-קאָמוניסטן זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַטן אין די יידישע ראַיאָנען אין דער צייט, ווען זיי קענען ניט רעדן קיין יידיש. מעגלעך אויך, אַז דאָס האָט דימאַנטשטיין אויסגעדריקט זיין אייגן ביטער הארץ אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס ביי די וואַלן איז ניט געווען אַרויסגעשטעלט קיין איין־איינציקער קאַנדידאַט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעט, — און אַפילו דער קאָמיסאַר אַליין, דער „איינציקער פאָרשטייער" פון דעם יידישן פאָלק ביי דער דיקטאַטור, האָט אויך ניט פיגורירט אין דעם צעטל קאַנדידאַטן צום פאַרלאַמענט.

אַזוי צי אַנדערש, אָבער דאָס פאַרברעכן פון דימאַנטשטיינען איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער האָט געוואָלט אַקטיוויזירן די באַטייליקונג פון געוויסע יידישע קרייזן אין די וואַלן, אַז ער האָט געשטרעבט מאָביליזירן די ווײַלער, באַזונדערס אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, ווו ס'ווינען די קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן, אַז ער האָט גערופן צו לייגן מער אַכט אויף אַזעלכע נאַציאָנאַלע מאָמענטן, ווי די מוטער-שפּראַך, און אַז ער האָט קלאָר און

בולט פאַרמולירט דעם ווונטש פון אַ פּאַרטרעטערשאַפט פון באַזונדערע נאַציעס אין סטאַלינס פּאַרלאַמענט.

ער האָט אָבער דערביי פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ איז „קאָנטר־רעוואָ־לוציע" און „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בונדיזם", און בכלל, אַז רופן צו זעלבסטטעטיקייט אין סטאַלינס מדינה איז אַ זאַך, פאַר וועלכער מען מוז אָפּצאָלן מיטן קאָפּ. דער „עמעס" (פון 29־טן נאָוועמבער און 3־טן דע־צעמבער, 1937) האָט טאַקע דעמאַסקירט דימאַנטשטיינען אַזוי, אַז פון דעם יידישן קאָמיסאַר איז קיין זכר ניט געבליבן. און באַלד נאָכדעם („עמעס", 16־טן יאַנואַר, 1938), איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַשלוס פון צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי, אַז דימאַנטשטיין ווערט אויס רעדאַקטאָר און די „טריבונאַ" איז אָפּגעשטעלט. פון דעם מאָמענט איז פאַרשווונדן דימאַנטשטיין פון דער אויבערפלאַך. עס איז געקומען דער סוף פון דער קאַריערע פון דעם יידישן קאָמיסאַר.

XI. דער אַלט־נייער לעבנס־שטייגער

1.

דער יידישער גאָט אין סאָוועט־רוסלאַנד

מיט אַ יאָר צען צוריק האָט דער מינסקער מגיד גאָרדאָן גע־טענהעט צו דער וועלט: „אונזער לאַגע איז איצט ניט בעסער, — פון דעם עגיפּטישן גלות און פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע” (זע דעם זאַמלבוך: „די קריגערישע גאָטלאָזיקייט אין פּסטר פאַר 15 יאָר”, מאָסקווע, 1932, רוסיש, זז' 73-170). אונטער „אונזער לאַגע” דאַרף מען דאָ פאַרשטיין, אין דער ערשטער ריי, די לאַגע פון די פּאָנען־טרעגער פון דער יידישער אמונה: פון די רבנים, מגידים, שוחטים און אַנדערע כּלי-קודש, אָדער „גאָטס-סטריאַפּטשעס”, ווי מען רופט זיי אָן אין דער יידישער אַטעאיס־טישער אַגיטאַציע.

עס האָט זיך טאַקע געדוכט, אַז אין רעזולטאַט פון די אַנטי־רעליגיעזע רדיפות און פון דער אַטעאיסטישער „איבערדערציאונג” אין משך פון צענדליקער יאָרן, — זיינען די שאַנסן פון דעם יידישן גאָט אין סאָוועט־רוסלאַנד ביז גאָר געפאַלן. דער אונטערגאַנג פון דער יידישער רעליגיע איז געזיכערט, און די פונקציעס פון די רבנים און מלמדים זיינען אָפּ־געשטאָרבן.

אין אויבנדערמאָנטן זאַמלבוך פון די „קריגערישע אַפּיקורסים” איז מיט ציפערן אין די הענט באַוויזן און פעסטגעשטעלט בנוגע סאָוועט-רוס־לאַנד, אַז די יוגנט און דער אַקטיוו פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט איז כּמעט אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער גאָטלאָזער באַוועגונג. די צאָל מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון די קריגערישע אַפּיקורסים” איז אַן אַסטראָנאָמישע: אין 1932 — 5,600,000, אין 1935 — 13 מיליאָן, אין 1937 — 22 מיליאָן. ס'איז געווים מעגלעך, אַז די ציפערן זיינען

פ אָ פּ י ר ע נ ע, און אַז צווישן די יידן איז די ווירקונג פון די גאָטלאָזע ניט באַזונדער גרויס. אָבער פּאָרט — סאַראַ פּאַרנעם, און וואָס פאַר אַ שוווּנג!

און ניט קיין פּאַטענטירטער פּאָליטיקער און פאַנאַטיקער־קאָמוניסט, נאָר אַ פּשוטער ייד, אַ קאָלווירטניק פון „סאָצדאָרף״, האָט אונטערגעפירט דעם סך־הכּל און געגעבן אַ דערקלערונג פאַר די דערגרייכונגען אויפן אַנטי־רעליגיעזן פראָנט, ווען ער האָט געזאָגט: „מיר דאַרפן ניט קיין רעליגיע, ווייל מיר האָבן דאָ אויף דער ערד אַ ג ן - ע ד ן״ (זע „עמעס״ פון 2־טן אָקטאָבער 1936). דער פּשוטער ייד, ווי די רעדאַקציע פון „עמעס״, האָבן ניט באַמערקט, אַז ביידע טראַכטן זיי נאָך אין די קאַטעגאָריעס פון רעליגיע, און אַז ביידע באַגריפן סיי פון „גן־עדן״ סיי פון „גהינום״ זיינען אַרויס־געקומען פון דעם רעליגיע־אַרסענאַל. אָבער זיי האָבן געוויס מיט די אַלטע באַגריפן געוואָלט געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער נייער און הערלעכער ווירקלעכקייט, וואָס איז געשאַפן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

ס׳איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו באַשרייבן די רוסישע עקאָנאָמיק, אָבער פאַרבייגייענדיק ווילט זיך דאָ ברענגען אַ ציטאַט, וואָס באַווייזט טאַקע דעם סאָוועטישן „גן־עדן״ אין פולן גלאַנץ: „דאָס לעבן איז געוואָרן בעסער. די רייכע גערעטעניש איז שוין אַראָפּגענומען. די הויכע הכנסות ווערן שוין צעטיילט צווישן די קאָלווירטניקעס. די שפּייכלערס — תּבואה ביי די קאָלווירטניקעס זיכערן זיי אַ זאַטן, וואַרעמען און פריילעכן ווינ־טער... די קאָלווירטן זיינען געוואָרן רייכער. עס איז שוין איצט ניט קיין זעלטנהייט אַ קאָלווירט אַ מיליאָנער״. (זע „עמעס״ פון 12־טן נאָ־וועמבער 1936). אויב דאָס איז ניט קיין גן־עדן, — אויף דעם אידילישן, דאָרפישן פּייזאַזש, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן אמתן גן־עדן, — איז וואָס איז דאַמאָלסט גן־עדן? געוויס, ניט אומעטום אין די קאָלאָניעס איז אַזוי גוט, רייך און פריילעך. און אין די שטעט און שטעטלעך, — ווו ס׳פעלט דער אידילישער, דאָרפישער פּייזאַזש, איז אָפט אָרעם, שמוציק און אומעטיק, — און דער פאַרגלייך מיטן גן־עדן וואָלט געקלונגען אַביסל — איבער־געטריבן.

אָבער אין לעצטן פאַל דאַרף מען דאָס דערקלערן מיט דעם פאַר־ברעכערישן פאַרזעען מצד די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן. ווייל דער

„רעפרען" פון אַלע סאָוועטישע באַשרייבונגען אין דאָרף און שטאָט איז דער איין־איינציקער:

דאָס לעבן איז געוואָרן פאַרמעגלעך,
דאָס לעבן איז געוואָרן רייכער,
דאָס לעבן איז געוואָרן פריילעכער . . .

אויב אַזוי, אויב מיר האָבן שוין אויף דער סאָוועטישער ערד אַ גן־עדן, — איז צו וואָס דאַרפן מיר טאַקע האָבן רעליגיע מיט די רבנים און מלמדים? — קאָנען מיר מיט אַ גרונט זאָגן, ווען מיר ווילן טיילן דעם צוגאַנג פון דעם פשוטן יידן, פון דעם קאָלווירטניק פון „סאָצדאָרף".

דער „עמעס" האָט דערקלערט איינעם פון זיינע לעצטע אַנטשיידנדיקע קאַמפן צו די רעשטלעך פון די רבנים און מלמדים, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן דאָ אָדער דאָרטן אין סאָוועט־רוסלאַנד, — כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל די פראַגע צו דערליידיקן. ער האָט אויסגענוצט דעם פסח פון 1937, — ווען עס „הייבט זיך אָן אַ טומל מיט מצה, מיט מעות־כיטין", ווען „מע הייבט אָן גוואַלדעווען, אַז יידן האָבן, נעבעך, ניט אויף מצה, כדי אַרויסצורופן אַ הילפס־אַקציע", — כדי אַנטגילטיק צו ליקווידירן די קליינע, איבערגעבליבענע אָבער געפערלעכע רעשטלעך פון די יידישע קלעריקאַלן. „דאָס יידישע פאָלק האָט זיך דערשלאָגן אַ פאַרמעגלעכן לעבן, שאַפט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע קולטור, און אַלץ — אָן גאָט און אָן גאָטס־סטריאַפטשעס", — חזרט איבער דער „עמעס" דעם געדאַנק פון קאָלווירטניק פון „סאָצדאָרף", און רופט צו פאַרשטאַרקן די „וואַכזאַמקייט" און דעם קאַמף קעגן רעליגיע.

אינטערעסאַנט איז דערביי, — און דאָס קלינגט כמעט אַקטועל, — אַז דעם נייעם רוף צום קאַמף מצד די קריגערישע אפיקורסים פאַרקניפּט דער „עמעס" מיט די פייערלעכע לאָזונגען פון „פרייהייט פון געוויסן". „אין פסםר ווערט די פרייהייט פון געוויסן, ווי אין קיין לאַנד אין דער וועלט, גאַראַנטירט פאַר אַלע בירגער", — האָט געשריבן „עמעס" מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ. און ער פאַררופט זיך אויף די געבאָטן פון דער „סטאַלינישער קאָנסטיטוציע". אָבער אַזוי ווי די כלי־קודש, די רבנים און מלמדים, „אונטער דער מאַסקע פון פרייהייט פון געוויסן", — לייענען מיר, — „מאָביליזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף קעגן דער ראַטן־

מאכט", — בלייבט, אז מען דארף מאכן א סוף צו דעם „פוילן ליבע־ראליזם", און פאקטיש ליקווידירן אויך די דאזיקע די לעצטע „פרייהייט", און פארשטארקן דעם קאמף מיט רעליגיע . . . (זע „עמעס" פון 23־טן און 26־טן מערץ 1936).

טראָץ די אַלע דערמאָנטע אָפּטימיסטישע באַווייזן, אַז מיט דעם יידישן גאָט האַלט שמאָל אין סאָוועט־רוסלאַנד, — ווייזט זיך מיט אַמאָל אַרויס, אַז ס'איז אַפּשר ניטאָ אויף דער יידישער גאַס קיין וויכטיקערע פּראָבלעם, ווי די רעליגיע. די ווירקונג און די ראָלע פון די כּלי־קודש וואַקסן פון טאָג צו טאָג. עס הערשט אַן אמת'ע פאַרפלייצונג פון רעליגיעזע שטימונגען. די קאָמוניסטישע פּרעסע פון די לעצטע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1937—1938 באַזונדער, איז אָנגעפּילט מיט מסירות אויף דעם „רעליגיעזן אָפּנויג", וואָס פאַרכאַפּט אַלע שטעט, שטעטלעך און קאָלכאָזן. און די קראַנקייט פאַרשפּרייט זיך אומעטום מיט דעם כּוח פון אַן עפּידעמיע, אַ גייסטיקער עפּידעמיע. אַמאָל מאַכט עס שוין אַזאַ איינדרוק, — אַז נאָך דעם, ווען אַלע אידעאישע שטרעמונגען ביי דעם יידנטום זיינען מיט גוואַלט אַרויסגעריסן און פאַרצוקט, — האָט זיך געראַטעוועט און אויסגעקעמפּט זיך אַ לעבנס־פּאָזיציע נאָר איין־איינציקע ריכטונג און באַוועגונג: די רעליגיעזע.

קוקט טאַקע אַריין אין דער פּרעסע, און איר וועט זען, אַז לערער פון סאָוועטישע שולן, אַרבעטער פון די אינדוסטריעס, קאָלכאָזניקעס און קומטאַרן, סטאַכאַנאָווצעס, — און אפילו קאָמיונגיסטן און פּאַרטיי־קאָמוניסטן, גייען ניט אַרויס שבת און יום־טוב צו דער אַרבעט, גייען דאַווענען אין די בתי־מדרשים און אין פּריוואַטע מנינים, מל'ן זייערע קינדער, זאָגן קדיש נאָך די פאַרשטאָרבענע עלטערן, שיקן די קינדער אין די געהיימע חדרים און ישיבות, מאַכן געהיימע חתונות מיט אַ חופּה און אַ רב, — און ראש־השנה, יום־כּיפּור און פּסח לעבט די יידישע גאַס מיט דעם פּייערלעכן טעמפּ פון אַן ערשט־קלאַסישן יום־טוב. פּרויען זיינען „גלייכבארעכטיקט" געוואָרן מיט די מענער און ווערן דערלאָזן צום מנין.

און אין די אויגן וואַרפן זיך אייניקע זאַכן, וואָס זיינען ניי פאַר דעם אַלט־נייעם לעבנס־שטייגער. נאָך אין די צייטן פון „נעפּ" האָבן די רעליגיעזע עלעמענטן עקשנותדיק פאַרטיידיקט דעם חדר. דאַמאָלסט, — האָבן מיר געלייענט אין דעם זשורנאַל „זשיזן נאַציאָנאַלנאָסטיי" (בוך I, פאַר 1923, מאָסקווע), — „האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די „נעפּמאַנישע" מיליאָנען

און מיליאַרדן אויפֿן חדר. אונטער דער פֿאָרם פֿון חדר האָבן זיך איינגעאָרדנט אמת'ע קאָנפֿעסיאָנעלע שולן מיט 50 און מער תּלמידים, די אַזוי־גערופֿענע „געזעלשאַפֿטלעכע חדרים" פֿאַר אָרעמע קינדער . . . ס'איז דער־בראַצלאַווערס קבר", און די קאָמוניסטן רופֿן צו האָבן אַן אויג אויף דער גאַנגען דערצו, אַז די חדרים האָבן אָנגעהויבן צוציען צו זיך די לערער פֿון די סאָוועטישע יידישע שולן" . . .

מיט 15 יאָר שפּעטער האָבן נאָך פֿונקציאָנירט האַלב־לעגאַל און אומלעגאַל אַזעלכע חדרים און ישיבות, — אָפּט באַוועגלעכע, פֿאַר אָרעמע קינדער, — דער לימוד איז בחינם, און דערצו האָט מען געגעבן די תּלמידים אָנבייסן, אויך אַן געלט. און די ראָלע פֿון די מלמדים איז, נאַטירלעך, געוואַקסן, ווי די ראָלע פֿון די רבנים.

די קאָמוניסטישע פּרעסע אין איר קאַמף מיט דער רעליגיע שטרעבט צו קאָמפּראָמעטירן די כּלי־קודש, — סיי פּאָליטיש, סיי מאָראַליש.

אין „עמעס" (פֿון 17־טן פֿעברואַר) האָט מען געקאָנט לייענען, — אַז אין אומאַן קומען צופֿאָרן פֿון אויסלאַנד „כּאָפּטעס רבנים און גוטע יידן". דאָס זיינען אַלץ בראַצלאַווער חסידים און זיי קומען צופֿאָרן „כּלומרשט אויפֿן בראַצלאַווערס קבר", און די קאָמוניסטן רופֿן צו האָבן אַן אויג אויף דער דאָזיקער „אַנטי־סאָוועטישער נעסט", וואָס האָט אַ ווירקונג אויף דער באַפֿעלקערונג און „שלעפּט אַריין אין קלויז" פֿיל שול־קינדער.

אויב אייך זיינען ניט געגנוג די „בראַצלאַווער", האָט איר אַ נאָטיץ פֿון קיעוו, ווו ס'האָט זיך באַוויזן „לייבעלע דער טרעפֿער", וועלכער האָט אַ גרויסע ווירקונג אין אַ גאַנצער ריי שטעטלעך („עמעס, 9־טער יוני, 1937).

די רבנים מישן זיך אין פּאָליטיק, אין די וואַלן, און דערביי נוצן זיי אויס זייער ווירקונג אויף די אַרבעטער, פּרוּוון שפּילן די ראָלע פֿון אַן „אַרביטער" אַאַז"וו. (זע „עמעס" פֿון 17־טן פֿעברואַר, 1938). אין אַ שטעטל פֿון ווייס־רוסלאַנד, — לייענען מיר אין דעם זאַמלבוך „די קריגערישע גאָטלאָזיקייט", — האָט מען געקליבן אַ רב. זיינען געווען אַרויסגעשטעלט צוויי קאַנדידאַטן: אַ בורזשואַזער רב און אַ פּראָלעטאַרישער רב. און מיט דער הילף פֿון די אַרבעטער האָט געזיגט דער „פּראָלעטאַרישער רב". אין דעם זעלבן זאַמלבוך (ז' 257) ווערט דערציילט וועגן אַן אַנדער רב, וואָס האָט געהאַלטן אַ דרשה אין מאַכאַטש־קאַלאַ און דערביי אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער פּראָצעס קעגן די מענשעוויקעס איז אַן אויסדרוק פֿון רדיפֿות אויף יידן, — די רדיפֿות אויף יידן, וואָס פֿאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן.

אין זשורנאל „בעזבאזשניק" (פון 21־טן סעפטעמבער 1938) איז גע-וועז אפגעדרוקט א באריכט וועגן דער יידישער קאנטר־רעוואלוציע אין מאס־קווע. דער רב מעדאליע, דער געוועזענער הענדלער אורינסאן און דער געווע-זענער פאבריקאנט בראודע און „אנדערע קלעריקאלע אויטאריטעטן" האבן געהערט „צו די אזוי־גערופענע חסידים" און געשמט אלס אנהענגער פון דעם „אנטי־סאוועטישן רב שנייערסאן, וואס געפינט זיך איצט אין אויסלאנד".

אין וואס איז באשטאנען דאס פארברעכן פון די רעליגיעזע קאנטר־רעוואלוציאנערן? זיי האבן צוגעגרייט און פארקויפט מצות, זיי האבן גע־שאפן „געהיימע" איינקונפטן: פון דעם פארקויף פון די פלעצער אין דער שול, פון עליות, פון באגראבן די טויטע אאז"וו. פאר די דאזיקע איינקונפטן האבן זיי געשאפן א גאנצע נעץ פון אומלעגאלע חדרים און פון צוויי ישיבות אין מאסקווע. זיי האבן אויך געפירט אן אגיטאציע קעגן דער איבערוואנ־דערונג קיין בירא־בידזשאן און געהאט פארבינדונגען מיט די טוריסטן פון אויסלאנד. ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז די אייזערנע האנט פון דער דיקטאטור האט געמאכט א סוף צו דער טעטיקייט פון די „אזוי־גערופענע חסידים".

אזוי ווי מיר האבן שוין דערמאנט דעם ליובאוויטשער רבי, איז אינ-טערעסאנט צו דערמאנען זיך די געשיכטע מיט זיין ארויספארן פון רוסלאנד. מיר נעמען זי ארויס פון ניו־יארקער „פארווערטס", פון אן ארטיקל פון שאול גינזבורג, פון 9־טן מאי 1937: „די אמאליקע יידישע פעטער־בורג".

„איין צייט, — שרייבט ש. גינזבורג, — האט זיך אין פעטערבורג אויפ־געהאלטן דער ליובאוויטשער רבי, י. שניאורסאן. ער פלעגט באקומען געלט אויף צו שטיצן געהיימע ישיבות און האט אנטוויקלט א גאנץ ברייטע טע־טיקייט. דאס איז געווארן א מין ארטאדאקסאלער צענטר. חסידים פלעגן צו אים קומען פון פארשיידענע געגנטן. די פעטערבורגער „יעווסעקן" האבן דערויף געקוקט זייער קרום. מען האט אים ארעסטירט און אין דער טורמע גרויזאם באהאנדלט. ווען ער האט זיך איינמאל געשטעלט דאווענען אין תלית און תפילין, האט דער רויט-ארמייער, וואס האט אים באוואכט, דערפאר אים א שטארקן זעץ געטאן מיטן ביקס. מען וואלט אים געווים פארשיקט, נאר דא איז מיט אים געשען א נס. די סאוועט-רעגירונג האט געהאלטן ביים שליסן א האנדלס־אפמאך מיט לאטוויע, אין וועלכן זי איז געווען זייער פאראינטע־

רעסירט. אינם לאַטווישן פּאַרלאַמענט איז דאַן געווען אַ היפּשע צאָל יידישע דעפּוטאַטן, וואָס זייערע שטימען וואָלטן געקאָנט אַנטשיידן די באַשטעטיקונג פון דעם אָפּמאַך. האָבן זיי דערקלערט דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר, אַז זיי וועלן שטימען פאַר דעם האַנדלס־אָפּמאַך נאָר אין יענעם פאַל, אויב מען וועט אַרויסלאָזן דעם ליובאַוויטשער רבי פון רוסלאַנד. די סאָוועטישע רעגירונג איז דערויף איינגעגאַנגען, און שניאורסאָן איז געראַטעוועט געוואָרן".

און נאָך אַ שטריך, אויך פאַרבונדן מיט אויסלאַנד, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף דעם צושטאַנד פון דער רעליגיעזער פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין ווילנע איז אָנהייב 1939 פאָרגעקומען אַ פּראָצעס אין קרייז-געריכט: ש. בערמאַן איז אָנגעקלאָגט געוואָרן „אין שמוגלען קיין ראַטן־פאַרבאַנד תּפילין, מזוזות, טליתים און אַנדערע ענלעכע זאַכן" (זע „פאָלקס־צייטונג" פון 3־טן פעברואַר, 1939). „לויטן באַשולדיקונגס־אַקט, — לייענען מיר ווייטער, — האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט אַ געזעלשאַפט, וועלכע פלעגט אויפקויפן די זאַכן און זיי דאָרט פאַרשפּרייטן אומלעגאַל"...

2.

מענטשן און מידות

„עמעס" האָט באַשריבן צוויי טיפּן יידן אין דער יידישער קאָלאָניע (זע נומער פון 2־טן אָקטאָבער, 1936). ביידע — קאָלווירטניקעס, ביידע — בריגאַדירן, ביידע — אַקטיוויסטן. און ווי פאַרשיידן זיי זיינען, טראָץ זייער אויסגעשפּראָכענער סאָוועטישקייט.

עס האַנדלט זיך ווידער וועגן דער יידישער רעליגיע, — און פאַר אונז שטייען אויף צוויי טיפּן:

איינער איז חיים לערנער. — ביז ווען האָט איר געגלויבט אין רעליגיע? — פרעגט מען אים. — ביז 1934 — ענטפערט ער. „מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער נאָך געבאַקט מצות, געווען רעליגיעז, געגאַנגען דאַווענען און געהאַלטן ביי זיך אַ מנין". און מיט אַמאָל — אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע!

מען האָט זיך, מסתּמא, אָנגעזעצט אויף אים מיט דער גאַנצער אַרטי־

לעריע. סטייטש, א „בריגאַדיר פון אַ טראַקטאָר־אטריאַד", און דער „סטאַלפּ" האָט זיך אונטערגעגעבן: „האָט חיים פאַרשטאַנען דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן תּוך פון דער רעליגיע און זיך פון איר אָפּגעזאָגט". ער האָט אויפגעהערט באַקן מצות, אַרויסגעשטעלט דעם מנין פון זיין שטוב און געוואָרן אַ קריגערישער אפּיקורס.

און אָט איז אַ צווייטער ייד, מיכאל רוטמאַן, 33 יאָר אַלט, — פון דעם קאָלכאָז „אוואַנגאַרד". אין סאָוועטישן זין האָט ער זיך נאָך מער אויסגעצייכנט. ער איז „אַן אַקטיוויסט, אַ בריגאַדיר אויפן גאָרטן, פאָר־זיצער פון אַ דעפּוטאַטן־גרופּע, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דאָרפראַט", — און „איז דאָך רעליגיעז!" — מוסרט אים די רעדאַקציע פון „עמעס". און אַ מנין, וואָס חיים לערנער האָט פון זיך אַרויסגעטריבן, האָט מיכאל רוטמאַן צו זיך אין שטוב אַריינגענומען.

***

ווען מען שטעלט זיך די פראַגע: ווער איז, אייגנטלעך, דער נייער ייד אין דעם רעוואָלוציאָנערן לאַנד, קומען די קאָמוניסטן און זאָגן: דער נייער ייד איז — דער „חזירים-ייד", דער ייד, וואָס האָדעוועט חזירים. אויף אַ באַראַטונג אין „עמעס", 29-טן מאַי 1938, האָט געהאַלטן אַ רעדע איינער אַ זאַכאַרעוויטש, וועלכער האָט אין באַשטאַנד פון אַ מאָסקווער דעלעגאַציע באַזוכט ביראָ־בידזשאַן צום 10־טן יובל און אין דער דאָזיקער רעדע האָט ער מיט גרויס פּאַטאָס געזאָגט: „מען דאַרף זען, ווי אַזוי דער קאָלווירטניק אַבראַמסקי (פון קאָלווירט „איקאָר") האָדעוועט די חזירימלעך, מיט וואָס פאַר אַ ליבע און קענטשאַפט ער פּאַסט אויף זיי אויף, כּדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג די ראַטן־מאַכט האָט אַריינגעטראָגן אינם לעבן און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די סאָוועטישע יידן".

דער „חזירים-ייד" איז טאַקע אַ נייע דערשיינונג אין יידישן לעבן. און ווען מען קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צו דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג, קאָן מען ניט אָפּלייקענען, אַז די חזירים־צוכט פאַרנעמט דאָרטן אַ גאַנץ חשובן אָרט אין דער יידישער ווירטשאַפט. לויט די דאַטן, וואָס עס ברענגט ל. זינגער (אין זיין ביכל פון יאָר 1941), קומט אויס, אַז אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן האָט זיך די צאָל חזירים פאַר איין יאָר, פון 1935 ביז 1936, פאַרמערט פון 1,990 ביז 4,798 חזירים און אין סטאַלינגראַדער

ראיאָן האָט די צאָל חזירים זיך פאַרגרעסערט פאַר 5 יאָר — 1934—1939 — פון 2,873 ביז 8,168. אויב דאָס זיינען אפילו ניט אינגאַנצן „יידישע" חזירים, איז דאָך פּאַרט קלאָר, אַז צווישן די יידישע ערד־אַרבעטער האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייער טיפּ ייד: אַ „חזירים־ייד"... אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז די גאַנצע יידישע ערד־אַרבעטערשאַפט בילדעט איצט ניט קיין גרויסן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. איז דאָך פאַר־שטענדלעך, אויב עס ווילט זיך אַביסל באַפרייען פון אַזעלכע און ענלעכע פאַרשטעלונגען וועגן דעם נייעם טיפּ יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דאַן קומען אַנדערע קאָמוניסטן, וואָס באַאָבאַכטן די ענדערונגען אין דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג און זוכן אַן אַנדער ענטפער. אויף אַן אַנדער באַראַטונג אין „עמעס" (22־טער מערץ 1938), געווידמעט דער דראַזיקער טעמע פון אַן אייגנאַרטיקן שטאַנדפּונקט — פון דעם יידישן טעאַטער, — איז אַרויסגעטראָטן דער באַרימטער יידישער שוישפּילער מיכאָעלס און געזאָגט, אַז די גרונט־אויפגאַבע פון טעאַטער איז צו שאַפן „העראָאיק" און באַווייזן דעם פּובליקום אַ נייע יידישע געשטאַלט, אַ נייעם מאָדערנעם טיפּ יידן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ייד? דאָס איז די געשטאַלט פון אַ „יידן — אַ קריגער, אַ יידן — אַ סאָוועטישן קאָמאַנדיר". דאָס איז אַ ייד — אַ לייטענאַנט, אַן אוויאַטאָר, אַ פּאַראַשוטיסט, אַ גרענעץ־וועכטער, אַ טשעקיסט. מיט אַזאַ מין יידן, מיט אַזאַ „העלד אין יוניפאָרם", זוכט מען צו שאַפן „העראָאיק" אין יידישן טעאַטער, וואָס ליידט פון דוחק אין געשטאַלטן, וואָס זאָל מער אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציע, ווי „טביה דער מילכיקער", „בנימין השלישי" אָדער „סענדערל — די יידענע". די „זוכענישן" פון דעם יידישן טעאַטער אין מאָסקווע זיינען געוויס דיקטירט דורך די פאָדערונגען פון דעם נאַציאָנאַליסטישן, פּאַטריאָטישן קורס אין סאָוועט־רוסלאַנד, און די יידן־קאָמוניסטן סטאַרעווען זיך אין זייער סביבה אָפּשפּיגלען די דראַזיקע נייע טענדענצן און מאַכן אַ מין געמיש פון סובאַ־ראַוון און בר־כּוכבא. אָבער מען דאַרף טאַקע צוגעבן, אַז אין נייעם רוס־לאַנד איז אַ „קריגערישער" טיפּ ייד געוואָרן אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג. אין דער שטילקייט פון פּאַטריאַרכאַלן שטעטל האָבן, אַפּנים, געדרימעלט און געוואַרט אויף זייער שעה באַהאַלטענע, פאַרגליווערטע אַדמיניסטראַ־טיווע און אַפילו מיליטערישע נייגונגען און נטיות. דער טיפּ פון אַ יידישן

אַפּיציר האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין יידישן לעבן און פאַרדינט אַליין פאַר זיך אַ באַזונדערן אינטער־רעס. און שוין נאָך דעם, ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד, איז די ראָלע און די ווירקונג פון יידישע „קריגער" פילפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן אין יידישן לעבן. איציק פעפער, אין אַ רעדע אין ניו־יאָרק (דעם 8־טן יולי 1943) האָט באַמערקט, פאַרבייגייענדיק, — אפשר ניט אָן אַ דיכטערישער איבערטרייבונג, — אַז אין דער רויטער אַרמיי זיינען מער פון 10 טויזנט יידן דעקאָרירט מיט אָרדנס, און מער פון 100 יידישע גענעראַלן זיינען פאַראַן אין דער אַרמיי.

ווי עס זאָל אָבער ניט זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר די היינטיקע יידן אין רוסלאַנד סיי דער „חזירים-ייד" פון די דעקלאַסירטע קליינבירגער, סיי דער אַפּיציר צווישן די יידן-„ווידוויזשענצעס", איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון אַ נייעם ייד אין נייעם רוסלאַנד גרעסער און אינטערעסאַנטער פון די דאָזיקע דערשיינונגען. דאָס בילד פון די ענדערונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט מיט זיך געבראַכט, איז פיל בונטער און פאַרביקער. פון שטאַנדפּונקט פון אַ קינסטלער, ווען ער גייט צו צום יידישן לעבן, שטייט אויף פאַר זיינע אויגן אַ גאַנצע גאַלעריע געשטאַלטן, וואָס זיינען נאָך כמעט ניט באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע. לאָמיר זיך דערמאָנען די פירער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס זיינען געקומען פון די יידישע רייען. אין קדשי־קדשים פון דער רעוואָלוציע, אין פּאָליט־ביוראָ, זיינען דאָך יאָרן־לאַנג געווען פאַרטראָטן יידן, און וויפיל יידן האָבן געבילדעט דאָס אוי־בערשטע פון שטויסל אין דער סיסטעם פון דיקטאַטור, אין דער אַדמיניס־טראַטיווער און ווירטשאַפטלעכער מאַשין. דאָס האָט ניט ביי איין אַנטי־סעמיט אין דער וועלט אַרויסגערופן די ערנסטע איבערצייגונג, אַז „יידן רעגירן אין רוסלאַנד", אַז די רעוואָלוציע איז, אייגנטלעך, אַ „יידישע אויס־טראַכטעניש" און אַז די יידן זיינען באָלשעוויקעס, ווייל . . . די באָל־שעוויקעס זיינען יידן. און ווען סטאַלין האָט אויף די מאָסקווער פּראָ־צעסן (און אָן פּראָצעסן און געריכטן) ליקווידירט כמעט אַלע, אָן אויס־נאַם, תלמידים און מיטאַרבעטער פון לענין־טראָצקי, — האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן, אַז צווישן דער אויסגעהרגעטער „אָפּאָזיציע" פאַר־נעמען די יידן — דעם ערשטן אָרט סיי קוואַנטיטאַטיוו סיי קוואַליטאַ־טיוו . . . יאָ, עס איז באַוווּסט, אַז אויך אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּע

און אמעריקע זיינען פאראן ניט זעלטן יידן־מיניסטארן, יידן־גענעראלן אאז"וו. אבער דער פאקט פון דעם פילצאליקן אריינדרינג פון די יידן אויף די הויכע פאסטנס אין מלוכה־פארטיי־מיליטער־אפאראט איז באמת ביישפיללאז.

און צום יידן־אפיציר און צום יידן אין פאליטיק דארפן מיר צוגעבן נאך פיל אנדערע יידישע געשטאלטן, וואס זיינען אין אזא גרויסער צאל קיינמאל ניט געווען באקאנט ביי אונז. מיר האבן דא אין זינען די געוויינלעכע, פשוטע יידן, וואס פילן אבער אויס זייער וויכטיקע פונקציעס אין סאוועטישן לעבן, — אלס „ספעצן"־אינזשענערן, טעכניקער, טראקטאר־סיסטן, קאמביינער, אגראנאמען, שאפערן אאז"וו. די נייע בארופן, די נייע פראפעסיעס לייגן געוויס ארויף זייער שטעמפל אויף דער פארמירונג פון א נייעם טיפ ייד אין רוסלאנד. ער איז פיל בונטער, אינטערעסאנטער און קאמפליצירטער פון דעם „חזרים־ייד". ער איז א נייע באשעפעניש לויט זיין ביאגראפיע, לויט זיין פסיכאלאגיע און מאראל. מען דארף זיך אויפמערקזאם צוקוקן צו דעם מענטשן, וואס איז אויסגעוואקסן אין שטורם־און־דראנג פון דער רעוואלוציע, און צו די מידות, וואס האבן זיך דארט באפעסטיקט.

⁂

אלס שטענדיקער לייענער פון דער סאוועטישער פרעסע, בין איך פשוט טיף דאנקבאר, ווען איך שטויס זיך אן אויף א נאטיץ וועגן דער מאטעריעלער לאגע פון די בירגער, אדער אויף א קאנקרעטן בילד פון דעם דארטיקן לעבנס־שטייגער. דאס איז אבער זייער א זעלטענער פאל. וועגן די „סטאכאנאווצעס", וועגן די „חשובע מענטשן" — די ארדנטרעגער, אדער וועגן די קאלכאזניקעס־„מיליאנטשיקעס" — דערציילט מען פון פאל צו פאל נסים ונפלאות, — ווי אזוי זיי האבן זיך „אויסגעצייכנט" אין די פארשיידענע „פארמעסטונגען" און „סאציאליסטישן געוועט", און ווי אזוי זיי האבן באקומען פון דער רעגירונג א מתנה: צען טויזנט רובל, אן אויטאמאביל, א פאטעפאן. מען דערציילט אמאל אויך, ווי אזוי די „מיליאנטשיקעס" אין די קאלכאזן ארגאניזירן ביי זיך אין דער היים א יום־טוב לכבוד א זון — א לייטענאנט, ווען ער קומט צו־גאסט, און מיט וואס פאר א מאכלים מען באשטעלט די טישן. אזעלכע בילדער דארפן

אילוסטרירן און באַשטעטיקן די אָפיציעלע סאָוועטישע טעזע, לויט וועלכער עס קומט אויס, אַז „דאָס לעבן ווערט אַלץ רייכער און גליקלעכער" אַדאַנק דער קלוגער פירערשאַפט פון דעם פירער.

ווען איר ווילט אָבער אַראָפּלאָזן זיך אַביסל נידעריקער, אויף אַ ריי ווייטערדיקע עטאַפּן פון סאָציאַלן לייטער, און דערוויסן זיך, ווי עס לעבט זיך אין נייעם רוסלאַנד דעם פּשוטן בשר ודם, דעם ניט־ייִד אָדער דעם ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, — זיינען כּמעט אַלע אייערע באַמיאונגען בחינם. דער אַרבעט־לוין, די פּרייזן אויף ברויט, פּוטער און פלייש, די פאַרזאָרגונג מיט קליידער און שיך, די וווינונגס־נויט, — דאָס אַלץ, וואָס אין די פרידנס־צייטן שטייט שטענדיק, נאַטירלעך, אין צענטר פון לעבנס־אינטערעס פון יעדן מענטשן אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, — דאָס עקזיסטירט ניט און אינטערעסירט ניט די סאָוועטישע פּרעסע, די סאָוועטישע „געזעלשאַפטלעכע מיינונג". מען קאָן אַמאָל מיינען, אַז די סטאַליניסטן זיינען אויף אַזאַ גראַד איבערפילט מיט „גייסט", מיט רוחניות, אַז וועגן די מיאוסע „מאַטעריע", וועגן די טאָג־טעגלעכע מאַטעריעלע זאָרגן פון דער באַפעלקערונג איז פּשוט געוואָרן „טאַקטלאָז" צו ריידן. די „העלדן" פון דעם 9-טן טערמידאָר אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (נאָך דער קעפּונג פון ראָבעספּיערן) האָבן אויך זייער פיינט געהאַט, ווען מען האָט „טאַקטלאָז" דערמאָנט זיי וועגן די נויטן פונם פּשוטן פאָלק. אַזוי איז אויך, אַפּנים, די פּסיכאָלאָגיע פון די „אויבערשטע צען טויזנט" אין היינטיקן רוסלאַנד, ווו נאָך ניט לאַנג איז געווען זייער אָנגענומען צו פּלאַפּלען וועגן דער אימפּעריאַליסטישער עקספּלואַטאַציע פון די ענגלענדער אין די קאָלאָניעס און וועגן דעם, ווי די אַרבעטסלאָזע אין אַמעריקע פאַלן אין חלשות אין די גאַסן, — אָבער ווו מען פאַרשוויגט אַלץ, וואָס איז שייך די ליידן און דער נויט פון די סאָוועטישע מענטשן. אָבער דאָס פאָלק מיט זיינע ליידן און זאָרגן עקזיסטירט דאָך אין דער ווירקלעכקייט. ניט אַלע זיינען געוואָרן „מיליאָנטשיקעס" און ניט אַלע זיינען באַלוינט מיט אָרדנס. עס זיינען נאָך געבליבן אויפן רוסישן שטח אַ פּאָר צענדליק משפּחות, אויך צווישן ייִדן, וואָס קאָנען נאָך דערציילן וועגן פאַרשיידענע „דורכפאַלן" פון דער סיסטעם פון דיקטאַטור. מיר דאַרפן על כּל פּנים ניט פאַרגעסן, אַז דער גרענעץ צווישן „פּראָלעטאַריזאַציע" און „פּאַופּעריזאַציע" אין סאָוועט־רוסלאַנד גייט דורך זייער נאָענט.

***

נאָר איין־איינציקע אילוסטראַציע פאַר דעם סאָוועטישן, אַלט־נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס דעקט אויף פאַר אונז די אייגנאַרטיקייט פון דער סאָוועטישער פסיכאָלאָגיע און מאָראַל.

דער „עמעס״ (פון 17־טן פעברואַר, 1937) דערציילט, אַז אין קיעוו פונקציאָנירט אַ יידישער פאָלקס־גערירכט. אין דעם דאָזיקן געריכט, ווו די געריכטספירונג קומט פאָר אין יידיש און ווו די ריכטער זיינען, נאַטירלעך, יידן, זיינען דורכגעגאַנגען אין יאָר 1936 — 1,175 ענינים, פון זיי — 75 קרימינעלע און 1,100 — ציווילע. פון די אַלע ציווילע ענינים זיינען כמעט 50 פּראָצענט — 472, געווען די ענינים וועגן „אַלימענטן״. אַזוי שרייבט אין „עמעס״ דער טוער פון דעם יידישן געריכט ע. סאַפּיאַן, און גיט דערביי צו אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג, וואָס דאַרף אַביסל באַלויכטן די אומפאַרשטענדלעכע לאַגע: אונטער „אַלימענטן״ פאַרשטייט מען, געוויינלעך, די אָפּצאָלונגען, וואָס אַ פאָטער דאַרף געבן דער מוטער פאַר דער פאַרזאָרגונג פון זיין „אומגעזעצלעכן״ קינד. איז אין קיעוו, אין 1936, געווען אַזויפיל פאַלן צווישן יידן, וועלכע מען האָט געדאַרפט רעגולירן דורכן געריכט? ניין, די זאַך איז גאַנץ אַנדערש.

„דאָס ווערט דערקלערט דערמיט, — שרייבט סאַפּיאַן, — וואָס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען אַ סך אַזעלכע אַלטע, וואָס האָבן קיין רעכט ניט געהאַט אויף סאָצ־סטראַך־הילף איבער זייער פאַרגאַנגענהייט, ווענדן זיי זיך דורכן געריכט, וועגן באַקומען שטיצע פון זייערע קינדער, וואָס אַרבעטן אין פאַרשיידענע סאָוועטישע אַנשטאַלטן, פאַבריקן און זאַוואָדן״ . . .

לייענט, זייט אַזוי גוט, נאָך אַ מאָל די „דערקלערונג״, וואָס עס גיט אונז דער קאָרעספּאָנדענט פון „עמעס״, — ווייל זי איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נייעם לעבנס־שטייגער פון נייעם רוסלאַנד. ערשטנס, דערוויסט איר זיך, אַז צווישן די יידן אין קיעוו זיינען געווען אין יאָר 1936 (און אפשר זיינען געבליבן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן) עטלעכע הונדערט, אָרום אַ האַלבער טויזנט אַלטע יידן, וואָס באַקומען ניט קיין פּענסיע פון דער רעגירונג און קאָנען אויך ווייטער זיי ניט באַקומען, „איבער זייער פאַרגאַנגענהייט״, ד״ה ווייל זיי זיינען אַמאָל, מיט צוואַנציק

יאָר צוריק, געוועז הענדלער, בעלי־מלאָכות און אנדערע סאָרטן „בור־זשואַ”. צווייטנס, און דאָס איז אויך זייער וויכטיק, — די אַלטע לייט, פאַר וועלכע די רעגירונג האָט זיך פולקאָם אָפּגעזאָגט צו זאָרגן, האָבן אין קיעוו דערוואַקסענע קינדער, — פאַרדינער, וואָס קאָנען געבן די נויטיקע שטיצע זייערע אַלטע עלטערן, וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט „אויסער דעם געזעץ”. דריטנס, זיינען טאַקע די קינדער פון די דאָזיקע אַלטע לייט — אָנגעשטעלטע, באַאַמטע און אַרבעטער אין די סאָוועטישע קאָמיסאַריאַטן און אונטערנעמונגען, ד״ה אַז זיי האָבן אַ געוויסע מאַטעריעלע מעגלעכ־קייט צו העלפן זייערע הילפלאָזע אַלטע עלטערן. איז שטעלט זיך די קשיא: מיט וואָס האָט דאָ צו טאָן דער סאָוועטישער יידישער געריכט? פאַרוואָס דאַרפן די אַלטע לייט זוכן די „אַלימענטן”, די שטיצע פון די קינדער, דורכן געריכט? דערפאַר אפשר, ווייל די אויסגעהאָדעוועטע פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע יידישע קינדער ווילן ניט העלפן זייערע אָרעמע און אַלטע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זיינען פון דער מלוכה פּאַקטיש פאַראורטיילט צו הונגערן און שטאַרבן, און נאָר מיטן כּוח פון געריכט, מיט זיין געזעץ קאָן מען צווינגען די דאָזיקע קינדער כאָטש אַביסל רחמנות צו האָבן אויף די עלטערן? אָדער אפשר האָבן די קינדער פּשוט מורא צו פאַרלירן זייערע פּאָסטנס, זייערע פּאַרטיי־קאַרטלעך אאז״וו, ווען זיי וועלן אָן צוואַנג אַריינטרעטן אין נאָענטע באַציאונגען מיט מענטשן פון אַ „טונקעלער” פאַרגאַנגענהייט, מיט געוועזענע הענדלער און בעלי־מלאָכות, און טראָגן פאַר זיי געוויסע מאַטעריעלע זאָרגן, ווייל זיי זיינען אַלט און אַרבעטס־אומפעאיק, — כאָטש די דאָזיקע מענטשן, די „אַלי־מענטן־זוכער”, זיינען זייערע טאַטעס און מאַמעס? . . . אַזוי צי אַנ־דערש . . . אָבער ווער וועט אָפּלייקענען, אַז אַזאַ געשיכטע וואַרפט אַ באַזונדערן ליכט אויף דעם סאָוועטישן לעבנס־שטייגער מיט זיינע מידות און מנהגים און זיין ספּעציפישער מאָראַל, וואָס נעמט זיך אַזוי שטענדיק איבער אַנטקעגן דער בורזשואַזער מאָראַל?